Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

Farbkarte #13
B.I.G.
Inches
Centimetres
Blue Cyan Green Yellow Red Magenta White 3/Color Black

R H

כלל-פארלאג

<u>Tabele</u>: 1. Populația evreiască în diverse țări (pag. 18-19) — 1897-1911 — 12144231

2. idem (pag. 179-180) — 1910-1919 — 15763362
[[1.44% din pop. lumei, care este 1090935678, minus China, Japonia, și alte quasi-fără evrei]]

3. Din 100 evrei locuesc la oraș (pag. 22-23) — 1897-1910: 48.84% — 95%

4. Distribuția evreilor în Rusia (pag. 42) — 1897 % la țară: 17.58% media

BD 6830 LES

יעקב לעשצינסקי

דאס אידישע פאָלק אין ציפערן

O.P.C.N. BUCURESTI

כלל-פארלאג
בערלין 1922 — תרפ"ב

Klal-Verlag, Berlin SW. 68, Verlängerte Charlottenstr. 1B

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922

2203

דרוק פון וו. דרוגולין, לייפציג.

Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
98032315

די אידן אין דער גאָרער וועלט

קאַפּיטלאַך

		זייטע
	הקדמה	9—12
קאפיטל I:	די צאל אידן אין דער וועלט	13—16
" II:	אידן אין פארשיידענע לענדער און מלוכות	17—28
" III:	דער וואוקס פון די אידן אין רוסלאנד און אין פארשיידענע קאנטן פון רוסלאנד	29—40
" IV:	די איינטיילונג פון די אידן אין רוסלאנד לויט די קאנטן און פונקטן	41—51
" V:	דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון די 25 גובערניעס פון תחום	52—68
" VI:	די קאנצענטראציע פון די אידן אין גרויסע קהלות	69—82
" VII:	די אידן אין באלטישן קאנט, צענטראל־רוסלאנד, קאווקאז און סיביר	83—84
" VIII:	דער וואוקס פון די אידן אין עסטרייך און אין פארשיידענע קאנטן אירע	85—97
" IX:	די אידן אין פארשיידענע טיפן וואוין־ערטער פון עסטרייך	98—111
" X:	די אידן אין אונגארן	112—118
" XI:	די אידן אין דייטשלאנד	119—138
" XII:	די אידן אין רומעניע	139—144
" XIII:	די אידן אין ענגלאנד	145—147
" XIV:	די אידן אין האלאנד	148—151
" XV:	די אידן אין פראנקרייך, בעלגיע און אין אנדערע אייראפייאישע מלוכות	152—158
" XVI:	די אידן אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע	159—166
" XVII:	די אידן אין ארגענטינע און קאנאדע	167—168
" XVIII:	די אידן אין דער טערקיי	169—171
" XIX:	די אידן אין אפריקע	172—173
" XX:	די אידן אין אויסטראליע	174
	שלוס־ווארט	175—188

הקדמה

דאס בוך, וואס ווערט דא פארגעלעגט דעם לעזער, שטרעבט צו זיין איינציטיג אי א לערן־בוך, אי א לייען־בוך, אי א האנט־בוך. צו ארים זיינען מיר אין וויסנשאפטליכער ליטעראטור און אין וויסנשאפטליכע כחות, אז מיר זאלן זיך קאנען דערלויבן דעם „לוקסוס" פון שאפן ספעציעלע ביכער פאר יעדן מין לעזער און פאר יעדער אָרט באדערפעניש. די חסרונות, וואס שטעקן אין דער דאזיגער פילזייטיקייט פון בוך, זיינען גוט באקאנט דעם מחבר, נאר ער האט זיי בשום אופן ניט געקאנט אויסמיידן — און די קריטיק, ווי שטרענג זי זאל ניט זיין אין אלע איבעריגע פרטים, מוז זי אויף דעם דאזיגן חסרון פון לכתחילה אָן מוחל זיין.

אונז פעלט א בוך, וואס פון אים זאל מען קאנען לערנען מיט דערוואקסענע אויף אוונט־קורסן, אין פאלק־אוניווערסיטעטן, אין העכערע קלאסן פו מיטל־שולן דאס אידישע לעבן אויפן גרונט פון ציפערן, אויפן גרונט פון אביעקטיווע דאטן. מיר מאכן די ערשטע פראבע צו געבן אזא בוך. מיר האבן זיך געפלייסט, די שפראך זאל זיין פאפולער, צוגענגליך; יעדער ענין זאל באהאנדלט ווערן ניט „הויך־וויסנשאפטליך", נאר פשוט, אין א מענשליכער שפראך. דער טעקסט איז אומעטום געגעבן אנגעזאפט מיטן אינהאלט פון די טאבעלן, אזוי אז דער ניטצוגעגרייטער לעזער, וואס קאן ניט אדער וויל ניט זיך גריבלען אין די טאבעלן, קאן זיך באגעניגענען מיטן טעקסט אליין. לכתחילה האבן מיר געהאט בדעה צו געבן דעם טעקסט מיט צווייערליי שריפטן: מיט גרעסערן דעם צוגענגליכערן טייל פארן פשוטערן תלמיד און מיט קלענערן שריפט דעם האַרבערן טייל פארן העכערן מין תלמיד. ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזן פאר זעהר שווער דאס דורכצופירן, און די דאזיגע ארבעט פון צופאסן זיך צום קאנקרעטן תלמיד האט געמוזט איבערגעלאזט ווערן פאר דעם לערער גופא. דער לערער, האבנדיג פאר זיך דעם לעבעדיגן קלאס מיט תלמידים, וועט אליין בעסער קאנען

באשטימען, וועלכע קאפיטלאך אדער זייטלאך דארפן דורכגעלאזט ווערן נאר אין גאנצן אדער איבערגעלאזט ווערן צום סוף, ווען דער קלאס וועט שוין זיין מער אדער ווייניגער צוגעגרייט צום ענין. נאך יעדן קאפיטל קומען פראַגעס, וואס געבן א מעגליכקייט דעם לערער צו איבערחזרן דאס דורכגעלערנטע און אויך צו קאנטראלירן די קענטעניש פון די תּלמידים.

דאס בוך וויל אבער זיין אויך א לייען־בוך — א לייען־בוך פארן טיפּיש אידישן נים־דיפערענצירטן לעזער. אט דער אידישער לעזער האט געוויס א אינ־טערעס צו וויסן, וויפיל אידן זיינען דא אויף דער וועלט, וואו וואוינען זיי, מיט וואס פארנעמען זיי זיך, ווי גרויס איז די צאל געבורטן און ווי גרויס איז די שטארבליכקייט ביי אידן, ווי איז דער קולטורעלער צושטאנד פון פארשיידענע טיילן און פון פארשיידענע קלאסן פון פאלק און צענדליגער אנדערע אזעלכע פראַגעס. געבן אט דעם לעזער אין א פאפולערער פארם א בילד וועגן אט די אלע זייטן פון אידישן לעבן אויפן גרונט פון ציפערן, באלויכטן און אילוסטרירט מיט ציפערן; געבן דאס אלץ אין אזא פארם, אז ער זאל עס קאנען גרינג איבערלייענען און, אפשר נים געדענקנדיג קיין איינצעלקייטן, באקומען א קלארע און לעבעדיגע אלגעמיינע פארשטעלונג וועגן קאנקרעטן אידישן פאלק — אט דאס איז איינער פון די צילן פון בוך.

און נאך א זאך. אונז פעלט א האנט־בוך פארן לערער, פארן פאליטישן טוער, פארן שרייבער, פארן לעקטאר. א האנט־בוך, אין וועלכן יעדערער זאל קאנען געפינען די דאטע און די ציפער, וואס ער האט נויטיג. ער זאל גע־פינען מעגליך די לעצטע דאטע און די לעצטע ציפער. און נים נאר די לעצטע. זי דארף נאך דערצו זיין דערגאנצט און דערפילט אדער לכל הפחות באלויכטן פון דאטן און ציפערן פון א פריהערדיגער היסטארישער עפּאכע. צו דעם האט געשטרעבט דער מחבר און האט צוגעלעגט נים ווייניג מיה און אר־בעט, כדי וואס אפטער צו פארגלייכן דעם איצטיגן צושטאנד מיט דער פאר־גאנגענהייט.

אַט דאס זיינען אין קורצן די צילן, וואס דער מחבר האט זיך געשטעלט אין פארגעלעגטן בוך. אויף וויפיל דאס אלץ האט זיך אים איינגעגעבן, זאלן אנדערע משפטן.

פאַרן לעזער ליגט דערוויל נאר דער ערשטער טייל, וועלכער נעמט ארום, אזוי צו זאגן, די געאגראפיע פונם אידישן פאלק. דער צווייטער טייל וועט זיין געווידמעט דער אידישער דעמאגראפיע — דעם געשלעכטליכן און

עלטער־צוזאמענשטעל פונם אידישן פאלק; דער נאטירליכער באוועגונג פון אידישן פאלק (געבורטן, טויט־פאלן און חתונות; טויט־געבורטן און ממזרים; שמדן און געמישטע חתונות); דער מעכאנישער באוועגונג פון אידישן פאלק (עמיגראציע און אימיגראציע). דער דריטער טייל וועט זיך אפגעבן אין גאנצן מיט דער אידישער *עקאנאמיק* — מיט דעם פראפעסיאנעלן צוזאמענשטעל פון אידישן פאלק; מיט די סאציאלע גרופעס און קלאסן; מיט די פראפעסיאנעלע און עקאנאמישע ארגאניזאציעס א. א. וו. א. א. וו. דער פערטער טייל וועט זיין געווידמעט דער אידישער *קולטור* — דעם בילדונג־צושטאנד ביי פארשיידענע טיילן און קלאסן פון פאלק; די שול־אנשטאלטן; דעם אלפאבעטיזם און אנאלפאבעטיזם; די קולטורעלע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס א. א. וו. א. א. וו.

אט דאס וועט זיין דער אינהאלט פון בוך, וואס דארף, לויט זיין אידייע, געבן *מאטעריאל* וועגן אלע זייטן פון לעבן פון אידישן פאלק; מאטעריאל ציפערדיגן, סטאטיסטישן, אביעקטיוון. שוין לאנג צייט, אז דער אידישער לעזער זאל באקומען ניט נאר *מיינונגען* און *שטימונגען*, נאר אויך אביעקטיוון מאטעריאל, אביעקטיוון שטאף, וואס זאל קאנען געלעגט ווערן אין יסוד פון זיינע אייגענע דורכגעטראכטע מיינונגען, פון זיינע אייגענע איבערגעלעבטע און דורכגעלעבטע שטימונגען.

מיר פרעטענדירן ניט אויף דער קאלטער הויכער אביעקטיווקייט, וואס מאכט אין גאנצן טויט דעם מאטעריאל, וואס נעמט ארויס די לעבעדיגע נשמה פון די סטאטיסטישע רייהען. מיר מיינען אבער, אז מיר זיינען געווען גענוג אביעקטיוו און האבן געגעבן דעם לעזער דעם מאטעריאל אין אזא פארם, אז ס'איז געבליבן גענוג ארט פאר זיין זעלבשטענדיגן טראַכטן און פאר זיין זעלבשטענדיגן אויסטייטשן פון דעם זינען און אינהאלט פון די ציפערן און דאטן.

אין גאנצן בוך האבן מיר זיך געהאלטן ביי דער לאגע, וואס איז געווען *פאר* דער מלחמה. וואלטן מיר געוואלט זיך רעכענען מיט די פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע ענדערונגען, וואס זיינען פארגעקומען פאר די יארן פון דער מלחמה און פון די רעוואלוציעס, וואס האבן זי באגלייט — ענדערונגען, וואס זייער סוף זעהט מען נאך ניט, וואלטן מיר געמוזט זיך אין גאנצן אפזאגן פון אונזער ארבעט. די גרעניצן פון די מלוכות זיינען נאך ניט פעסטגעשטעלט; מיר ווייסן נאך ניט אפילו, וויפיל נייע מלוכות וועלן צוקומען אדער אומקומען אין דער וועלט; די עקאנאמישע חורבנות און עקאנאמישע אויפטוען פון דער

מלחמה און פון די רעוואלוציעס קאנען נאך ווייניגער אויסגערעכנט אדער אונטערגערעכנט ווערן; און קאן מען דאן ביי היינטיגן מאמענט, ווען די אלטע וועלט ראנגלט זיך מיט דער נייער, אונטערפירן א סך־הכל דער קולטורעלער רעוואלוציע, וואס איז פארגעקומען אין דער גאנצער מענשהייט פאר די לעצטע יארן? די כוואליעס פון לעבנס־ים, וואס האבן זיך ארויסגעריסן פון די ברעגעס, קאנען ניט ניט געציילט און ניט געוואוינן ווערן. מיר האָבן געמוזט דעריבער זיך אפשטעלן פאר דער מלחמה — און פשוט איגנארירן דערווייל דאס אלץ, וואס ס'האט זיך געביטן און געענדערט פאר די לעצטע פינף יאר.

אונזער ארבעט איז די ערשטע פון אזא אַרט ניט נאר אין דער אידישער שפראך. רופינס „די יודען דער געגענוואַרט" און פאסמאניקס „דער גורל פון אידישן פאלק" זיינען ביכער, וואס באנוצן אין א גרויסער מאס סטאטיסטישע דאטן, נאר אבער אויף אזוי פיל און אזעלכע, אויף וויפיל די דאזיגע דאטן אילוסטרירן און באווייזן זייערע גרונט־אידייען און גרונט־טענדענצן. דאס זיינען ציוניסטישע ביכער מיט א סך סטאטיסטישן מאטעריאל, אבער ניט קיין ווערק, וואס זאלן זיך שטעלן פאר א ציל געבן דעם לעזער דעם ג א נ צ ן מאטעריאל וועגן א ל ע טיילן און קלאסן פון אידישן פאלק. מיר מאכן די ערשטע פראבע — אהן א ספק וועט אונזער בוך אַרויס ניט אהן חסרונות און אהן דעפעקטן. נאך א זאך — דאס ווערק איז געשריבן אין קיעוו, אין א שטאט, וואו ס'איז אפט אוממעגליך געווען צו באקומען דעם נויטיגסטן בוך, דעם נויטיגסטן דאקו־מענט; א שטאט, וואו ס'איז ניט צובאקומען, למשל, אין קיין שום ביבליאטעק דעם איינציגן אידישן סטאטיסטישן זשורנאל „צייטשריפט פאַר דעמאגראפיע און סטאטיסטיק פון אידן". נאך ערגער פונם א ר ט איז געווען די צ י י ט, ווען מיר האבן אונזער אַרבעט פארטיג געמאכט. ס'איז גענוג צו זאגן, אז פאר די חדשים, וואס דאס ווערק איז ענדגילטיג פארענדיגט געווארן, האט קיעוו איבער־געלעבט דריי איבערקערענישן און אוקראינע עטליכע הונדערט פאגראמען.

אט ביי וואסערע באדינגונגען ס'איז אויסגעקומען צו ארבעטן. און דאס אלץ האט, נאטירליך, געמוזט ווי ניט איז ווירקן אויף דער ארבעט. אפליינן אבער די גאנצע זאך אויף בעסערע צייטן; אפוואַרטן, ביז וואנען ס'וועלן קומען בעסערע אָרט־באדינגונגען — ווער ווייסט ווען דאס וועט זיין?

קיעוו. 19 5/IX. 19   י. ל.

קאפיטל 1

די צאל אידן אין דער וועלט.

וויפיל זיינען פאראן איצט אידן אין דער גאנצער וועלט?

אט דאס איז די ערשטע וויכטיגע פראגע, וועלכע מע מוז פארענטפערן, נאך איידער מע טרעט צו אויפצוקלערן, ווי די פארשפרייטונג פון אידן אין פאר־שידענע מקומות, אזוי אויך דעם אינעווייניגסטן בוי פון אידישן פאלק. אויף דער דאזיגער ערנסטער פראגע קאן מען אבער געבן נאר א בערכ'דיגע תשובה און אט פארוואס. ראשית, זיינען פאראן א סך מלוכות, וואו אידן זיינען דא אין א גאנץ גרויסער צאל און וואו ס'איז נאך עד היום ניט געווען קיין איין פאלקס־ציילונג (כמעט אלע מלוכות אין אזיע, די גרעסטע צאל מלוכות אין אפריקע); שנית, זיינען פאראן א סך מאדערנע לענדער, וואו ביי די פאלקס־ציילונגען ווערט ניט אנגעוויזן, צוליב פאלשע אדער נאאיווע פאליטישע טעמים, ניט די נאציאנאליטעט, ניט די רעליגיע, און די צאל אידן אין די דאזיגע לענדער קאן אויך ניט אנגעוויזן ווערן מיט דער געהעריגער פינקטליכקייט (ענגלאנד, די פאראייניגטע שטאטן, פראנקרייך און אנדערע); און דריטנס, זיינען פאראן אייניגע לענדער, וואו די לעצטע פאלקס־ציילונגען זיינען פארגעקומען צוריק מיט צוואנציג אדער נאך מער יארן, און פאר דער דאזיגער צייט זיינען פארגעקומען וויכטיגע ענדערונגען אין דער צאל אידן. נעמען מיר, למשל, רוסלאנד, וואו ס'געפינט זיך כמעט א העלפט פון אלע אידן פון דער גארער וועלט, איז די לעצטע פאלקסציילונג געווען אין 1897־טן יאר, און פאר די פארגאנגענע צוויי און צוואנציג יאר זיינען געווים פארגעקומען גרינדליכע שינוים. דער נאטירליכער צוּוואקס, די עמיגראציע, די צוויי מלחמות, די צוויי רעוואלוציעס און די פאגראמען — די דאזיגע אלע געשעהענישן האבן דאך א סך איבערגעביטן אין דעם פרט.

ניט געקוקט אויף די אלע אויסגערעכנטע חסרונות און דעפעקטן, מוז מען זאגן, אז די אלגעמיינע צאל אידן, וואס ווערט אנגעוויזן פון פארשידענע סטא־טיסטיקער, איז דאך קרוב לאמת און אנטשפרעכט אין א געווים גרויסער מאס דער ווירקליכער לאגע פון דער זאך. מיר וועלן זיך דא ניט אפשטעלן אויף

די מעטאדן און השערות, וואס ווערן איינגענוצט פון פארשיידענע סטאטיסטיקער בײם פעסטשטעלן די בערכ'דיגע צאל אידן אין דער וועלט, — מיר וועלן נאר צונעבן, אז די וויסנשאפטליכע סטאטיסטיק ווײזט אן גענוג מיטלען און דרכים, ווי אזוי אויסצומיידן גרויסע טעותן און ווי אזוי צו מאכן די השערות און אויסרעכענונגען וואס נאהענטער צום אמת.

לויט די השערות און אויסרעכענונגען פון טרימש איז אין 1915־טן יאָר געווען אויף דער גארער וועלט — 14,340,000 אידן. לויט די דאטן, וואס זיינען געווען פובליקירט פון אידישן סטאטיסטישן קאמיטעט אין האַאג, קומט אויס, אז אין 1915־טן יאר איז געווען 13,800,000 אידן.

ס'איז קלאר, אז דאס אידישע פאלק באשטייט ביי היינטיגן טאג ניט ווייניגער ווי פון 14 מיליאן נפשות. דאס איז אזא צאל, צו וועלכער די אידישע נאציע האט ניט דערגרייכט אפילו אין די בעסטע און שענסטע פעריאדן פון איר געשיכטע. צו דער צייט פון חורבן בית שני זיינען געווען אידן אין דער גארער וועלט בערך פון $4^1/_2$ ביז 5 מיליאן נפשות — דאס איז די מאקסימאלסטע ציפער, צו וועלכער די צאל אידן איז דערגאנגען פאר דער גאנצער עפאכע פון דער אלטער אידישער געשיכטע. אין משך פון לאנגען גלות ביזן 17־טן יאר־הונדערט האט זיך די צאל אידן ניט נאר ניט פארגרעסערט, נאר א סך פאר־קלענערט. די גרויסע שטארבליכקייט, די שמדן, די רדיפות און הריגות, שחיטות און גזישות האבן געבראכט דערצו, אז צום סוף פון 17־טן יארהונדערט איז געווען אויף דער גארער וועלט קוים איין מיליאן אידן. און ערשט אין 18־טן און דער עיקר אין 19־טן יארהונדערט זיינען באשאפן געווארן די עקאנאמישע און פאליטישע באדינגונגען, וועלכע האבן געגעבן א מעגליכקייט דעם אידישן פאלק צו פארגרעסערן זיך אין צאל און דערגרייכן די גרויסע ציפער פון 14 מיליאן נפשות. אין משך פון 18־טן יארהונדערט איז די צאל אידן אויסגעוואקסן בערך $2^1/_2$ מאל, און האט דערגרייכט צום סוף פון דעם יארהונדערט ביז $2^1/_2$ מיליאן נפשות. אין משך אבער פון 19־טן יארהונדערט איז די צאל אידן פארגרעסערט געווארן פון 4 ביז 5 מאל און האט דערגרייכט צום אנהויב פון 20־טן יאר־הונדערט ביז 12 מיליאן נפשות.

דער יערליכער צוּוואקס פון אידן אין דער גאנצער וועלט איז געווען, פאר דער וועלט־מלחמה, ניט ווייניגער פון 180 טויזנט נפשות, ד. ה. אז אלע זעקס יאר איז צוגעקומען בערך א מיליאן אידן.

אין משך פון גאנצן מיטלאלטער און אפילו אין אנהויב פון דער נייער

צייט איז דער וואוקס פון אלע אייראפּייאישע פעלקער געווען קליין און נישטיג. די גרויסע שטאַרבליכקייט, די אָפטע מגפות און עפּידעמיעס און די לאַנג־יאָריגע שרעקליכע מלחמות פלעגן אָפּט איינשלינגען און פארניכטן א סך מער מענשן, ווי דער נאַטירליכער צוּוואוקס פלעגט געבן. ערשט אין נייַנצטן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן א גרויסער צוּוואוקס ביי אלע אייראָפּייאישע פעלקער. אין 1804־טן יאָר איז געווען אין אייראָפּע 191 מיליאָן מענשן. אין 1910־טן יאָר איז שוין געווען אין אייראָפּע — 452 מיליאָן נפשות, כמעט $2\frac{1}{2}$ מאָל מער. נעבן מיר צו צו די אייראָפּייאישע איינוואוינער נאָך די אמעריקאַנישע הונדערט מיליאָן, — ווייל דער גרעסטער רוב פון די לעצטע איז אדער געקומען אליין פון אייראָפּע אדער ער קומט אַרויס פון אייראָפּייאישע עלטערן, — און מיר וועלן באַקומען, אַז די אייראָפּייאישע פעלקער זיינען אויסגעוואַקסן פון 191 מיליאָן אין 1804־טן ביז 552 מיליאָן אין 1910־טן יאָר, ד. ה. אַז זיי האָבן זיך פארגרעסערט כמעט אויף דריי מאָל.

די צאָל אידן איז אויסגעוואַקסן אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט צוויי מאָל שטאַרקער, ווי די צאָל פון אלע אייראָפּייאישע פעלקער. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? די הויפּט־סיבה דערפון באַשטייט אין דעם, וואָס אין משך פון גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט איז ביי אידן אומעטום די שטאַרבליכקייט באַדייטנד קלענער, ווי ביי די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. ווי מיר וועלן זעהן שפּעטער, איז אפילו אין די אָרימסטע קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט די שטאַרבליכקייט ביי די אידן פון די דאָזיגע ערטער א סך קלענער, ווי ביי דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. און פארגלייכט מען די שטאַרבליכקייט ביי די אידישע רייכע קלאַסן מיט דער שטאַרבליכקייט ביי די זעלבּיגע קלאַסן פון דער אַרומיגער באַפעלקערונג, באַקומט מען אויך דעם אייגענעם רעזולטאַט.

פארשטייט זיך, אַז די קלענערע שטאַרבליכקייט ביי דער אידישער באַ־פעלקערונג איז ניט קיין רעזולטאַט פונם מיסטישן ראַסן־גייסט אדער פונם מאָראַלישן „רוּח היהדות“. ס'זיינען פאַראַן א סך ערדישערע און דעריבּער פארשטאַנדליכערע דערקלערונגען. אויף איינע פון זיי וועלן מיר דאָ אָנווייזן. דאָס אידישע פאָלק טרעט אַריין אין קאַפּיטאַליסטישן 19־טן יאָרהונדערט מיט א געוויסער אימוניטעט הן בנוגע צו דער שטאָט, וואָס ווערט דער צענטער פון גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסן, הן בּנוגע צו די שטאָטישע פּראָפעסיעס, וועלכע הויבּן אָן באַשעפטיגן צענדליגער מיליאָנען מענשן. דער איד קומט פון שטאָט און שטעטל, פון שיינק און קראָם, פון קלייט און וואַרשטאַט; די ניט־אידישע

באפעלקערונג קומט פון דארף און מאיאנטעק, פון אקער־אייזן און באל־סאלאן די נייע לופט פון דער שטאט און פון די שטאטישע פראפעסיעס האט געמוזט דעריבער נאר אנדערש ווירקן אויף דער ניט־אידישער באפעלקערונג, ווי אויף דער אידישער. און די דאזיגע נייע שטאטישע לופט האט געווים א סך מעלות, נאר אויך ניט ווייניג חסרונות. די איינגשאפט אין די שמאלע שטאטישע גאסן און געסלאך, די סמ׳ענדיגע לופט פון די פאבריקן און ווארשטאטן — דאס אלץ האט א שטארקן איינפלוס אויף דער שטארבליכקייט פון די איינוואוינער. און נאס ווייניגער דער אדער יענער טייל פון דער באפעלקערונג איז צוגעפאסט צו די דאזיגע פארפעסטעטע געסלאך און צו דער פארסמטער לופט פון די פאבריקן און ווארשטאטן, אלץ גרעסער איז ביי אים די שטארבליכקייט.

פראגעס.

1. פארוואס קאן מען ניט וויסן גענוי די צאל אידן אין דער וועלט?
2. אין וועלכע מלוכות זיינען נאר ניט פארגעקומען קיין פאלקס־ציילונגען?
3. אין וועלכע מלוכות ווערט ניט אנגעוויזן ביי די ציילונגען ניט די נאציאנאליטעט, ניט די רעליגיע?
4. וויִלאנג איז שוין ניט געווען קיין פאלקס־ציילונג אין רוסלאנד?
5. וויפיל זיינען פאראן בערך אידן אויף דער גארער וועלט?
6. וויפיל זיינען געווען אידן צו דער צייט פון חורבן בית שני?
7. וויפיל זיינען געווען אידן צום סוף פון 17־טן יארהונדערט?
8. וואסערע סבות האבן גורם געווען אין דער פארקלענערונג פון דער צאל אידן?
9. ווען הויבט זיך אן דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג?
10. אויף וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די צאל אידן אין 18־טן יאר־הונדערט? אין 19־טן יארהונדערט?
11. ווי גרויס איז געווען דער יערליכער צוואקס ביי דער גאנצער אידישער נאציע פאר דער מלחמה?
12. אויף וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אייראפייאישע באפעל־קערונג פארן 19־טן יארהונדערט?
13. פארוואס איז ביי אידן געווען דער צוואקס שטארקער? creștere mai rapidă
14. ווי דערקלערט זיך די קלענערע שטארבליכקייט ביי דער אידישער באפעלקערונג? mortalitate mai redusă

קאפיטל 2.

אידן אין פארשיידענע לענדער און מלוכות.

מיר האבן געזעהן, אז אין דער גאנצער וועלט זיינען פאראן בערך 14 מיליאן אידן. ווי זשע זיינען די דאזיגע 14 מיליאן אידן פארשפרייט אדער צעשפרייט איבער דער וועלט? צוליב די שוין אויבן אויסגערעכנטע סבות וועלן מיר קאנען געבן מער אדער ווייניגער גענויע ידיעות וועגן דער צעטיילונג פון די אידן אין פארשיידענע לענדער און מלוכות נאר בנוגע צו העכער 12 מיליאן נפשות.

טאבעלע I

די צאל אידן אין פארשיידענע לענדער און מלוכות.

מלוכות	אבסאלוטע צאל	% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג	% פון אלע אידן	יאר
I. איראפע:				
אייראפייאיש־רוסלאנד (מיט פוילן)	5 110 548	4,97	42,08	1897
עסטרייך	1 313 687	4,60	10,82	1910
אונגארן	932 406	4,46	7,68	1910
דייטשלאנד	615 021	0,95	5,06	1910
רומעניע	266 652	4,48	2,20	1899
ענגלאנד מיט אירלאנד	244 696	0,58	2,01	1911
אייראפייאישע טערקיי	188 896 *)	3,20	1,56	1904
האלאנד	106 409	1,82	0,88	1909
פראנקרייך	100 000	0,26	0,82	1906
בעלגיע	50 000	0,67	0,41	1910
איטאליע	43 924	0,13	0,36	1911
בולגאריע	40 118	0,93	0,33	1910
שווייץ	19 023	0,51	0,16	1910
באסניע־הערצאגאווינע	11 850	0,62	0,10	1910

*) נאך די צוויי באלקאנישע מלחמות זיינען אריבער אידן צו אנדערע מלוכות; גריכענלאנד — 73 930; בולגאריע — 12 100; אלבאניע — 11 000.

מלוכות	אבסלוטע צאל	% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג	% פון אלע אידן	יאר
נריכנלאנד	6 127	0,23	0,05	1907
סערביע	5 729	0,23	0,05	1900
דענעמארק	5 164	0,18	0,04	1911
שפאניע	4 000	0,02	0,03	1900
שוועדן	3 912	0,07	0,03	1900
איבעריגע מלוכות	5 360	—	0,04	—
ס"ה אין אייראפייאישע מלוכות	**9 073 522**	—	**74,71**	—
II. אזיע:				
אזיאטישע טערקיי	256 895	1,16	2,12	1904
אזיאטיש־רוסלאנד	105 257	0,46	0,87	1897
פערסיע	40 000	0,47	0,33	1912
אפגאניסטאן, בוכארא און כיווא	18 435	0,002	0,15	1908
אינדיע	21 327	0,006	0,18	1911
כינא און יאפאן	2 143	0,00	0,02	1910-12
איבעריגע מלוכות	274	0,00	0,00	—
סך־הכל אין אזיאטישע מלוכות	**444 331**	—	**3,67**	—
III. אפריקע:				
מאראקא	150 000	3,00	1,23	1908
אלזשיר	70 271	1,26	0,58	1911
טונים	50 383	2,61	0,41	1911
מצרים	38 635	0,34	0,32	1907
אבעסיניע	25 000	—	0,21	1908
קאפלאנד	19 537	0,81	0,16	1904
טריפאלי	18 660	3,50	0,15	1911
טראנסוואל	15 478	1,15	0,13	1904
איבעריגע מלוכות	3 126	—	0,03	—
ס"ה אין אפריקאנישע מלוכות	**391 090**	—	**3,22**	—

מלוכות	אבסלוטע צאל	% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג	% פון אלע אידן	יאר
IV. אמעריקע:				
פאראייניגטע שטאטן	2 044 762	2,19	16,84	1910
ארגענטינע	75 000	0,01	0,62	1910
קאנאדע	74 564	1,03	0,61	1911
מעקסיקא	9 872	0,007	0,08	1912
קובא	4 000	0,19	0,03	1910
בראזיליע	3 000	0,01	0,02	1910
איבעריגע מלוכות	4 675	—	0,04	—
ס"ה אין אמעריקאנישע מלוכות	**2 215 873**	—	**18,24**	—
V. אויסטראליע:				
אויסטראלישע שטאטן	17 287	0,40	0,14	1911
ניי־זעלאנד	2 128	0,21	0,02	1911
ס"ה אין אויסטראלישע מלוכות	**19 415**	**0,35**	**0,16**	**1911**
סך־הכל אין דער גאנצער וועלט	**12 144 231**	—	**100,00**	—

טאבעלע נומער I גיט א גענויע רשימה פון אלע מלוכות, וואו אידן וואוינען. פון דער דאזיגער טאבעלע זעהט מען, אז אידן זיינען צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. אין דער טאבעלע אליין זיינען אויסגערעכנט כמעט 50 מלוכות, און מיר האבן נאך א סך קלייניטשקע מלוכות, וואו ס׳וואוינען גאר קליינע גרופעס אידן, פאראייניגט אונטערן נאמען „אנדערע מלוכות". פונ־דעסטוועגן וואלט געווען א טעות צו מאכן אן אויספיר, אז אידן זיינען אזוי צעזייט און צעשיט איבער דער גאנצער וועלט, אז זיי פארמאגן גיט אין ערגיץ ניט קיין געדיכטע קאנצענטרירטע קאמפאקטע מאסן. לאמיר נאר צוגיין קאנקרעטער צו דער געבראכטער טאבעלע I — און מיר וועלן ווערן גאהענטער צום לעבעדיגן לעבן.

ראשית, ווי טיילט זיך פאנאנדער די אידישע נאציע אין די פארשידענע וועלט־טיילן?

דאס ווייזט אונז פאלגנדיגע טאבעלע.

טאבעלע II

די אבסאלוטע און רעלאטיווע צאל אידן אין פארשידענע וועלט־טיילן.

וועלט־טייל	אבסאלוטע צאל	% פון אלע אידן
אייראפע	9 073 522	74,71
אמעריקע	2 215 873	18,24
אזיע	444 331	3,67
אפריקע	391 090	3,22
אויסטראליע	19 415	0,16
סך־הכל	**12 144 231**	**100,00**

קרוב צו דריי פערטל פון אלע אידן פון דער וועלט געפינען זיך אין אייראפע; אין אמעריקע זיינען פאראן כמעט א פינפטל פון אלע אידן פון דער וועלט, און אין אלע דריי איבעריגע וועלט־טיילן זיינען דא סך־הכל עפּיס מער פון 7 % פון די אידן פון דער גארער וועלט.

אין אייראפע מאכן די אידן אויס בערך צוויי פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג; אין אמעריקע קרוב צו 2½ פראצענט פון אלע איינוואוינער; אין אלע איבעריגע וועלט־טיילן מאכן די אידן אויס גאר א נישטיגן פראצענט.

פון גאנצע וועלט־טיילן לאמיר איצט איבערגיין צו איינצלנע מלוכות.

אין דריי אייראפּייאישע מלוכות — רוסלאנד (מיט פּוילן) עסטרייך און אונגארן — געפינען זיך מער פון 60 פראצענט פון אלע אידן פון דער וועלט און מער פון 80 פראצענט פון אלע אייראפּייאישע אידן. אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע געפינען זיך א זעקסטל פון אלע אידן פון דער וועלט און 92 פראצענט פון אלע אמעריקאנער אידן. ס'קומט אלזא אויס, אז אין פיר מלוכות — רוסלאנד (מיט פוילן), עסטרייך, אונגארן און די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע — זיינען קאנצענטרירט מער פון דריי פערטל — 77,43 % — פון אלע אידן פון דער גאנצער וועלט. אין די דאזיגע פיר מלוכות מאכן די אידן אויס בנוגע צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג:

1. אין רוסלאנד 4,97 %*)
2. אין עסטרייך 4,60 %

*) נאר אייראפּייאיש־רוסלאנד.

3. אין אונגארן 4,46%

4. אין די פאראייניגטע שטאטן 2,19%

וויניגער פון פינף פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג — דאס איז זעהר א קליינער חלק, וועלכער וואלט געקאנט בטל ווערן בששים. לאזט זיך אבער אויס, אז אין יעדער מלוכה חורט זיך איבער בזעיר אַנפּין די זעלבע ערשיינונג, וועלכע מיר האבן נאר וואס געזעהן בנוגע צו דער צעשפּרייטונג פון אידן איבער דער גאנצער וועלט: דער גרעסטער טייל אידן איז קאנצענטרירט אין איינעם אדער צוויי ראיאנען און נאר דער קלענסטער חלק איז צעזייט און צעשפּרייט איבער די ברייטע שטרעקעס פון יעדער גרויסער מלוכה.

פון 5 110 548 אידן, וואס האבן געוואוינט אין אייראפּייאישן רוסלאנד (מיט פּוילן) אין 1897־טן יאר, זיינען געווען אין די 25 גובערניעס פון אמאָ־לינן אידישן תּחום — 4 899 327 אדער מער פון 95 פּראצענט. אין די דאזיגע 25 גובערניעס האבן אידן אויסגעמאכט 11,60 פּראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, און אין פּוילן באזונדער גענומען האט דער פּראצענט אידן דער־גרייכט אין 1897־טן יאר ביז 14,10. אין איינצלנע גובערניעס איז דער פּראַ־צענט אידן געווען נאך העכער: אין מינסקער גוב. — 16,06 פּראצ.; אין גראדנער גוב. — 17,49; אין ווארשעווער 18,22 פּראצענט.

פון 1 313 687 עסטרייכישע אידן האבן געוואוינט אין דריי פּראווינצן — גאליציע, בוקאווינע און נידער־עסטרייך — 1 160 684 אידן, וואס מאכן אויס מער פון 88 פּראצענט פון אלע עסטרייכישע אידן. און אין די דאזיגע דריי פּראווינצן האבן אידן אויסגעמאכט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג: אין נידער־עסטרייך — 5,23 פּראצענט; אין גאליציע — 10,88 און אין בוקאווינע — 12,86 פּראצענט.

אין שטאַט ניו־יארק געפינט זיך איצט געוויס צוויי דריטל פון אלע אמעריקאנער אידן, און אין דעם דאזיגן שטאַט מאכן די אידן אויס קרוב צו 20 פּראַ־צענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

אין פּאלעסטינע זיינען געווען אין 1910־טן יאר קרוב צו 90 טויזנט אידן, מער פון א דריטל פון אלע אידן, וואס האבן זיך געפונען אין דער אזיאטישער טערקיי, און אין דעם דאזיגן טייל פון דער טערקישער מלוכה האבן אידן גע־בילדעט 14 פּראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

פון 615 021 דייטשע אידן זיינען געווען אין פּרייסן — 415 867 אדער מער פון צוויי דריטל פון אלע אידן פון דער דייטשער מלוכה.

מען מוז קומען צום אויספיר, אז אין יעדער מלוכה, ווי גרויס אדער קליין זי זאל ניט זיין און ווי גרויס אדער קליין ס'זאל ניט זיין אין איר די צאל אידן, איז פאראן אזא ראיאן, וואו די אידן פון דער געגעבענער מלוכה זיינען געא־גראפיש מער אדער ווייניגער קאנצענטרירט. געאגראפיש דארף מען דאס ניט פארשטיין אין זינען פון א גאנצן פלאץ, וואס ער איז פארנומען מיט א אידישער מערהייט, נאר אין אן אנדער פשט — די מערהייט פון די אידן פון דער געגעבענער מלוכה געפינען זיך קאנצענטרירט אויף א באשטימטן געא־גראפישן שטח, נאהענט איין קהלה צו דער אנדערער, אין שטענדיגער קעגנ־זייטיגער ווירקונג און פארבינדונג, אין א איינגען עקאנאמישן און קולטורעלן צו־זאמענהעפט און צוזאמענבונד.

דער דאזיגער אמת וועט אונז ווערן א סך קלארער, ווען מיר וועלן די פראגע וועגן דער אידישער קאנצענטרירקייט שטעלן נאך קאנקרעטער. די ראיאנען און פראווינצן, וועגן וועלכע מיר האבן גערעדט ביז אהער, באשטיין פון דארפישע, שטעטלשע און שטאטישע פונקטן, און אויב ביי דער ניט־אידישער באַ־פעלקערונג בילדן די שטאטישע איינוואוינער אין דער גרעסטער צאל מלוכות מערסטנטיילס א מינדערהיים, איז ביי אידן די לאגע נאר אנדערש. אפילו אין די אפגעשטאנענסטע קאנטן און פראווינצן וואוינט ניט ווייניגער פון א דריטל אידן אין די שטעט, אפט אבער וואוינען אידן פון א העלפט ביז 90 פראצענט און מער אין שטעט.

טאבעלע III

פון הונדערט נפשות האבן געלעבט אין שטעט:

Din 100 suflete – au trăit la oraș: 1897 – 1910

מלוכה	(Neevrei) ביי דער אל־געמיינער באַ־פעלקערונג	(Evrei) ביי אידן	יאר
רוסלאנד	13,00	48,84(*	1897
גאליציע**)	7,30	34,04	1900
פרייסן	44,89	85,85	1905
רומעניע	13,34	72,27	1900

*) נאר די 25 גובערניעס פון תחום.

**) נאר די 40 שטעט, וואס האבן אדער מער פון 7500 נפשות אדער שטאטישע זעלבסט־פארוואלטונג לויט דעם געזעץ פון 1889־טן יאר.

מלוכה	ביי דער אל־ געמיינער באַ־ פעלקערונג	ביי אידן	יאר
בולגאריע	19,39	96,49	1900
סערביע	13,88	99,95	1900
איטאליע	—	86,40	1901
דענעמארק	39,06	94,98	1901
נארוועגיע	28,30	87,90	1900
פאראייניגטע שטאטן	41,50	95,00	1910

מיר זעהען, אז אפילו אין גאליציע, אין סאמע ארימען און אפגעשטאנענעם לאנד, וואו די פאבריקאציע הויבט זיך ערשט אן אנטוויקלען און וואו דער האנדל טראגט נאך גאר א פרימיטיוון כאראקטער, אפילו דארטן איז דער פראצענט אידן, וואס וואוינען אין שטעט, העכער פון א דריטל פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג, ווען ביי דער, אלגעמיינער גאליצישער באפעלקערונג מאכן אויס די שטאטישע איינוואוינער סך־הכל 7,30 פראצענט. אין רוסלאנד האבן שוין אין 1897־טן יאר געוואוינט אין שטעט כמעט א העלפט (48,84) פון אלע רוסישע אידן און איצט איז דער דאזיגער פראצענט געוויס א סך גרעסער נאך, און די אידישע שטאטישע באפעלקערונג איז בנוגע צו אלע רוסישע אידן פ י ר מ א ל גרעסער, ווי די אלגעמיינע שטאטישע באפעלקערונג לגבי דער אל־ געמיינער באפעלקערונג בכלל. ביי די פרייסישע אידן זיינען קאנצענטרירט אין שטעט מער פון 85 פראצענט פון אלע אידן און ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג נאר 44,89 פראצענט. ביי די רומענישע אידן מאכט אויס די שטאטישע אידישע באפעלקערונג מער פון 72 פראצענט. אין אלע איבעריגע לענדער, וואו אידן וואוינען אין זעהר א קליינער צאל, איז כמעט די גאנצע אידישע באפעלקערונג קאנצענטרירט אין די שטעט — אין דענעמארק — 94,98; אין סערביע — 99,95. אין אמעריקע, אינם מאדערנסטן צענטר פון אידישן פאלק, וואוינען אין די שטעט 95 פראצענט פון אלע דארטיגע אידן. דאס זעלבע אין ענגלאנד און אין פראנקרייך.

אין די שטעט מאכן שוין אידן אויס א סך א גרעסערן פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג, ווי אין די פראווינצן און ראיאנען. ווי מיר וועלן זעהן שפעטער, זיינען פאראן גאנצע ראַיאָנען, ווי למשל, ליטע און ווייס־

רוסלאנד, וואו אידן בילדן אין די שטעט אן אבסאלוטע מערהיים. און די מינדערהייט אין אזעלכע שטעט באשטייט דערצו נאך ניט פון איין נאציע, נאר פון דריי־פיר, וועלכע פירן צווישן זיך א נאציאנאלן קאמף. נאר אפילו אין די פראווינצן און ראיאנען, וואו אידן מאכן ניט אויס קיין אב־סאלוטע מערהייט אין די שטעט, בילדן זיי גאנץ אפט דארטן א רעלאטיווע מערהייט, ד. ה. אז אין פארגלייך מיט יעדן פון אלע איבעריגע פעלקער פון די דאזיגע שטעט זייגען אידן די מערהייט. אין פוילן, גאליציע און אוקראינע זיינען די שטעט באזעצט פון פארשיידענע פעלקער, שטארק איבערנעמיש און צעזאמענגעמישט — און אין צענדלינגער שטעט פון די דאזיגע פראווינצן, וואס זיינען אזוי געדיכט באזעצט פון אידן, מאכן די אידן אויס א רעלאטיווע מערהייט. נאר אפילו אין די שטעט, וואו אידן מאכן ניט אויס אפילו קיין רעלאטיווע מער־הייט, האבן זיי ניט אומעטום אנטקעגן זיך א קאמפאקטע מאסע פון איין נאציע, נאר אפט א קאמבינאציע פון פארשיידענע פעלקער, צווישן וועלכע דאס אדער יענץ פאלק מוז זוכן אין זיין קאמף מיט א שטארקערן קעגנער שטיצע ביי דער אידישער באפעלקערונג.

ווי וויכטיג ס'איז אבער ניט די פראגע וועגן אבסאלוטער אדער רעלאטיווער מערהייט אין דעם אדער יענעם פונקט, מיינען מיר, אז נאך וויכטיגער איז די אבסאלוטע צאל אידן, וואס איז קאנצענטרירט אין אזא מין ארט. ווארום מעג די אידישע באפעלקערונג אין דער אדער יענער שטאט בילדן לגבי דער איבעריגער באפעלקערונג ניט נאר קיין גרויסן פראצענט, אויב אבער אבסאלוט וואוינט צוזאמען א גרויסע קאמפאקטע מאסע, ווערן שוין באשאפן גינציגע בא־דינגונגען פאר א זעלבשטענדיגן קולטורעלן לעבן, ווערן שוין אין דער דאזיגער געדיכטער מאסע אויסגעארבעט נעגונ ווידערשטאנדס־מיטלען קעגן דער השפעה פון דער מערהייט. און אין דעם פרט זייגען די דאטן, וואס מיר פארמאגן, ממש איבערראשנדיגע.

נעמען מיר אין רוסלאנד קהלות מיט מער פון 25 טויזנט אידן, וועלן מיר געפינען, אז אין אזעלכע קהלות וואוינען ביי היינטיגן טאג מער פון א פערטל פון אלע רוסלענדישע אידן. אין איין שטאטווארשע וואוינט כמעט א פינפטל פון אלע פויליש־רוסישע אידן. אין פינף עסטרייכישע שטעט (ווין, קראקע, לעמבערג, טשערנאוויץ און פראג) זייגען קאנצענטרירט מער פון א פערטל פון אלע עסטרייכישע אידן. אין איין שטאט בודאפעשט געפינען זיך 22 פראצענט פון אלע אונגארישע אידן. 25 פראצענט פון אלע פרייסישע

אידן זיינען קאנצענטרירט אין איין שטאט בערלין. זעכציג פראצענט פון אלע האלענדישע אידן געפינען זיך אין אמסטערדאם. אין לאנדאן וואוינען 60 פרא־צענט פון אלע ענגלישע אידן. 75 פראצענט פון אלע אמעריקאנער אידן זיינען קאנצענטרירט אין פינף שטעט (ניו־יארק, משיקאגא, פילאדעלפיע, באלטימארע און באסטאן). אין די עלף גרעסטע אידישע קהלות, וואס יעדע פון זיי פארמאגט מער פון 100 טויזנט אידישע נפשות, זיינען צונויפגעזאמלט מער פון דריי מיליאן אידן, א פערטל פון אלע אידן פון דער גארער וועלט.

טאבעלע IV

די עלף גרעסטע אידישע קהלות אין דער וועלט.

קהלה	אבסאלוטע צאל אידן	יאר
ניו־יארק	1 350 000	1915
ווארשע	350 413	1916
משיקאגא	350 000	1915
בודאפעשט	203 687	1910
אדעס	(*185 000	1917
ווין	175 318	1910
פילאדעלפיע	175 000	1915
לאדז	155 922	1915
לאנדאן	150 000	1910
בערלין	(**143 975	1910
קיעוו	114 523	1919
סך־הכל	**3 353 838**	—

אין די עלף אויסגערעכנטע אידישע קהלות זיינען פאראן א סך מער אידן, ווי ס'איז געווען צוריק מיט הונדערט יאר אויף דער גאנצער וועלט. אין איין שטאט ניו־יארק איז איצט קאנצענטרירט כמעט א צענט חלק פון דער גאנצער אידישער נאציע. און אינטערעסאנט, אז פון די עלף גרעסטע אידישע קהלות געפינען זיך דריי, וואס פארמאגן אליין כמעט ביז צוויי מיליאן אידן, אין די פאראייניגטע שטאטן, אין א לאנד, וואוהין די גרויסע אידישע עמיגראציע האט

*) בערך.

**) מיט די פארשטעט.

זיך אנגעהויבן ערשט צוריק מיט פערציג יאר. בכלל ווארפט זיך אין די אויגן, אז די אידן שטרעבן צו די הויפט־שטעט, צו די צענטערס פון דעם מאדערנעם לעבן, צו די צענטערס פון עקאנאמישן, פאליטישן און קולטורעלן לעבן, אין וועלכן זיי שפילן נים קיין קליינע ראלע אפילו אין די לענדער, וואו זיי בילדן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד נים קיין גרויסן פראצענט.

נעמען מיר אן, אז א קהלה מיט מער פון צען טויזנט אידן פארמאגט שוין אין זיך דעם מינימום נאציאנאלע ענערגיע, וואס איז נויטיג נים נאר כדי ביי־צושטיין דער שפארנדיגער השפעה פון דער אסימילאציע, נאר אויך כדי צו שאפן פאזיטיווע נאציאנאלע ווערטן, כדי צו שאפן די פאסיגע אטמאספער פאר א לעבעדיגן פראצעס פון נאציאנאלער אנטוויקלונג, און לאמיר זעהן, וואסער א חלק פון אידישן פאלק לעבט אין אזעלכע באדינגונגען. פאלגנדיגע טאבעלע גים א גאנץ קלארע תשובה אויף דער דאזיגער וויכטיגער פראגע.

טאבעלע V

דער פראצענט אידן, וואס לעבט אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות.

מלוכה	פראצענט	יאר
ענגלאנד	81,8	1908
פאראייניגטע שטאטן	78,7	1907
האלאנד	66,6	1899
רומעניע	46,6	1899
פרייסן	44,0	1910
אונגארן	(*37,5	1910
רוסלאנד	(*35,0	1910
עסטרייך	29,1	1910

די לענדער מיט א אידישן ישוב, וואס איז ערשט אין די לעצטע פערציג־פופציג יאר אויסגעוואקסן, פארמאגן די בעסטע באדינגונגען — אין ענגלאנד און אין די פאראייניגטע שטאטן לעבן אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות פיר פינפטל פון אלע אידן פון די דאזיגע לענדער. דאס מיטעלע ארט פארנעמען רומעניע און פרייסן, וואס כמעט א העלפט פון אלע

*) בערך.

אידן פון די דאזיגע מלוכות לעבן אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות. נאך זיי גייט אונגארן און רוסלאנד, וואס מער פון א דריטל פון די דארטיגע אידן לעבן אין אזעלכע קהלות. און נאר אין איין עסטרייך איז די צאל אידן, וואס לעבן אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות, ווייניגער פון א דריטל.

די געבראכטע טאבעלע נעמט ארום די לענדער, וואס פארמאגן כמעט ניינציג פראצענט פון אידישן פאלק, און פון דער דאזיגער טאבעלע איז קלאר, אז ביי היינטיגן מאמענט וואוינט אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות מער פון א העלפט פון גאנצן אידישן פאלק.

דערצו מוז מען נאך געדיינקען, אז אין די שטעט אליין וואוינען די אידן שטארק קאנצענטרירט, געדיכט, אין באזונדערע קווארטאלן. אין ניו־יארק און לאנדאן, אין ווארשע און אדעס, אין טשיקאגע און לאדז — אומעטום זיינען פאראן באשטימטע קווארטאלן, וואו אידן מאכן אויס פון 80 ביז 90 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. און דאס אייגענע חזרט זיך איבער, אין א קלענערער אדער גרעסערער מאס, אויך אין בודאפעשט, ווין און בערלין, וואו די אידישע בורזשואזע קלאסן בילדן א גרויסן פראצענט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג. ווארום אפילו די אידישע בורזשואזיע, וואס אין איר פראגראם גייט אריין א פונקט ווענן אויסמיידן דאס קאנצענטרירן זיך אין באשטימטע ערטער אדער קווארטאלן, וואס האט אין דעם פרט אנגעשטרענגט געגוג כוחות און פארגאסן גענוג מינט, אפילו זי האט אויך ניט געקאנט גובר זיין די נאציאנאלע נטיה פון זיין נאהענט איינער צום אנדערן, א נטיה, וואס שטאמט ניט נאר פון נאטירליכער נאהענטקייט און פסיכישער קרובה'שאפט, נאר האט אויך אונטער זיך געוויסע עקאנאמישע גרונטן.

פראגעס.

1. וויפיל אידן זיינען פאראן: אין אייראפע? אין אמעריקע? אין אזיע? אין די איבריגע וועלט־טיילן?
2. אין וואסער א לאנד איז דא דער גרעסטער טייל אידן?
3. אין וואסערע דריי מלוכות וואוינען מער פון 80 פראצענט פון אלע אייראפייאישע אידן?
4. וואסער א פראצענט אמעריקאנער אידן וואוינט אין שטאט ניו־יארק?

5. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס לגבי דער אלגעמיינער באַ־פעלקערונג: אין רוסלאנד? אין עסטרייך? אין אונגארן? אין דייטשלאנד? אין אנדערע לענדער?

6. ווי זיינען אידן פארטיילט צווישן פארשיידענע ראיאנען פון איינער און דערזעלבער מלוכה? אין רוסלאנד? אין עסטרייך? אין אמעריקע? אין אנדערע לענדער?

7. וואס דאס — אידן זיינען אויך געאגראפיש קאנצענטרירט?

8. וואספאר א פראצענט אידן וואוינט אין שטעט: אין גאליציע? אין רוסלאנד? אין אנדערע לענדער?

9. וואס פאר טענדענצן באמערקן זיך אין דער אידישער שטאטישער באפעלקערונג?

10. וואס פאר א פראצענט בילדן אידן אין דעם רוב שטעט פון די קאנטן און ראיאנען, וואו אידן וואוינען אין געדיכטע מאסן?

11. וואס פאר א ראל שפילט אין אידישן לעבן די אבסאלוטע צאל אידן אין די אדער יענע פונקטן?

12. וואס פאר א פראצענט אידן וואוינען אין רוסלאנד אין קהלות מיט מער פון 25 טויזנט אידישע נפשות?

13. וואס פאר א פראצענט עסטרייכישע אידן וואוינען אין די פינף גרעסטע קהלות?

14. וואס פאר א פראצענט אונגארישע אידן וואוינט אין דער שטאט בודאפעשט?

15. וואס פאר א פראצענט פרייסישע אידן וואוינט אין בערלין?

16. וואס פאר א פראצענט האלענדישע אידן וואוינט אין אמסטערדאם?

17. וואס פאר א פראצענט ענגלישע אידן איז קאנצענטרירט אין לאנדאן?

18. וואס פאר א פראצענט אמעריקאנער אידן זיינען קאנצענטרירט אין די פינף גרעסטע אידישע קהלות פון אמעריקע?

19. וואס פאר א צאל אידן געפינט זיך אין די עלף גרעסטע אידישע קהלות?

20. ווי געדיכט זיינען באזעצט די אידן אין באשטימטע קווארטאלן פון די גרויסע שטעט?

21. וואס האט דערגרייכט אין דעם פרט די אידישע בורזשואזיע?

קאפיטל 3.

דער וואוקס פון די אידן אין רוסלאנד און אין פארשיידענע קאנטן פון רוסלאנד.

פון דער טאבעלע I האבן מיר געזעהן, אז אין גאנץ רוסלאנד איז געווען אין 1897־טן יאר 5215805 אידן (אין אייראפייאישן רוסלאנד מיט פוילן 5110548 און אין אזיאטישן רוסלאנד 105257). פאר דער פארגאנגענער צייט איז די צאל אידן געוויס אויסגעוואקסן. לויט די השערות, וואס זיינען געמאכט געווארן פון פארשיידענע צדדים, קאן מען רעכענען, אז ערב דער מלחמה איז געווען אין רוסלאנד בערך פון 5800000 אידן ביז זעקס מיליאן. דערביי דארף מען געדיינקען, אז פאר דעם דאזיגן פעריאד (פון 1897־טן ביז 1914־טן יאר) האבן עמיגרירט פון רוסלאנד נים ווייניגער פון 1200000 אידן. ווי גרויס אלזא די עמיגראציע איז נים געווען פאר דעם אנגעוויזענעם פעריאד, איז דאך די אבסאלוטע צאל אידן אין רוסלאנד נים נאר נים קלענער געווארן, נאר נאך גרעסער געווארן. דער וואוקס פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין רוסלאנד האט אבער שטארק איבערגעיאגט דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג. און אויב אין 1897־טן יאר האבן אידן אויסגעמאכט אין די 25 גובערניעס פונם תחום 11,60 פראצענט, איז דער דאזיגער פראצענט פאר דער פארגאנגענער צייט געוויס אביסל געפאלן. אמת, ביי די פעלקער, וואס באוואוינען די 25 גובערניעס פון תחום, גייט אויך א גאנץ גרויסע עמיגראציע — פון פוילן, ליטע און ווייס־רוסלאנד דער עיקר קיין אמעריקע און אין אנדערע לענדער, וואס ליגן פון יענער זייט ים, און פון אוקראינע — קיין סיביר. דאך איז די נים־אידישע עמיגראציע באדייטנד קלענער פון דער אידישער; חוץ דעם, איז די צאל פון די עמיגראנטן, וואס קערן זיך אום צוריק, ביי אלע פעלקער פון תחום גרעסער, ווי ביי אידן — און דאס אלץ צוזאמען האט גורם געווען, אז דער פראצענט אידן איז א ביסל געפאלן פאר די לעצטע 20 יאר.

פארקערט, אין משך פון גאנצן 19־טן יארהונדערט האט דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אריבערגעיאגט דעם וואוקס פון די ארומיגע פעלקער, און דער פראצענט אידן אין די 25 גובערניעס, וואס איז געווען צום אנהויב פון 19־טן יארהונדערט נים מער פון זעקס־זיבן און צום סוף פון 19־טן יאר־הונדערט נים מער פון אכט־ניין, האט דערגרייכט אין 1897־טן יאר קרוב צו צוועלף פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

ווען דער אבסאלוטער צאל אידן אין רוסלאנד פאר דער צייט ביז דרע פאלקס־ציילונג פון 1897־טן יאר זיינען פאראן ציפערן, וואס האבן זעהר א קנאפן ווערט. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט איז געווען אין רוסלאנד (מיט פוילן) בערך פון א מיליאן ביז א מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזנט אידן. לויט די אויסרעכענונגען פון יאָסט זיינען געווען אין 1845־טן יאר אין רוסלאנד (מיט פוילן) 1 600 000 אידן. מיר וועלן זיין א סך נאהענטער צום אמת, ווען מיר וועלן אננעמען, אז צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט זיינען געווען אין רוסלאנד (מיט פוילן) ניט ווייניגער פון צוויי מיליאן אידן.

מיר וועלן בריינגען די דאטען, וואס מיר פארמאגן פון פריהערדיגע צייטן וועגן פארשיידענע טיילן פון רוסלאנד, הגם, ווי מיר האבן שוין באמערקט, זיי האבן נאר א בערכדיגן ווערט.

די 25 גובערניעס פונם תחום קאנען געטיילט ווערן אין 4 גרופעס לויט דעם, ווען די אידישע באפעלקערונג האט זיך דארטן באזעצט און ווען די גו־בערניעס זיינען אריין אין רשות פון דער רוסישער מלוכה:

1. 9 מערב־גובערניעס (ווילנער, וויטעבסקער, וואלינער, גראדנער, קיעווער, קאוונער, מינסקער, מאהילעווער און פאדאליער), וואו אידן וואוינען פון לאנגע הונדערטע יארן, וועלכע האבן אלע געהערט ביזן סוף פון 18־טן יארהונדערט צו דער פוילישער מלוכה און זיינען ערשט נאך די צעטיילונגען פון דער לעצטער אריבערגעגאנגען צו רוסלאנד*).

2. 10 גובערניעס פון פוילן (ווארשעווער, קאלישער, קעלצער, לאמזשער, לובלינער, פיעטערקאווער, פלאצקער, ראדאמער, סעדלעצער און סוואלקער), וואס האבן אויך א אידישן ישוב נאך פון אמאליגע יארן און וואס זיינען אין דער מאס, ווי מיר נעמען זיי איצט, אריבער צו רוסלאנד ערשט אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט.

3. די גובערניעס פון לינקן ברעג דניעפר (פאלטאווער און טשערניגאווער), וואס זיינען א סך פריהער פאר דעם צעפאלן פון דער פוילישער מלוכה אריבער צו רוסלאנד און זיינען געווען אונטערגעווארפן די אלע באגרעניצונגען, וואס האבן עקסיסטירט בנוגע די אידן אין גרויס־רוסלאנד. די אידישע באפעלקערונג איז דארטן געווען ביזן סאמע סוף פון 18־טן יארהונדערט זעהר א קליינע און שיטערע און ערשט אין 19־טן יארהונדערט ווערן זיי קאלאניזירט פון עמיגראנטן פון ווייס־רוסלאנד און וואלין.

---

*) חוץ דער שטאט קיעוו.

4. ניי־רוסלאנד, (יעקאטערינאסלאווער, כערסאנער, טאווערישע און בעסא־ראביע); די לעצטע גובערניע גייט איבער צו רוסלאנד ערשט אין אנהויב פו 19־טן יארהונדערט, און זי איז די איינציגע פון די פיר, וואס פארמאגט א אידישן ישוב פון לאנגע יארן. די איבעריגע דריי ווערן בכלל קאלאניזירט און באזעצט ערשט אין 19־טן יארהונדערט, און דער אידישער ישוב איז דארט דער אינגסטער.

דער צענטער פון די רוסישע אידן נאכן צעפאלן פון דער פוילישער מלוכה איז געווען אין די ניין מערב־גובערניעס, פון וואנען ס'איז געגאנגען אין משך פון גאנצן ניינצעטן יארהונדערט א עמיגראציע הין קיין ניי־רוסלאנד און אין די גובערניעס פון לינקן ברעג דניעפר, הין קיין פוילן. די ציפער, וואס מיר בריינגען נידעריגער וועגן וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין יעדער פון די דער־מאנטע גרופעס, נים פרעטענדירנדיג אויף אבסאלוטע ריכטיגקייט און פונקט־ליכקייט, גיבן דאך אין אלגעמיינעם א גאנץ קלאר און אמת בילד וועגן דעם פארשיידענעם טעמפ פון דער פארגרעסערונג פון דער צאל אידן אין יעדן פון די דאזיגע קאנטן.

טאבעלע VI

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די ניין מערב־גובערניעס.

יארן / גובערניעס	1847	1881	1897	צוואקס פאר 50 יאר (1897—1847) אין אבסאלוטע צאלן.	אין %
ווילנער	68 424	175 996	204 686	136 262	199
וויטעבסקער	50 353	133 789	175 629	125 276	248
וואלינער	174 457	289 820	395 782	221 325	127
גראדנער	98 196	229 574	280 489	182 293	185
קיעווער	134 997	339 587	433 728	298 731	221
קאוונער	81 505	269 399	212 666	131 161	161
מינסקער	87 633	283 194	345 015	257 382	294
מאהילעווער	87 739	151 055	203 946	116 207	132
פאדאליער	164 449	418 858	370 612	206 163	125
סך־הכל	947 753	2 291 272	2 622 553	1 674 800	177

טאבעלע VI ווייזט אונז דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די ניין מערב־גובערניעס. מיר זעהען, אז פאר פופציג יאר — פון 1847־טן ביז 1897־טן — האט זיך די צאל אידן אין אלע ניין גובערניעס פארגרעסערט אויף 177 פראצענט. דער עיקר האט זיך די צאל אידן פארגרעסערט אין ערשטן פעריאד — פון 1847־טן ביז 1881־טן — אויף 142 פראצענט; פאר די לעצטע זעכצען יאר — פון 1881־טן ביז 1897־טן האט זיך די צאל אידן פארגרעסערט סך־הכל נאר אויף פערצן פראצענט. אין די דאזיגע זעכצען יאר איז געווען א גרויסע אויסוואנדערונג פון די ניין מערב־גובערניעס אי קיין נייי־רוסלאנד און פוילן, אי קיין אמעריקע. דער גרעסטער פראצענט פון צוואוקס פאר די גענומענע פופציג יאר איז געווען אין מינסקער גובערניע — 294 פראצענט; דער קלענסטער צוואוקס איז געווען אין פאדאליער גובערניע — 125 פראצענט. קוקט מען זיך נאט צו צו באזונדערע גובערניעס, איז גרינג צו באמערקן, אז דעם קלענסטן צוואוקס גיבן די גובערניעס, וואס האבן געהאט די גרעסטע אב־סאלוטע צאל אידן; און פארקערט, די גובערניעס, וואס האבן געהאט א קלענערע צאל אידן, האבן געהאט פאר די פארגאנגענע פופציג יאר א גרעסערן צוואוקס. חוץ קיעווער גובערניע, וואס שטעלט פאר אין דעם פרט אן אויסנאם. דער סדר פון די גובערניעס לויט דער אבסאלוטער צאל אידן האט זיך פאר די גע־נומענע פופציג יאר א ביסל געביטן. אין 1847־טן יאר וואלט דער דאזיגער סדר געווען פאלגנדיגער: 1. וואלינער; 2. פאדאליער; 3. קיעווער; 4. גראדנער; 5. מאהילעווער א. א. וו. אין 1897־טן איז ער געווען אזוי: 1. קיעווער; 2. מינסקער; 3. וואלינער; 4. פאדאליער; 5. גראדנער א. א. וו.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט אין די דאזיגע ניין גובערניעס:

1. אין 1847־טן — 9,26
2. אין 1881־טן — 16,88
3. אין 1897־טן — 13,36

פאר 34 יאר — פון 1847־טן ביז 1881־טן יאר — איז דער פראצענט אידן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג געווארן כמעט צוויי מאל גרעסער; פארקערט, פאר די לעצטע 16 יאר איז געפאלן דער פראצענט אידן פון 16,88 ביז 13,36.

גייען מיר איבער צו די צען גובערניעס פון פוילן.

טאבעלע VII

דער אבסאלוטער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין רוסיש־פוילן.

יאר	די אלגעמיינע באפעלקערונג	אידן	% פון אידן
1816	2 717 287	212 000	7,80
1860	4 840 466	598 100	12,40
1880	7 104 864	1 004 282	14,10
1890	8 256 562	1 134 268	13,70
1897	9 402 253	1 321 100	14,10
1913	13 057 222	1 954 898	14,97

מיר זעהען, אז די אלגעמיינע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פאר דער צייט פון קרוב צו הונדערט יאר (1816—1913) ווייניגער פון פינף מאל, ווען די אידישע באפעלקערונג, באזונדער גענומען, איז אויסגעוואקסן מער פון ניין מאל. דאס דערקלערט זיך ניט נאר מיט דעם, וואס ביי די אידן איז געווען דער נאטירליכער צוּוואקס העכער, ווי ביי דער ארומיגער באפעלקערונג, נאר אויך מיט דעם, וואס פוילן איז געווארן אן אָרט, וואס האט צוגעצויגן צו זיך אידן פון אנדערע גובערניעס. און די דאזיגע אימיגראציע פון אנדערע גובערניעס, דער עיקר פון די ליטווישע און ווייס־רוסישע גובערניעס, האט געגעבן דעם פוילישן אידנטום א גרויסן צוּוואקס, וואס האט געדעקט ביז א געוויסער מאס די עמיג־ראציע פון פוילישע אידן קיין אמעריקע. אין 1816־טן יאר האבן די אידן אויס־געמאכט אין די צען פוילישע גובערניעס 7,8 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און אין 1913־טן יאר שוין 14,97, כמעט צוויי מאל אזוי פיל. אין דעם וואוקס אבער פונם פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג בא־מערקן מיר צוויי פעריאדן — ביז 1880־טן יאר וואקסט די אידישע באפעלקערונג אהן אן אויפהער; פון 1880־טן ביזן 1890־טן פארקלענערט זיך אפילו א ביסל דער פראצענט אידן פון 14,1 אויף 13,7; אין 1897־טן דערגרייכט דער פראצענט אידן צו דערזעלבער הייך, ווי אין 1880־טן יאר; און פאר די 16 יאר — פון 1897־טן ביז 1913־טן — הויבט זיך אויף דער פראצענט פון דער אידישער בא־פעלקערונג ביז 14,97 פראצענט.

דער פארשיידענער טעמפּ פונם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג ביזן 1880־טן יאר און נאך דער דאזיגער צייט, ווי אויך דער שנעלערער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער ווערן בולטער, ווען מיר נעמען אן די דאטן פון 1816־טן יאר פאר 100 און רעכענען אוים בנוגע צו דער דאזיגער גרונט־דאטע די איבעריגע ציפערן.

טאבעלע VIII

דער רעלאטיווער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין די צען גובערניעס פון רוסיש־פוילן.

יאר	די אלגעמיינע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג
1816	100	100
1860	178	282
1880	261	474
1890	304	535
1897	346	623
1913	481	922

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג איז געווען פארן גאנצן פעריאד צייט כמעט צוויי מאל אזוי גרויס, ווי פון דער גאנצער באפעלקערונג. ביי דער לעצטער איז פון הונדערט געווארן 481 און ביי דער אידישער באַ־פעלקערונג — 922. ביז די 80־ער יארן איז דער צוואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג געווען א סך שטארקער, ווי ביי דער ארומיגער באפעלקערונג; נאכדעם יאגט דער צוואקס פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אָן דעם צוואקס פון דער אידישער באפעלקערונג. דאס דערקלערט זיך געוויס ניט נאר מיטן גרעסערן אנטייל פון די אידן אין דער עמיגראציע פון פוילן, נאר אויך מיטן פאלן פונם נאטירליכן צוואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג. די אידישע באפעלקערונג ווערט גיכער אריינגעצויגן אין די גרויסע שטעט און ווערט בִּכלל גיכער באאיינפלוסט פון די שטרעמונגען אין די שטעט, וואס פירן צו א ממשותדיגער פארקלענערונג פון די געבוירענע. ווען דער דאזיגער פראגע וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידן שפעטער, און מיר וועלן זיך נאך ניט איין מאל מיט איר טרעפן.

נאך אינטענסיווער, ווי אין די צען רוסיש־פוילישע גובערניעס, איז געוועז דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די גובערניעס פון ניי־רוסלאנד (בעסאראבער, כערסאנער, יעקאטערינאסלאווער און טאורישער).

טאבעלע IX

דער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין ניי־רוסלאנד.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג	% פון אידן
1844	3 127 054	95 305	3,0
1880	4 988 470	368 567	7,4
1897	8 235 488	730 278	8,9
1913	11 403 200	(*900 000	7,9

נעמען מיר אָן די דאטן פון 1844־טן יאר פאר 100, וועט די געבראכטע טאבעלע באקומען פאלגנדיגן פנים:

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג
1844	100	100
1880	159	386
1897	263	766
1913	365	944

נעמען מיר דעם גאנצן פעריאד פון 1844־טן יאר ביז 1913־טן, זעהען מיר, אז די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט ווייניגער פון פיר מאל — פון יעדע הונדערט נפשות איז געווארן 365 — און די אידישע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט כמעט צען מאל — פון יעדע הונדערט אידישע נפשות איז געווארן 944. דער צוואקס ביי אידן איז געוועז אויף אזא אופן כמעט דריי מאל שטארקער, ווי ביי דער ארומיגער באפעלקערונג. נעמען מיר אבער נאר די לעצטע 16 יאר — פון 1897 ביז 1913 — זעהען מיר, אז ביי

*) בערך.

אידן האט זיך די באפעלקערונג פארגרעסערט נאר אויף 23 פראצענט, און די אלגעמיינע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פאר דער צייט אויף 40 פראצענט. דאס איז געווים ארויסגערופן פון דעם, וואס די אידישע עמיגראציע האט אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט פארכאפט אויך די גובערניעס פון נײ־רוסלאנד, הגם בכלל איז דארט די עקאנאמישע לאגע פון די אידישע מאסן א סך פעסטער און זיכערער, ווי אין ליטע און ווייס־רוסלאנד. מע מוז אבער צוגעבן, אז אויך דער נאטירליכער צוואקס איז שטארק געפאלן אין נײ־רוסלאנד אין די לעצטע יארן.

באזונדער אינטענסיוו איז געווען די צוואנדערונג פון אנדערע גובערניעס קיין נײ־רוסלאנד ביזן 1897־טן יאר. ווי באקאנט, ווערט פארדאפלט די באפעלקערונג ביי א צוויי־פראצענטיגן יארליכן צוואקס אין 34 יאר. לויט דעם דאזיגן חשבון וואלטן באדארפט זיין אין נײ־רוסלאנד אין 1880־טן יאר מאקסימום 200 טויזנט אידן. ס'זיינען אבער געווען אין דעם יאר קרוב צו 370 טויזנט אידן —, קומט אויס, אז ביז 170 טויזנט אידן זיינען אנגעקומען קיין נײ־רוסלאנד פון אנדערע גובערניעס פון תחום. שפעטער פון 1880־טן יאר איז דער צוואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג בכלל שוין געווים געפאלן, נאר נעמענדיג אין אכט, אז ביי אן אימיגראנטן־באפעלקערונג איז דער פראצענט פון יונגע לייט העכער, וועלן מיר צולאזן, אז אויך אין די יארן פון 1880 ביז 1897 איז געווען אין נײ־רוסלאנד א צווייפראצענטיגער יארליכער צוואקס. אפילו ביי אזא הויכן צוואקס וואלט די אידישע באפעלקערונג באדארפט באטרעפן אין 1897־טן יאר 500 טויזנט, און זי האט באטראפן מער פון 730 טויזנט. קומט אויס, אז אין משך פון 16—17 יאר זיינען געקומען פון אנדערע גובערניעס פון תחום קיין נײ־רוסלאנד 230 טויזנט אידן, וואס ס'מאכט אויס ביז 15 טויזנט א יאר.

פון די פיר גובערניעס פון נײ־רוסלאנד האט בעסאראביע שוין אין 1844־טן יאר געהאט פארהעלטניסמעסיג א גרויסע צאל אידן — 48 943, מער פון 50% פון אלע אידן פון נײ־רוסלאנד. די אידן האבן דעמאלט אויסגעמאכט אין בעסאראביע 6,2 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אין 1897 יאר זיינען געווען אין בעסאראבער גובערניע 228 528 אידן, ד. ה. מער ווי פיר מאל אזוי פיל, ווי אין 1844־טן יאר, און זיי האבן אויסגעמאכט 11,8 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. נעמען מיר אראפ די בעסאראבער אידן פון דער צאל אידן אין גאנץ נײ־רוסלאנד, וועלן מיר ערשט זעהן, ווי גרויס דער צוואקס איז געווען.

טאבעלע X

דער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין דריי גובערניעס פון ניי־רוסלאנד.

(כערסאנער, יעקאטערינאסלאווער און טאורישער)

יאר	די גאנצע באַ־פעלקערונג	אידן	% פון אידן
1844	2 333 951	46 312	2,0
1880	3 602 727	200 740	5,6
1897	6 295 076	501 750	8,0
1913	8 840 200	*) 670 000	7,6

רעכענען מיר די דאטן פון 1844־טן יאר פאר 100, באקומט די טא־בעלע X פאלגנדיגן פנים:

יאר	די גאנצע באַ־פעלקערונג	אידן
1844	100	100
1880	154	433
1897	270	1083
1913	379	1447

מיר זעהען אלזא, אז די גאנצע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פון 1844 ביז 1913 וויניגער פון פיר מאל, און די אידישע מער פון פערצן מאל. פון יעדע 100 נפשות פון דער גאנצער באפעלקערונג איז געווארן סך־הכל 379; פון יעדע הונדערט אידישע נפשות — 1447. פארשטייט זיך, אז דער גרעסטער צוזוואקס פאלט אויף די ביידע אינדוסטריעלע גובערניעס — כערסאנער און יעקאטערינאסלאווער —, וואו ס'זיינען אויסגעוואקסן די גרעסטע אידישע קהלות פון די גובערניעס פון תחום, ניט רעכענענדיג פוילן.

אין פאלטאווער און טשערניגאווער גובערניע איז צום סוף פון אכטצענטן יאר־

*) בערך.

הונדערט געווען ווייניגער פון טויזנט נפשות. אין משך פון 19־טן יארהונדערט איז די אידישע באפעלקערונג אויך אין די צוויי גובערניעס שטארק אויסגעוואקסן. אזוי זיינען געווען אידן אין פאלטאווער און טשערניגאווער גובערניע:

1. אין 1847 — 34 009;
2. אין 1881 — 167 158;
3. אין 1897 — 225 396;

פאר פופציג יאר איז די אידישע באפעלקערונג אין די דאזיגע צוויי גובערניעס אויסגעוואקסן כמעט ז י ב ן מ א ל.

פון די אלע געבראכטע דאטן און ציפערן איז צו זעהן, אז פאר די לעצטע פופציג־זעכציג יאר האט די אידישע מאסע פון רוסלאנד געשטרעבט אין די ראיאנען, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א באזונדער אינטענסיווער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע — קיין פוילן און קיין דרום־רוסלאנד. צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט האט געלעבט אין פוילן פון 25 ביז 28 פראצענט פון אלע רוסלענדישע אידן; אין כערסאנער, יעקאטערינאסלאווער און טאורישער גובערניעס ווייניגער פון דריי פראצענט און אין די איבעריגע 12 גובערניעס פון תחום מער פון 70 פראצענט פון אלע רוסלענדישע אידן. אין 1913־טן יאר זיינען שוין די פארהעלטענישן געווען בערך פאלגנדיגע: אין פוילן זיינען געווען פון 30 ביז 33 פראצענט פון אלע רוסלענדישע אידן: אין די דריי דרום־גובערניעס — פון 10 ביז 12 פראצענט; אין די איבעריגע 12 גובערניעס פון 55 ביז 60 פראצענט פון אלע רוסלענדישע אידן.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין רוסלאנד ערב דער וועלט־מלחמה?
2. וויפיל אידן האבן עמיגרירט פון רוסלאנד פון 1897־טן ביז 1914־טן?
3. איז געווארן פאר דער צייט — פון 1897־טן ביז 1914־טן — קלענער די א ב ס א ל ו ט ע צאל אידן? די ר ע ל א ט י ו ו ע צאל אידן?
4. ביי וואסערע פעלקער פון תחום איז גרעסער די עמיגראציע? די צוריק־וואנדערונג?
5. ביי וועמען איז געווען שטארקער דער וואוקס פון דער באפעלקערונג אין 19־טן יארהונדערט: ביי די אידן צי ביי די ארומיגע פעלקער?
6. וואס פאר א פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן

אויסגעמאכט אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין מיטן פון 19־טן יאר־הונדערט? אין סוף פון 19־טן יארהונדערט?

7. וויפיל זיינען געווען אידן אין רוסלאנד אין אנהויב פון 19־טן יאר־הונדערט? אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט? צום סוף פון 19־טן יאר־הונדערט?

8. וויפיל זיינען געווען אידן אין די 9 מערב־גובערניעס: אין 1847־טן יאר? אין 1897־טן?

9. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין די ניין גובערניעס: אין 1847־טן? אין 1881־טן? אין 1897־טן?

10. וויפיל זיינען געווען אידן אין די צען גובערניעס פון פוילן: אין 1816־טן? אין 1860־טן? אין 1897־טן? אין 1913־טן?

11. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין פוילן: אין 1816־טן? אין 1860־טן? אין 1880־טן? אין 1890־טן? אין 1913־טן?

12. וואס פאר א באפעלקערונג איז מער אויסגעוואקסן פארן ניינצענטן יארהונדערט אין פוילן: די אידישע אדער די ארומיגע?

13. מיט וואס דערקלערט זיך דער שנעלערער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג?

14. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג אין פוילן אין משך פון 19־טן יארהונדערט? די גאנצע באפעלקערונג?

15. וויפיל זיינען געווען אידן אין ניי־רוסלאנד: אין 1844־טן יאר? אין 1897־טן? אין 1913־טן?

16. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט פון 1844־טן ביז 1913־טן אין ניי־רוסלאנד: די ארומיגע באפעלקערונג? די אידישע?

17. פון וואסערע קאנטן האבן אידן עמיגרירט קיין ניי־רוסלאנד?

18. וויפיל בערך האבן עמיגרירט יערליך אידן פון אנדערע קאנטן קיין ניי־רוסלאנד?

19. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין דריי גובערניעס פון ניי־רוסלאנד: אין 1844־טן? אין 1880־טן? אין 1897־טן? אין 1913־טן?

20. וויפיל מאל איז אויסגעוואקסן די באפעלקערונג פון 1844־טן ביז 1913 אין די דריי גובערניעס: די אידישע? די גאנצע?

21. וויפיל זיינען געווען אידן אין פאלטאווער און טשערנינאווער גובער־ניעס: אין סוף פון 18־טן יארהונדערט? אין 1847־טן? אין 1897־טן?

22. אין וועלכע ראיאנען האט די אידישע מאסע פון רוסלאנד געשטרעבט אין משך פון 19־טן יארהונדערט?

23. ווי זיינען געווען פונאנדערגעטיילט די רוסלענדישע אידן אין באַזונדערע קאנטן פון רוסלאנד: צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט? אין 1913־טן יאר?

קאפיטל 4.

די איינטיילונג פון די אידן אין רוסלאנד לויט די קאנטן און פונקטן.

נאך דעם קורצן געשיכטליכן איבערבליק פון דער אנטוויקלונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד אין משך פון 19־טן יארהונדערט און פון איר וואוקס אין באזונדערע ראיאנען, קאנען מיר איבערגיין צו אן אויספירליכערן באטראכטן פון דעם איצטיגן צושטאנד בנוגע צו דער איינטיילונג פון די אידן לויט די קאנטן און פונקטן. אין גרונט פון אלע וייטערדיגע באטראכטונגען און אויספירן ווערן געלעגט דער־עיקר די דאטן פון דער פאלקס־ציילונג פון 1897־טן יאר — די איינציגע דאטן, וואס מיר פארמאגן און וואס פארדינען צוטרוי. אמת, פון 1897־טן יאר זיינען געווים פארגעקומען אפילו אין פרט פון דער איינטיילונג פון די אידן לויט די קאנטן און פונקטן ערנסטע שנוים; ס'איז אבער קיין ספק ניט, און דערצו זיינען פאראן פעסטע ראיות און גאנץ גענוגנ־דיגע באווייזן, אז די טענדענצן, וואס האבן זיך ארויסגעוויזן פון די דאטן פון 1897־טן יאר, האבן נאר באקומען פאר די לעצטע צוואנציג יאר א שטויס פארויס.

שטעלן מיר זיך פריהער אפ נאר אויף די אידן פון די 25 גובערניעס פון תחום. מיר טיילן די 25 גובערניעס ניט לויט די געאגראפישע פרינציפן, ווי מען פלעגט טון ביז איצט, נאר לויטן נאציאנאלן פרינציפ. ניט געקוקט דערויף, האבן מיר געפונען פאר מעגליך צו פאראייניגן ליטע מיט ווייס־רוסלאנד, ווייל די דאזיגע צוויי נאציאנאלע פראווינצן זיינען עקאנאמיש אזוי צוזאמענגעבונדן און קולטורעל אזוי צוזאמענגעפלאכטן, אז ביי דער ברייטסטער מעגליכקייט פאר א פרייען נאציאנאלן לעבן, וועלן זיי געווים שטרעבן צו זיין ווי נאהענטער איינע צו דער אנדערער. חוץ דעם האבן מיר געהאלטן פאר איבעריג אויסצוטיילן פון די פראווינצן, וואס שטעלן מיט זיך פאר נאציאנאלע קאנטן, די פאסעקלאך און פאסן, וואס ביי אן ערליכער און אמתער פרידליכער צעטיילונג פון לאנד לויטן נאציאנאלן פרינציפ וואלטן זיי באדארפט אויסגעשניטן און איבערגעגעבן ווערן אן אנדער קאנט; למשל, א גרויסער טייל פון סוואלקער גובערניע, וואו די ליט־ווינער מאכן אויס העכער א העלפט, וואלט געווים באדארפט איבערגיין צו ליטע, אייניגע אויעזדן פון טשערניגאווער גובערניע צו גרויס־רוסלאנד, אייניגע אויעזדן פון לובלינער גובערניע צו אוקראינע א. א. וו. די דאזיגע אפעראציע וואלט סוף כל סוף ווייניג וואס געענדערט דאס גאנצע בילד, וואס באקומט

די איינטיילונג פון די אידן אין רוסלאנד לויט די קאנטן און פונקטן (1897).

גובערניעס	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפ. אבסאלוטע צאל	די אידישע באפ. % צו דער גאנצער באפעלקערונג	פון יערע 100 אידן וואוינען אין: שטעט	שטעטלאך	דערפער	דער פראצענט אידן אין: שטעט	שטעטלאך	דערפער
גראדנער	1 603 409	280 489	17,5	52,93	32,53	14,54	58,3	58,5	3,4
מינסקער	2 147 621	345 015	16,0	38,92	36,06	25,02	59,4	59,5	5,1
קאונער	1 544 564	212 666	13,8	29,24	55,15	15,61	43,4	56,0	2,8
ווילנער	1 591 207	204 686	12,9	42,66	40,25	17,09	44,1	57,3	2,8
מאהילעווער	1 686 764	203 946	12,1	37,95	38,99	23,06	52,6	57,2	3,4
וויטעבסקער	1 489 246	175 629	11,8	64,82	21,74	13,44	52,7	66,3	1,9
סך־הכל	**10 062 811**	**1 422 431**	**14,1**	**43,81**	**37,45**	**18,74**	**52,6**	**58,2**	**3,3**
ווארשעווער	1 931 867	351 942	18,2	81,49	10,43	8,08	33,9	43,2	2,8
פיעטערקאווער	1 403 901	222 558	15,9	73,54	14,95	11,51	32,0	35,9	3,2
לאמזשער	579 592	91 394	15,8	38,38	37,95	23,67	46,9	53,5	4,9
סעדליצער	772 146	121 135	15,7	52,21	29,73	18,06	53,7	52,8	3,7
ראדאמער	814 947	112 323	13,8	45,18	41,44	13,38	50,6	50,5	2,4
לובלינער	1 160 662	156 221	13,5	47,18	39,64	13,18	45,8	53,4	2,2
קעלצער	761 995	83 221	10,9	43,40	40,21	16,39	51,3	46,1	2,2
סוואלקער	582 913	59 195	10,2	49,80	20,71	29,49	40,0	38,9	3,7
פלאצקער	553 633	51 454	9,3	59,98	24,60	15,42	35,0	39,6	1,8
קאלישער	840 597	71 657	8,5	60,93	32,05	7,02	37,6	31,8	0,8
סך־הכל	**9 402 253**	**1 321 100**	**14,1**	**61,57**	**25 09**	**13,34**	**37,7**	**45,3**	**2,7**
וואלינער	2 989 482	395 782	13,2	30,13	48,89	20,98	51,0	49,3	3,0
כערסאנער	2 733 612	339 910	12,4	70,89	10,18	18,93	30,5	14,9	3,8
פאדאליער	3 018 299	370 612	12,3	27,76	57,44	14,80	46,4	44,2	2,4
קיעווער	3 559 229	433 728	12,2	33,41	48,51	18,08	31,6	37,9	3,1
טשערניגאווער	2 297 854	114 452	5,0	47,87	18,25	33,88	26,1	7,6	2,1
יעקאטערינאסלאווער	2 113 674	101 088	4,8	63,34	4,46	32,20	26,6	6,7	1,8
טאורישע	1 447 790	60 752	4,2	64,74	13,60	21,66	13,6	21,1	1,2
פאלטאווער	2 778 151	110 944	4,0	73,01	7,60	19,39	29,5	3,3	1,0
סך־הכל	**20 938 091**	**1 927 268**	**9,2**	**43,96**	**35,98**	**20,06**	**31,2**	**30,2**	**2,4**
בעסאראבער	1 935 412	228 528	11,8	47,98	26,54	25,48	37,4	55,7	3,8
סך־הכל	**42 338 567**	**4 899 327**	**11.6**	**48,84**	**33,05**	**18,11**	**36.9**	**39,9**	**2,8**

18.74 % la tara
13.34 "
20.06 "
18.11 .

זיך, ווען מיר טיילן די 25 גובערניעס, ווי גאנצע לויטן נאציאנאלן פרינציפּ. און דערפאר בלייבט ביי אונז די מעגליכקייט הן פון באנוצן זיך מיט די אר־בעטן, וואס האבן ביז אהער וויינינ אויפמערקזאמקייט געשיינקט דעם נאציאנאלן פרינציפּ און האבן נעטיילט רוסלאנד נאר לויטן געאגראפישן פרינציפּ, און הן פון פארגלייכן אונזערע ניי־באארבעטע דאטן מיט די אלטע.

טאבעלע XI גיט אונז די אלגעמיינע צאל אידן אין די 25 גובערניעס פון תחום און אויך זייער איינטיילונג, ווי אין באזונדערע נאציאנאלע פראווינצן, אזוי אויך אין באזונדערע וואוין־פונקטן.

אין אלע 25 גובערניעס זיינען געווען אין 1897־טן יאר — 4 899 327 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 11,6 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. אין וועלכע פונקטן האבן אידן מערסטנטיילס געוואוינט אין תחום? פון יעדע הונדערט אידן זיינען געווען:

1. אין שטעט 48,84
2. אין שטעטלאך 33,05
3. אין דערפער 18,11

כמעט א העלפט אידן האבן שוין אין 1897־טן יאר געוואוינט אין שטעט; א דריטל אידן האבן געוואוינט אין שטעטלאך און נאר א זעקסטל פון אלע רוסלענדישע אידן האבן דעמאלס געלעבט אין דערפער. דערצו מוז מען נאך צוגעבן, אז דער באגריף שטאט איז אין רוסלאנד ניט נאר אין גאנצן באשטימט און איז איינגנטליך אן אדמיניסטראטיווער און ניט קיין סטאטיסטישער. ניט וויינינ פונקטן זיינען אריין אין דער קאטעגאריע „שטעטלאך“, ווען לויט דער צאל פון זייערע איינוואוינער, וואלטן זיי געווים באדארפט פארעכנט ווערן פאר שטעט. אלנפאלס, ביי היינטינן מאמענט קאן מען מיט א רוהינן געוויסן אננעמען, אז אין די שטעט וואוינען פון 55 ביז 60 פראצענט פון אלע רוס־לענדישע אידן; אין די שטעטלאך, לערך ביז 30 פראצענט און אין די דערפער — צען־צוועלף פראצענט פון אלע רוסלענדישע אידן.

וואס פאר א פּראָצענט מאכן אידן אויס לגבי דער איבעריגער באפעלקערונג אין די פארשיידענע פונקטן? פון יעדע הונדערט שטאטישע איינוואוינער מאכן אידן אויס 36,9%, העכער אלזא פון א דריטל. די איבעריגע צוויי דריטל שטאטישע איינוואוינער באשטייען אבער ניט פון איין נאציע, נאר פון עטליכע, ווי מיר וועלן זעהן שפּעטער. אין די שטעטלאך קומט אויס אויף יעדע הונדערט נפשות 39,9 פראצענט אידן, אלזא צוויי פינפטל. און אין די דערפער פון די

25 נובערניעס פון תחום מאכן אידן אויס נאר א נישטינן פראצענט — סך־הכל 2,8.

פון די דאזיגע אלגעמיינע ציפערן ווענן גאנצן תחום זעהען מיר שוין, אז, ראשית, די מערהייט אידן איז קאנצענטרירט אין שטאטישע פונקטן, און אז אין די שטאטישע פונקטן מאכן אידן אויס זעהר אן אנגעזעהענעם פראצענט.

לאמיר איצט איבערגיין צו איינצעלנע קאנטן.

טאבעלע XII

די אידן אין באזונדערע קאנטן פון תחום (1897).

קאנט	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג	דער פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלק	דער פראצענט פון אלע אידן פון תחום
ליטע און ווייס־רוסלאנד	10 062 431	1 422 431	14,1	29,0
פוילן	9 402 253	1 321 100	14,1	27,0
אוקראינע	20 938 091	1 927 268	9,2	39,3
בעסאראביע	1 935 412	228 528	11,8	4,7
סך־הכל	42 338 567	4 899 327	11,6	100,0

לויט דער אבסאלוטער צאל אידן פארנעמט אוקראינע דאס ערשטע ארט, וואו ס'זיינען געווען 39,3 פראצענט פון אלע אידן פון תחום. נאכדעם גייט ליטע און ווייס־רוסלאנד מיט 29,0 פראצענט און אויפן דריטן ארט פוילן, וואו ס'זיינען געווען 27,0 פראצענט פון אלע אידן פון תחום. לויט דער רעלאטיווער צאל אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג שטייען אויפן ערשטן ארט ליטע און ווייס־רוסלאנד און פוילן, וואו די אידן מאכן אויס 14,1 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג; נאכדעם גייט בעסאראביע מיט 11,8 פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג, און דאס לעצטע ארט פארנעמט אוקראינע, וואו די אידן מאכן אויס סך־הכל 9,2 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

מיר האבן גענומען דעם דורכשניטליכן פראצענט אידן אין גאנצע קאנטן. אין באזונדערע גובערניעס פון יעדער קאנט איז דער פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג גאנץ פארשידן. אין ליטע און ווייס־רוסלאנד איז דער העכסטער פראצענט אידן, 17,5 — אין גראדנער גובערניע; און דער קלענסטער פראצענט — 11,8 — אין וויטעבסקער גובערניע. אין פוילן איז דער העכסטער

פראצענט אידן — 18,2 — אין ווארשעווער גובערניע, און דער קלענסטער — 8,5 — אין קאלישער. אין אוקראינע איז דער העכסטער פראצענט אידן — 13,2 — אין וואלינער גובערניע און דער קלענסטער — 4,0 — אין פאלטאווער.

צוויי ערשיינונגען ווירקן אויף דער אבסאלוטער און רעלאטיווער צאל אידן אין דער אדער יענער גובערניע: די לאנגיארינקייט פונם אידישן ישוב אין דער געגעבענער גובערניע און די אנטוויקלטע אינדוסטריע. פאלן ביידע מאמענטן צוזאמען, ווי אין ווארשעווער, פיעטערקאווער און גראדנער גובערניע, דערגרייכט דארטן דער אידישער ישוב זיין העכסטע מדרגה אין אלע פרטים. פאלן ביידע מאמענטן נים צוזאמען, דאן האט אפט די גרעסערע ווירקונג די לאנגיארינקייט פון אידישן ישוב, נאר ס'טרעפט אויך, אז די אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע באקומט די אויבער־האנט. דאס איז שוין געווענדט אין דעם, וואס פאר א אינדוסטריע ס'איז אנטוויקלט אין דער אדער יענער גובערניע און אויף וויפיל דער האנדל האט דארט א גרויסן פלאץ. אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע מאכן די אידן אויס א סך א ווייניגערן פראצענט, ווי אין וואלינער גובערניע, נים געקוקט אויף דעם, וואס אין דער ערשטער איז די פאבריקאציע מער אנטוויקלט; פארקערט, אין כערסאנער גובערניע מאכן די אידן אויס א גרעסערן פראצענט, ווי אין קיעווער און פאדאלער גובערניע, הגם דער אידישער ישוב אין כערסאנער גובערניע איז א סך יונגער פונם אידישן ישוב פון די לעצטע צוויי גובערניעס.

לאמיר איצט זעהן די צעטיילונג פון אידן אין באזונדערע פונקטן אין פארשיידענע קאנטן.

טאבעלע XIII

פון יעדע הונדערט אידן וואוינען אין שטעט, שטעטלאך און דערפער

קאנט	שטעט	שטעטלאך	דערפער
ליטע און ווייס־רוסלאנד	43,79	37,44	18,74
פוילן	61,57	25,09	13,34
אוקראינע	43,96	35,98	20,06
בעסאראביע	47,98	26,54	25,48
סך־הכל	**48,84**	**33,05**	**18,11**

מיר זעהען, אז דעם גרעסטן פראצענט שטאטישע אידן פארמאגט פוילן

— מער פון 60 פּראָצענט פון אַלע פּוילישע אידן וואוינען אין שטעט. בעמט מען וואַרשעווער און פּיעטערקאָווער גובערניעס, וואָס פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט לויט זייער הויך אַנטוויקלטער אינדוסטריע, זעהט מען, אַז אין דער ערשטער וואוינען אין שטעט 81,49 און אין דער צווייטער 73,54 פּראָצענט פון אַלע אידן פון די דאָזיגע גובערניעס. דאָסזעלבע חזרט זיך איבער אין אוקראַינע. בִּכְלָל וואוינען אין אוקראַינע אין די שטעט נאָר 43,96 פּראָצענט פון אַלע אוקראַינישע אידן, אין כערסאָנער גובערניע אָבער — 70,89 פּראָצענט; אי יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע — 63,34 פּראָצענט. אויך אין די גובערניעס, וואו דער אידישער ישוב איז אַ יונגער, ווי, למשל, אין טאַווריטשער אָדער פּאָלטאַווער גובערניע, הגם די פאַבריקאַציע איז דאָרטן ניט שטאַרק אַנטוויקלט, דאָך איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער פּראָצענט אידן אין די שטעט — אין פּאָלטאַווער 73,01 פון אַלע אידן פון דער דאָזיגער גובערניע און אין טאַווריטשער — 64,74 פּראָצענט. דאָס איז אויך אַ פאַרשטאַנדליכע זאַך — דער אידישער אָרימער בעל־מלאכה פון ליטע און וואָלין, וואָס זוכט פּרנסה אין קרים אָדער בִּכְלָל אין די דרום־גובערניעס, געפינט זי גיכער אין די שטעט, ווי אין די שטעטלאַך אָדער דערפער. אין דעם פּרט זיינען זעהר אינטערעסאַנט כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס. אין די שטעטלאַך פון די דאָזיגע גובערניעס איז נאָר אַ קליינער פּראָצענט אידן — אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע וואוינען אין שטעטלאַך סך־הכל 4,46 פּראָצענט פון אַלע אידן פון דער גובערניע און אין כערסאָנער גובערניע — 10,18 פּראָצענט. אין די דערפער קומט אויס אַ גרויסער פּראָצענט אידן, דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר, וואָס אין די צוויי גובערניעס זיינען פאַראַן אַ סך אידישע קאָלאָניעס. אין דער אמתן, ווען מען רעכנט אַראָפּ די אידישע קאָלאָניעס, קומט אויס, אַז פון 85 ביז 90 פּראָצענט אידן פון כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס וואוינען אין שטעט. דאָ חזרט זיך אַלזאָ איבער דיזעלבע ערשיינונג, וואָס מיר זעהען פון יענער זייט ים — די אידישע עמיגראַציע גייט כמעט אויסשליסליך אין די שטעט און דערצו אין די גרויסע שטעט.

דער פּראָצענט אידן, וואָס וואוינט אין דערפער אין פאַרשידענע קאַנטן און אין פאַרשיידענע גובערניעס באַווייזט דאָס זעלבע — וואָס מער די פאַברי־קאַציע איז אַנטוויקלט אין דעם אָדער יענעם קאַנט, אין דער אָדער יענער גובערניע, אַלץ קלענער איז דער פּראָצענט אידן, וואָס בלייבט אין דאָרף. אין פּוילן וואוינען אין דערפער 13,34 פון אַלע פּוילישע אידן און אין ליטע און

ווייס־רוסלאנד 18,74. אין אוקראינע, ווען מען רעכנט אראפּ די אידישע קאָ־לאניעס, וועט דער פּראצענט אידן אין די דערפער זיין נידעריגער, ווי אין ליטע און ווייס־רוסלאנד. אין ווארשעווער, פּיעטערקאווער און קאלישער גובערניעס, וואס האבן אן אנטוויקלטע פּאבריקאציע, וואוינען זעהר ווייניג אידן אין די דערפער — 8,8 פּראצענט; 11,51 און 7,02 לויט דעם סדר פון די אויסגערעכנטע גובערניעס; אין ראדאמער, קעלצער און לובלינער גובערניעס באגעגענען מיר שוין אזא פּראצענט אידן אין די דערפער, וואס דערמאנט די אפּגעשטאנענע גאליציע — 41,44; 40,21; 39,64 לויט דעם סדר פון די אנגעוויזענע גובערניעס. דאס־זעלבע זעהט מען אין ליטע, ווען מען פארגלייכט גראדנער גובערניע (14,54 פּראצענט אידן אין די דערפער) מיט מאהילעווער גובערניע (23,06 פּראצענט אידן אין די דערפער).

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן די אידן אין פארשיידענע פונקטן, ווי וועגן א זעלבשטענדיגן כלל. לאמיר איצט זעהן, ווי איז די לאגע פון אידן אין פארשיידענע וואוין־פונקטן אין פארגלייך מיט דער ארומיגער באפעלקערונג פון די זעלבע ערטער. אין די דערפער מאכן אידן אויס אומעטום — אין אלע קאנטן און אין אלע גובערניעס — אזא נישטיגן פּראצענט, אז ס'איז ניט כדאי דערויף זיך אפּשטעלן. מיר וועלן דעריבער זיך פארנעמען נאר מיט די שטעט און שטעטלאך.

טאבעלע XIV

דער פּראצענט אידן אין שטעט און שטעטלאך (1897).

קאנט	שטעט	שטעטלאך
ליטע און ווייס־רוסלאנד	52,6	58,2
פּוילן	37,7	45,3
אוקראינע	31,2	30,2
בעסאראביע	37,4	55,7
סך־הכל	36,9	39,9

מיר זעהען, אז אין ליטע און ווייס־רוסלאנד בילדן די אידן אן אבסאלוטע מערהייט הן אין די שטעט און הן אין די שטעטלאך — פון הונדערט שטאטישע איינוואוינער זיינען 52,6 אידן און פון הונדערט שטעטלשע איינוואוינער

58,2 זידן. מיר וועלן שפּעטער זעהן, פון וויפיל נאַציאָנאַלע גרופּעס באַשטייען די איבעריגע איינוואוינער פון די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד, און דעמאָלס וועלן מיר ערשט פאַרשטיין, וואָס פאַר א כּח די אידן פאַרמאָגן אין די שטעט פונם דאָזיגן קאַנט. גיט אַזוי גינציג איז די לאַגע אין פּוילן. דאָ בילדן די אידן אין די שטעט סך־הכּל 37,7 פּראָצענט, האָבנדיג אַנטקעגן זיך א מערהייט פון העכער זעכציג פּראָצענט, וועלכע באַשטייט זעהר אַפּט כּמעט אויסשליסליך פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע — פון פּאָלאַקן. דער דאָזיגער חסרון קויפט זיך אָבער אויס מיט דעם, וואָס אין די פּוילישע שטעט זיינען קאָנצענטרירט אַבסאָלוט גרויסע מאַסן אידן. די אידן אין וואַרשע מאַכן טאַקי אויס נאָר קוים 38 פּראָצענט (1913), און די פּאָלאַקן בילדן דאָרט 56 פּראָצענט (1913); די אַבסאָלוטע צאָל אידן איז אָבער אַזאַ גרויסע, אַז די אַסימילאַציע קאָן דאָ האָבן זעהר שוואַכע וואָרצלען און, פאַרקערט, די נאַציאָנאַלע קולטור געפינט דאָ דעם גינציגסטן באָדן. אין די שטעטלאַך פון פּוילן מאַכן שוין די אידן אויס כּמעט א העלפט — 45,3.

נאָך א קלענערן פּראָצענט, ווי אין פּוילן, מאַכן די אידן אויס אין די שטעט און שטעטלאַך פון אוקראַינע — 31,2 פּראָצענט אין די שטעט און 30,2 פּראָצענט אין די שטעטלאַך. ווי מיר וועלן אָבער זעהן שפּעטער, ווען מיר וועלן איבערגיין צום נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון די שטעט, איז די לאַגע אין אוקראַינע אין דער אמתן א סך גינציגער, ווי אין פּוילן. אין אוקראַינע איז נישטאָ קיין איין נאַציע, וואָס זאָל בילדן א מערהייט אין די שטעט. די באַפעלקערונג פון די שטעט פון אוקראַינע באַשטייט מערסטנטיילס פון דריי גלייכע פעלקער־גרופּעס: אידן, גרויס־רוסן און אוקראַינער.

אין בעסאַראַביע מאַכן די אידן אויס 37,4 פּראָצענט אין די שטעט, און אין די שטעטלאַך מער פון א העלפט — 55,7.

מיר זעהען, אַז דוקא אין די קאַנטן, וואָס פאַרמאָגן א גרויסע פאַבריקאַציע און וואָס זייערע שטעט ציהען צו צו זיך א גרויסן פּראָצענט פון דער אידישער קאַנט־באַפעלקערונג — דוקא אין די דאָזיגע פּראָווינצן בילדן די אידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג א קלענערן פּראָצענט אין די שטעט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע קאַנטן עמיגרירן אין די שטעט גרויסע ניט־אידישע מאַסן. און דעריבער קומט אויס, אַז דוקא אין די גובערניעס, וואו דער גרעסטער פּראָצענט אידן איז קאָנצענטרירט אין די שטעט, מאַכן די אידן דאָך אויס לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג א קלענערן פּראָצענט

אין די שטעט, ווי אין די גובערניעס, וואו ס'איז קאנצענטרירט א קלענערער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג אין די שטעט.

אין ווארשעווער גובערניע וואוינען אין שטעט 81,49 פון אלע אידן פון דער גובערניע, — און דאך בילדן די אידן אין די שטעט נאר 33,9 פראצענט פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג; אין סעדלעצער גובערניע וואוינען אין די שטעט נאר 52,21 פראצענט פון אלע אידן פון דער גובערניע, זיי מאכן אבער אויס אין די שטעט 53,7 פראצענט פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג. דאס זעלבע זעהען מיר אין אוקראינע — אין ווּאלינער גובערניע, וואו נאר 30,13 פראצענט פון אלע אידן פון דער גובערניע וואוינען אין שטעט, מאכן די אידן אויס 51,0 פראצענט פון דער שטאטישער באפעלקערונג פון דער גובערניע, און אין כערסאנער גובערניע, וואו מער פון 70 פראצענט פון אלע אידן פון דער גובערניע וואוינען אין שטעט, מאכן די אידן אויס אין די שטעט נאר 30,5 פראצענט פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג.

פון די נאר וואס געבראכטע צוויי ביישפילן איז קלאר, וואס פאר א גרויסע ראלע ס'שפילט אין אידישן לעבן די אבסאלוטע קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן. ווארום קאן דאך קיין צוויי מיינונגען ניט זיין וועגן דעם, וואסע־רע גובערניעס, צי ווארשעווער און כערסאנער אדער סעדלעצער און וואלינער, זיינען ניגצינער פאר דער אנטוויקלונג פון דער אידישער נאציאנאלער קולטור.

אין עלף (פון 25) גובערניעס פון תחום וואוינט מער פון א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג אין שטעט; אין זיבן גובערניעס וואוינט פון 40 ביז 50 פראצענט פון אלע אידן אין שטעט; אין פינף — פון 30 ביז 40 פראצענט פון אלע אידן; און נאר אין צוויי גובערניעס — קאוונער און פאדאלער — זיינען אין די שטעט קאנצענטרירט ווייניגער פון 30 פראצענט פון אלע אידן, און דער גרעסטער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג פון די דאזיגע צוויי גובערניעס געפינט זיך אין די שטעטלאך.

בנוגע צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון די שטעט איז די לאגע אזוי: אין אכט גובערניעס מאכן די אידן אויס אן אבסאלוטע מערהיים, האבנדיג אין די שטעט מער פון א העלפט פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג — פון 50 ביז 60 פראצענט; אין זעקס גובערניעס האבן די אידן פון 40 ביז 50 פראצענט פון אלע שטאטישע איינוואוינער, און אין די דאזיגע זעקס גובערניעס בילדן די אידן א רעלאטיווע מערהיים, זייענדיג אין די שטעט שטארקער פון יעדע פון אלע איבעריגע נאציעס, וואס וואוינען אין

די דאזיגע גובערניעס; אין 7 גובערניעס מאכן די אידן אויס פון 30 ביז 40 פראצענט פון אלע שטאטישע איינוואוינער און אין די דאזיגע גובערניעס פארנעמען שוין די אידן דאס צווייטע ארט, אפטיעטנדיג דאס ערשטע ארט אן אנדער פאלק; זיי שטעלן אבער פאר אזא גרויסע צאליגע קראפט, אז מע מוז זיך מיט זיי שטארק רעכענען. און נאר אין 4 גובערניעס גיבן די אידן ווייניגער פון 30 פראצענט פון די שטאטישע איינוואוינער — די דאזיגע אלע פיר גובערניעס געפינען זיך אבער אין אוקראינע, וואו אין די שטעט געפינט זיך א גרויסער פראצענט גרויס־רוסן, און דאס אנטפארן זיך פון די אוקראינער אויף די סימפאטיעס פון די אידן איז אומפארמיידליך.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין די 25 גובערניעס פון תחום אין 1897־טן יאר?

2. וואס פאר א פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן דעמאלט אויסגעמאכט?

3. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון תחום האט געוואוינט: אין די שטעט? אין די שטעטלאך? אין די דערפער?

4. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אויס געמאכט אין 1897־טן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג: אין די שטעט? אין די שטעטלאך? אין די דערפער?

5. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון תחום האט געוואוינט אין 1897־טן: אין ליטע און ווייס־רוסלאנד? אין פוילן? אין אוקראינע? אין בעסאראביע?

6. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג: אין ליטע און ווייס־רוסלאנד? אין פוילן? אין אוקראינע? אין בעסאראביע?

7. וואסערע סבות ווירקן אויף דער אבסאלוטער און רעלאטיווער צאל אידן אין דער אדער יענער גובערניע?

8. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון ליטע און ווייס־רוסלאנד וואוינט: אין שטעט? אין שטעטלאך? אין דערפער?

9. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון פוילן וואוינט: אין שטעט? אין שטעטלאך? אין דערפער?

10. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון אוקראינע וואוינט: אין שטעט? שטעטלאך? דערפער?

11. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן וואוינט אין שטעט: אין ווארשעווער גובערניע? אין פעטערקאווער גובערניע?

12. וואסערע נאך גובערניעס קאנצענטרירן אין זיך א גרויסן פראצענט אידן?

13. אין וואסער א קאנט וואוינט דער גרעסטער פראצענט אידן אין דערפער?

14. אין וואסער א קאנט וואוינט דער קלענסטער פראצענט אידן אין דערפער?

15. מיט וואס דערקלערן זיך די דאזיגע ערשיינונגען?

16. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין ליטע און ווייס־רוסלאנד: אין די שטעט? אין די שטעטלאך?

17. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין פוילן: אין שטעט? אין שטעטלאך?

18. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין אוקראינע: אין שטעט? אין שטעטלאך?

19. וואס פאר א ראלע שפילט די אבסאלוטע צאל אידן אין די שטעט?

20. אין וואסערע קאנטן איז די נידעריקסטע לאגע פאר דער אידישער באפעלקערונג אין די שטעט: צוליב דעם גרויסן פראצענט אידן? צוליב דער צעברעקלקייט פון די איבעריגע נאציאנאלע גרופעס?

21. פאלט צוזאמען די אבסאלוטע קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן מיט זייער רעלאטיווער צאל לגבי דער גאנצער באפעלקערונג?

22. וואסערע סבות ווירקן אין דעם פרט?

23. אין וויפיל גובערניעס וואוינט אין שטעט פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג: מער פון א העלפט? פון 40 ביז 50 פראצענט? פון 30 ביז 40 פראצענט?

24. אין וויפיל גובערניעס מאכן די אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקערונג: אן אבסאלוטע מערהייט? א רעלאטיווע מערהייט? א באדייטנדיגע מינדערהייט?

קאפיטל 5.

דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון די 25 גובערניעס פון תחום.

די אלע פראגעס, וואס מיר האבן אנגערירט אין פריהערדיגן קאפיטל, וועלן ווערן פאר אונז א סך קלארער און פארשטאנדליכער, ווען מיר וועלן אויפהערן אפערירן מיטן טערמין „די גאנצע באפעלקערונג“, ווי אלע אידישע סטאטיסטיקער האבן געטאן ביז איצט, און וועלן צעגלידערן די דאזיגע גאנצע באפעלקערונג לויט איר פיל־פעלקערליכן צוזאמענשטעל. טאבעלע XV (זעה ביילאגע) גיט אונז דעם אידישן תחום אין זיין אמתן פיל־פארביגן נאציאנאלן געשטאלט, און מיר באקומען גאר אן אנדער בילד וועגן די פארפלאנטעטע און פארוויקלטע קעגנזייטיגע נאציאנאלע פארהעלטענישן, ווי ווען מיר באנוצן זיך מיט דעם צעשואומעגעם און פארדעקנדיגן טערמין „די גאנצע באפעלקערונג“. דאס קאנקרעטע רעאלע לעבן מיט זיין גאנצן פיל־פעלקערליכן פלאנטער, וואס האט פארוואנדלט דעם תחום אין אן ארענע פון פארביטערטן נאציאנאלן קאמף, טרעט דא ארויס מיט זיין גאנצער שארפקייט און בולטקייט און דעקט אויף פאר אונז דעם הינטער־גרונט פון א סך ערשיינונגען, וואס זעהען אויס מאדנע און גיט פארשטאנדליך. לאמיר נאר זעהן, ווי זיינען שטארק פארשיידענע פעלקער אין פארשיידענע קאנטן פון תחום.

איידער מיר גייען איבער צו דער טאבעלע XV, מוזן מיר מאכן אייניגע באמערקונגען. ראשית, אין גרונט פון דער דאזיגער טאבעלע איז געלעגט די טיילונג פון דער באפעלקערונג לויט דער שפראך און גיט לויט דער רעליגיע. אזוי ווי נאר גאר א קליינער פראצענט אידן פון תחום, סך־הכל 2,05, האבן גיט אנגעגעבן קיין אידיש פאר זייער מוטער־שפראך, בייט זיך גיט שטארק די לאגע. דאך פארקלענערט זיך די צאל אידן אויף קרוב צו 85 טויזנט, וועלכע האבן אנגעגעבן פרעמדע שפראכן פאר זייער מוטער־שפראך. אין די גובערניעס, וואו דער פראצענט אידן, וואס האבן אנגעגעבן פרעמדע שפראכן פאר זייער מוטער־שפראך, איז א הויכער, ווירקט דאס אויף דעם פראצענט אידן אין די שטעט. למשל, אין ווארשעווער גובערניע מאכן די אידן אויס אין די שטעט לויט דער רעליגיע — 33,9 פראצענט און לויט דער שפראך גאר — 29,9, ווייניגער מיט גאנצע פיר פראצענט.

שנית, מוז מען געדיינקען, אז די צאל גרויס־רוסן איז געווים אן אויפגעבלאזענע און אנטשפרעכט גיט דער ווירקליכער לאגע. די ארגאניזאטארן און

דורכפירער פון דער פאלקסציילונג פון 1897־טן יאר זיינען געווען פאראינטערע־סירט אין דעם, אז אין רעזולטאט זאל זיך באקומען א גרויסער פראצענט גרויס־רוסן אין די עק־מדינות, און דעריבער האט מען זיך געסטארעט ארייגשרייבן אין דער רובריק פון גרויס־רוסן א סך עלעמענטן, וואס געהערן אין דער אמתן צו די אוקראינער, ווייס־רוסן און אנדערע פעלקער. דער נאציאנאלער באוואוסט־זיין פון די מאסן איז נאך דעמאלט געווען א נידעריגער און האט מיטגעהאלפן דער טענדענץ פון דער אפיציעלער סטאטיסטיק. ס'איז דעריבער קיין ספק נים, אז דער פראצענט גרויס־רוסן אין פיל גובערניעס און באזונדערס אין די שטעט איז אין דער ווירקליכקייט א סך נידעריגער, ווי ס'איז אנגעוויזן אין דער טא־בעלע. און נאך איין זאך. אין די עק־מדינות זיינען תּמיד געווען קאנצענטרירט א סך גרויס־רוס׳שע מיליטער־טיילן, און דאס האט אויך קינסטליך פארגרעסערט דעם פראצענט גרויס־רוסן אין די אלע קאנטן, וועגן וועלכע מיר ריידן.

איצט גייען מיר איבער צום אינהאלט פון דער טאבעלע. אין די 25 גובערניעס פון תחום זיינען געווען אין 1897־טן יאר 42 338 567 נפשות. פון די זיינען געווען:

1. אוקראינער	16 071 756	38,0 %
2. פּאָליאקן	7 672 359	18,1 %
3. ווייס־רוסן	5 624 250	13,3 %
4. אידן	4 815 212	11,4 %
5. גרויס־רוסן	3 398 772	8,0 %
6. ליטווינער	1 604 042	3,8 %
7. מאלדאוואנער	1 094 899	2,6 %
8. דייטשן	936 115	2,2 %
9. לעטן	299 250	0,7 %
10. איבעריגע פעלקער	821 912	1,9 %
סך־הכל	42 338 567	100,0

מיר זעהען, אז אויף דעם שטיק פלאץ, וואס שטעלט מיט זיך פאר די 25 גובערניעס פון תחום, לעבן מער פון צען נאציעס, און 9 פון זיי שטעלן מיט זיך פאר אזעלכע גרויסע מאסן, וואס מען קאן קיין איינע פון זיי נים מבטל מאכן. פון דער אנדערער זייט איז נישטא קיין איין פאלק, וואס זאל בילדן אזא

טאבעלע XVI

נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון די פיר קאנטן פון תחום (1897).

(אין אבסאלוטע צאלן)

קאנטן / נאציעס	אידן	פאלאקן	אוקראינער	גרויס־רוסן	ווייס־רוסן	ליטווינער	לעטן	דייטשן	אנדערע	אינגאנצן
I. ליטע און ווייס־רוסלאנד										
אינגאנצן	1 414 157	563 854	362 526	582 442	5 446 218	1 299 494	299 250	21 762	73 108	10 062 811
אין די שטעט	615 691	151 069	5 925	215 264	139 367	20 019	4 492	15 987	15 979	1 183 793
II. פוילן										
אינגאנצן	1 267 072	6 755 503	333 255	272 072	26 567	304 548	—	404 846	38 390	9 402 253
אין די שטעט	763 399	1 052 546	27 986	173 722	676	6 783	—	111 847	21 703	2 158 662
III. אוקראינע										
אינגאנצן	1 905 815	353 002	14 996 277	2 386 013	151 465	—	—	449 301	696 218	20 938 091
אין די שטעט	818 664	38 160	737 763	966 489	—	—	—	26 064	143 906	2 731 046
IV. בעסאראביע										
אינגאנצן	228 168	—	379 698	158 245	—	—	—	60 206	1 109 095	1 935 412
אין די שטעט	109 065	6 154	46 214	71 963	—	—	—	—	59 936	293 332
אין אלע קאנטן פון תחום										
אינגאנצן Total	4 815 212	7 672 359	16 071 756	3 398 772	5 624 250	1 604 042	299 250	936 115	1 916 811	42 338 567
אין די שטעט In orase	2 306 819	1 298 381	817 888	1 376 986	140 043	26 802	4 492	153 898	241 384	6 366 693

טאבעלע XVII

נאציאנאלער צונויפשטעל פון די פיר קאנטן פון תחום (1897).

(אין רעלאטיווע צאלן)

קאנטן \ נאציעס	אידן	פאליאקן	אוקראינער	גרויס־רוסן	ווייס־רוסן	ליטווינער	לעטן	דייטשן	אנדערע	אינגאנצן
I. ליטע און ווייס־רוסלאנד										
אינגאנצן	14,1	5,6	3,6	5,8	54,1	12,9	3,0	0,2	0,7	100,0
אין די שטעט	52,0	12,8	0,5	18,2	11,8	1,7	0,4	1,3	1,3	100,0
II. פוילן										
אינגאנצן	13,5	71,9	3,5	2,9	0,3	3,2	—	4,3	0,4	100,0
אין די שטעט	35,4	48,8	1,3	8,0	0,03	0,3	—	5,2	1,0	100,0
III. אוקראינע										
אינגאנצן	9,1	1,7	71,6	11,4	0,7	—	—	2,2	3,3	100,0
אין די שטעט	30,0	3,3	27,0	33,5	—	—	—	0,9	5,3	100,0
IV. בעסאראביע										
אינגאנצן	11,8	—	19,6	8,2	—	—	—	3,1	57,3	100,0
אין די שטעט	37,2	2,1	15,8	24,5	—	—	—	—	20,4	100,0
אין אלע קאנטן פון תחום										
אינגאנצן	11,4	18,1	38,0	8,0	13,3	3,8	0,7	2,2	4,5	100,0
אין די שטעט	36,2	20,4	12,9	21,6	2,2	0,4	0,1	2,4	3,8	100,0

מערהייט אין אלע 25 גובערניעס, וועלכע זאלן אים געבן רעכט צו פרעטענדירן אויף ווערן בעל־הבית אין דער גאנצער געגנט. און ווייניגער פון אלץ די גרויס־רוסן און די פּאָלאַקן, וואס האבן ביידע היסטארישע תביעות און טענות און וואס בילדן ביידע צוזאמען קוים א פערטל פון דער גאנצער באפעלקערונג.

די טאבעלעס XVI און XVII, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט אויפן גרונט פון דער טאבעלע XV, געבן גאנץ אינטערעסאנטן מאטעריאל אויף צו באשטימען דעם ווערט און וואג פון יעדער גאציע הן אין גאנצן תחום און הן אין דעם קאנט, וואו זי בילדט א מערהייט אדער א מינדערהייט.

נעמען מיר באזונדערע קאנטן, געפינען מיר אין יעדן פון זיי א באשטימטע נאציאנאלע מערהייט, אבער קיינמאל ניט אזא גרויסע מערהייט, וואס זאל קאנען פרעטענדירן אויף אבסאלוטע אליינינע הערשאפט. די פאלאקן אין די צען גובערניעס פון פוילן מאכן אוים 71,9 פראצענט; די אוקראינער אין אוקראינע — 71,6 פראצענט; די ווייס־רוסן מאכן אוים אין ליטע און ווייס־רוסלאנד 54,1 פראצענט און די ליטווינער סך־הכל 12,9 פראצענט; און די מאלדאוואנער אין בעסאראבער גובערניע מאכן אוים סך־הכל 47,6 פראצענט.

אמת, יעדע נאציע פון די גאר וואס אויסגערעכנטע האט איינינע טבערניעס, וואו זי בילדעט גאר א גרויסע מערהייט.

די פּאָלאַקן האבן פיר גובערניעס, וואו זיי שטעלן פאר מער פון 80 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג; אין דריי גובערניעס בילדן די פּאָלאַקן פון 70 ביז 80 פראצענט; אין צוויי גובערניעס פון 60 ביז 70 פראצענט און אין איין גובערניע — סוואלקער — מאכן די פּאָלאַקן אוים סך־הכל 22,9 פראצענט.

די אוקראינער האבן נאר צוויי גובערניעס, וואו זיי מאכן אוים מער פון 80 פראצענט; אין צוויי גובערניעס האבן די אוקראינער פון 70 ביז 80 פראצענט; אין צוויי גובערניעס פון 60 ביז 70 פראצענט; אין איין גובערניע — כערסאנער — האבן די אוקראינער סך־הכל 53,5 פראצענט און אין טאווערישער נאך ווייניגער — 42,2 פראצענט.

די ווייס־רוסן האבן צוויי גובערניעס, וואו זיי מאכן אוים מער פון 70 פראצענט; אין צוויי גובערניעס האבן זיי פון 50 ביז 60 פראצענט און אין איין גובערניע סך־הכל 44 פראצענט.

די ליטווינער האבן סך־הכל איין גובערניע, וואו זיי מאכן אויס א מער־הייט פון 66,0 פראצענט — א; קאוונער גובערניע.

די מאלדאוואנער מאכן אויס אין בעסאראביע ווייניגער פון א העלפט — 47,6 %.

פון די אלע נאר וואס געבראכטע דאטן איז קלאר, אז די גרעסטע צאל גובערניעס פון יעדן נאציאנאלן קאנט איז באזעצט פון עטליכע פעלקער. קוקט מען זיך אבער גוט צו צו דער טאבעלע XV, איז גרינג צו באמערקן, אז ס'איז ניטא קיין איין נאציע, ווי געדיכט זי זאל ניט באזעצן דעם אדער יענעם קאנט, וואס זאל ניט האבן קיין באדייטנדיגע טיילן אין די איבעריגע קאנטן. אויף אזא אופן קומט אויס, אז יעדעס פאלק האט א מינדערהייט אין אנדערע קאנטן און איז פאראינטערעסירט אין דער לאגע פון דער דאזיגער מינדערהייט.

פון די 7 672 359 פאלאקן, וואס זיינען פאראן אין אלע 25 גובערניעס פון תחום, זיינען קאנצענטרירט אין די צען פוילישע גובערניעס נאר 6 755 503, ד. ה. 88 פראצענט און 12 פראצענט פאלאקן געפינען זיך אין ליטע און ווייס־רוסלאנד און אין אוקראינע. די אוקראינער האבן אין די פוילישע גובערניעס מער פון 330 טויזנט און אין ליטע און ווייס־רוסלאנד מער פון 360 טויזנט מיטגלידער. די ווייס־רוסן האבן אין אוקראינע — אין טשערניגאווער גובערניע — מער פון 150 טויזנט מיטגלידער. דאס זעלבע חזרט זיך איבער ביי אלע פעלקער.

האלט מען זיך ביי די גובערניעס, קאן מען אויסשניידן פון גאנצן שטח פון תחום גרויסע, פארהעלטניסמעסיג, פלעצער, וואו די אדער יענע נאציע האט מיט רעכט די אויבערהאנט, אויסמאכנדיג א גרויסע מערהייט. גייט מען אבער איבער צו די שטעט, בייט זיך לחלוטין דאס בילד — דא איז פשוט אוממעגליך צו געפינען ערטער, וואו איין נאציע זאל בילדן א שטארק איבערוויגנדיגע מערהייט. דא זיינען די פעלקער אזוי איבערגעפלאכטן און איינגעפלאכטן איינס אינם אנדערן, אז איין נאציאנאלע פארב איז ממש אוממעגליך.

לאמיר צום ערשטן זעהן, ווי גרויס איז די שטאט־שע באפעלקערונג ביי יעדער פון די נאציעס, וואס באזעצן דעם תחום. טאבעלע XVIII, וואס איז אויך צונויפגעשטעלט אויפן גרונט פון טאבעלע XV, גיט אן אינטערעסאנט בילד פון דעם, ווי אזוי די שטאטישע באפעלקערונג שפיגלט אין זיך אפ די עקאנאמישע און פאליטישע לאגע פון יעדן פאלק און יעדן קאנט.

טאבעלע XVIII

די שטאטישע באפעלקערונג ביי פארשיידענע נאציעס פון תחום (1897).

ראיאן / נאציעס	אידן	גרויסרוסן	פאלאקן	אוקראינער	ווייס־רוסן	ליטווינער
ליטע און ווייס־רוסלאנד	43,5	37,0	26,8	1,6	2,6	1,5
פוילן	60,2	63,8	15,6	8,4	2,5	2,2
אוקראינע	43,0	40,5	10,8	4,9	—	—
בעסאראביע	47,8	45,5	100,0	12,2	—	—
אין גאנצן תחום	47,9	40,5	16,9	5,1	2,5	1,7

פון יעדע הונדערט נפשות וואוינען אין שטעט פון גאנצן תחום:

1. ביי אידן 47,9 Vezi pag 55, numai 36,2 (?)
2. ביי גרויס־רוסן 40,5
3. ביי פאלאקן 16,9
4. אוקראינער 5,1
5. ווייס־רוסן 2,5
6. ליטווינער 1,7

די אידן פארנעמען דאס ערשטע ארט און די ליטווינער דאס לעצטע. די גרויס־רוסן, וואס האבן אין די גובערניעס פון תחום גרויסע מיליטער־טיילן, האנדלס־עלעמענטן און פאבריק־ארבעטער, גייען באלד נאך די אידן און האבן מער פון פערציג פראצענט פון אלע גרויס־רוסן פון תחום אין שטעט. ביי די פאלאקן וואוינען אין שטעט סך־הכל א זעקסטל פון אלע פאלאקן; ביי די אוקראינער נאך ווייניגער — סך־הכל איין צוואנציגסטל פון אלע אוקראינער; ביי די ווייס־רוסן — איין פערציגסטל און ביי די ליטווינער — איין זעכציגסטל.

שוין פון די דאזיגע אלגעמיינע ציפערן קאן מען פארשטיין, ווי פארשיידן ס'מוז זיין די עקאנאמישע לאגע פון די באזונדערע נאציעס. נאר די זאך ווערט א סך קלארער און פארשטאנדליכער, ווען מיר גייען איבער צו דער לאגע פון יעדער נאציע אין יעדן קאנט.

הויבן מיר אן פון די אידן. דעם מאקסימום שטאטישע באפעלקערונג האבן די פוילישע אידן — מער פון זעכציג פראצענט פון אלע פוילישע אידן וואוינען אין שטעט; דעם מינימום שטאטישע באפעלקערונג פארמאגן די אוק־

ראינישע אידן — 43,0. נאר דער מינימום בײ אידן איז אויך א גענוג הויכער, מער פון צוויי פינפטל. די גרעסערע קאנצענטראציע פון די פוילישע אידן אין שטעט איז א רעזולטאט פון עקאנאמישע סבות — פונם אנטייל פון די פוילישע אידן אין דער אינדוסטריע. די דאזיגע גרעסערע קאנצענטראציע אין די שטעט איז אבער גופא געווארן א פאקטאר פאר דער עקאנאמישער, פאליטישער און קולטורעלער אנטוויקלונג פון די פוילישע אידן. מיר קאנען זיך דא נים אפשטעלן באריכות אויף דער דאזיגער פראגע. ס'איז אבער קלאר, אז אויב דאס פוילישע אידנטום האט ביז איצט געשפילט א גרעסערע ראלע אין אידישן פאליטישן און קולטורעלן לעבן, ווי דאס אוקראינישע אידנטום, איז דאס געווים נים קיין צופאל, און דער שטאטישער כאראקטער פונם גרעסטן טייל פון די פוילישע אידן האט אין דעם א גרויסן חלק.

נעמען מיר די גרויס־רוסן, זעהען מיר, אז וואס ווייטער א קאנט ליגט פון די גרויס־רוסישע גובערניעס, אלץ א גרעסערער פראצענט פון זיי געפינט זיך אין די שטעט. אין ליטע און ווייס־רוסלאנד און אין אוקראינע, וואס זיינען שכנישע קאנטן מיט גרויס־רוסלאנד, וואו בכלל ס'איז ווען ס'ניט איז געווען אן אגרארע גרויס־רוסישע קאלאניזאציע, לעבן אין די שטעט פון 37,0 פראצענט (ליטע און ווייס־רוסלאנד) ביז 40,5 פראצענט (אוקראינע) פון אלע גרויס־רוסן; אין בעסאראביע שוין 45,5 פראצענט און אין פוילן, וואו ס'נאר נישא קיין גרויס־רוסישע דערפער, וואו די גאנצע גרויס־רוסישע באפעלקערונג באשטייט כמעט נאר פון מיליטער, אדמיניסטראציע, באאמטע און לער־פערסאנאל — אט דארטן וואוינען אין די שטעט 63,8 פראצענט פון אלע גרויס־רוסן. די פאלאקן האבן דעם קלענסטן פראצענט שטאטישע באפעלקערונג אין אוקראינע — דער גרעסטער פראצענט פאלאקן אין אוקראינע באשטייט פון גרויסע ערד־באזיצער, וואס וואוינען אין זייערע מאיאנטקעס. דער קאמף פון דער רוסישער רעגירונג מיט די פוילישע פריצים אין ליטע און ווייס־רוסלאנד האט געיאגט די לעצטע אין די שטעט — און אין דעם דאזיגן קאנט וואוינען שוין 26,8 פראצענט פון אלע פאלאקן אין שטעט. פארשטייט זיך, אז דאס איז אויך א נידעריגער פראצענט. און די פוילישע באפעלקערונג בלייבט אויך אין ליטע און אין ווייס־רוסלאנד א דארפישע אדער ריכטיגער געזאגט א מאיאנטעק־באפעלקערונג, ווייל זי באשטייט אויך דארט מערסטנטיילס פון גוט־באזיצער. אין פוילן גופא, וואו פון די אידן וואוינען אין די שטעט מער פון זעכציג פראצענט, מער פון דריי פינפטל, לעבן אין שטעט נאר 15,6 פראצענט פון אלע פאלאקן, ווייניגער

פון איין זעקסטל. אין בעסאראביע־זשע, וואו די פאלאקן זיינען זעהר ווייניג און זיינען עמיגראנטן פון דער סאמע לעצטער צייט, וואוינען אלע הונדערט פראצענט פאלאקן אין די שטעט.

די אוקראינער זיינען אומעטום זעהר ווייניג שטאטיש — דעם מאקסימום פון 12,2 פראצענט דערגרייכן זיי אין בעסאראביע. אין אוקראינע גופא וואוינען אין שטעט סך־הכל 4,9 פראצענט פון אלע אוקראינער — ביי אידן און ביי גרויס־רוסן אכט מאל מער; ביי פאלאקן צוויי מאל מער. די אוקראינער זיינען א דארפישע פויערשע נאציע, און אין די פרעמדע קאנטן, ווי פוילן אדער בעסאראביע, זיינען זיי אויך ניט קיין אנגעקומענע, נאר זיי האבן דארט גרויסע פאסן לאנד, וואס זיינען פון לאנגע יארן באזעצט מיט אוקראינער. און דעריבער האבן זיי אין די דאזיגע קאנטן אויך זעהר א קליינעם פראצענט אין די שטעט.

נאך ווייניגער שטאטיש זיינען די ווייס־רוסן און די ליטווינער, וואס האבן סך־הכל 2,5 פראצענט שטאטישע באפעלקערונג (די ווייס־רוסן) און 1,7 פראצענט (די ליטווינער).

בנוגע צו די נאציאנאלע פארהעלטנישן אין די שטעט ווילן מיר זיך אפ־שטעלן אויף יעדן קאנט באזונדער. הויבן מיר אן פון ליטע און ווייס־רוסלאנד, וואו די אידן געפינען זיך אין דער בעסטער לאגע בנוגע צום פראצענט, וואס זיי בילדן אין די שטעט.

טאבעלע XIX

די הויפט־נאציעס אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד.

נאציעס / גובערניעס	אידן	גרויסרוסן	פאלאקן	ווייס־רוסן	ליטווינער	אנדערע	אינגאנצן
מינסקער	58,8	20,1	7,2	11,9	—	2,0	100,0
גראדנער	57,7	15,0	12,6	9,0	—	3,8	100,0
מאהילעווער	52,4	13,8	2,8	30,0	—	1,0	100,0
וויטעבסקער	52,1	22,3	8,2	13,3	—	4,1	100,0
קאוונער	43,1	18,5	19,8	1,2	11,5	5,9	100,0
ווילנער	43,0	18,6	26,6	7,6	1,9	2,3	100,0
סך־הכל	52,0	18,2	12,8	11,8	1,7	3,5	100,0

טאבעלע XIX גיט אונז זעהר אינטערעסאנטן מאטעריאל וועגן די הויפט־

נאציעס, וואס קעמפן פאר דער הענעמאניע אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד. פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז די אידן בילדן אין גאנצן קאנט 52,0 פראצענט פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג — אן אבסאלוטע מערהייט. די איבעריגע 48 פראצענט פון דער שטאטישער באפעלקערונג ווערן צעטיילט דער־עיקר צווישן די פאלגנדיגע פיר פעלקער:

1. גרויס־רוסן 18,2 פראצענט
2. פאלאקן 12,8 "
3. ווייס־רוסן 11,8 "
4. ליטווינער 1,7 "

דא זעהען מיר זעהר אן אינטערעסאנטע ערשיינונג: די גרויס־רוסן, וואס מאכן אויס אין גאנץ ליטע און ווייס־רוסלאנד סך־הכל 5,8 פראצענט, האבן אין די שטעט מער פון 18 פראצענט; די פאלאקן, וואס האבן אין גאנצן קאנט 5,6 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, מאכן אויס אין די שטעט מער פון 12 פראצענט; און פארקערט, די צוויי־פעלקער — די ווייס־רוסן און ליטווינער —, וואס מאכן אויס צוזאמען 67 פראצענט פון דער באפעלקערונג, האבן אין די שטעט סך־הכל 13,5 פראצענט — פינף מאל ווייניגער. אם מיט דעם דאזינן פאקט דערקלערט זיך די שוואכקייט פון די דאזיגע פעלקער, הגם זיי מאכן אויס צוויי דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג פון קאנט. ס'איז דאך אבער גאר קיין ספק ניט, אז די צוקונפט געהער דער מערהייט פון קאנט און ניט פון די שטעט, ווארום ס'וועט ניט אזועק קיין לאנגע צייט און די דארפישע באפעלקערונג, שוין א פארכאפטע פון די נאציאנאלע, פאליטישע און קולטורעלע באוועגונגען און שטרעמונגען, וועט איבערפילן די שטעט און וועט ענדערן זייער פיזיאנאמיע. דער קאמף וועט אבער זיין א שווערער און א פארעקשנטער — און אינם דאזינן קאמף פון פינף פעלקער פאר די שטעט פון קאנט וועט די שוואכסטע פאזיצע זיין ביי די פעלקער, וואס האבן ניט אין קאנט קיין מאסן און וואס אין די שטעט אליין בילדן זיי ניט קיין גרויסע מינדערהייטן — ביי די גרויס־רוסן און ביי די פאלאקן. מענן די דאזיגע פעלקער זיין פאליטיש און קולטורעל שטארקער פון אלע דריי איבעריגע פעלקער — פון די אידן, ווייס־רוסן און ליטווינער; דער נצחון מוז געהערן דער ארטיגער באפעלקערונג. די שוואכקייט אבער פון די ארטיגע צוויי גרעסטע פעלקער אין די שטעט מוז זיי צווינגען זוכן שטיצע ביי דער אידישער נאציע, וועלכע האט אין די שטעט די מערהייט. צו דער אבסאלוטער מערהייט פון די אידן אין

די שטעט קומען צו נאך פאקטארן, וואס פארשטארקן זייערע פאזיציעס — די איבעריגע 48 פראצענט פון דער שטאטישער באפעלקערונג זיינען צעברעקלט צווישן פיר נאציעס; די נאציעס, וואס האבן א באדייטנדינן פראצענט אין די שטעט, האבן נישטינע מאסן אין קאנט, און דאס שוואכט אפ זייערע פאזיציעס אין די שטעט; די נאציעס, וואס האבן רעכט צו פרעטענדירן אויף זיין די בעלי־בתים אין קאנט, האבן זעהר א קליינעם פראצענט אין די שטעט און אין זייער קאמף קענן די הערשנדיגע נאציעס — קענן די גרויס־רוסן און פאלאקן — בלייבן זיי אהן דער הילף פון די אידן מאבטלאז.

טאבעלע XX

די הויפט־נאציעס אין די שטעט פון פוילן (1897).

גובערניעס / נאציעס	אידן	פאלאקן	גרויס־רוסן	דייטשן	אוקראינער	אנדערע	אינגאנצן
סעדלעצער	53,8	30,2	11,9	—	2,3	1,8	100,0
קעלצער	51,1	40,5	7,0	—	0,7	0,7	100,0
ראדאמער	50,5	41,0	6,2	—	1,0	1,3	100,0
לאמושער	46,8	32,3	17,1	—	1,5	2,3	100,0
לובלינער	45,3	31,7	16,3	—	4,7	2,0	100,0
סוואלקער	40,0	26,9	15,4	5,2	—	12,5	100,0
פלאצקער	34,8	45,9	14,0	2,5	2,0	0,8	100,0
קאלישער	31,8	56,7	3,7	7,2	0,4	0,2	100,0
פיעטערקאווער	30,5	49,5	3,0	16,0	0,4	0,6	100,0
ווארשעווער	29,9	58,3	7,7	1,9	1,3	0,9	100,0
סך־הכל	35,4	48,8	8,0	5,2	1,3	1,3	100,0

וואס איז שייך צו באזונדערע גובערניעס פון ליטע און ווייס־רוסלאנד איז דער פראצענט אידן אין די שטעט דערגרייכט זיין מאקסימום אין מינסקער (58,8) און אין גראדנער גובערניעס (57,7). אין קאוונער און אין ווילנער גובערניע מאכן די אידן אויס נאר 43,0 פראצענט. אין די צוויי לעצטע גובערניעס מאכן די פאלאקן אויס א גרעסערן פראצענט ווי דורכשניטליך אין קאנט — 19,8 אין קאוונער און 26,6 אין ווילנער. די גרויס־רוסן דערגרייכן דעם מאקסימום אין די שטעט פון וויטעבסקער גובערניע — 22,3 פראצענט. די ווייס־

רוסן האבן א באדייטנדיגן פראצענט שטאטישע איינוואוינער נאר אין איין מאהילעווער גובערניע — 30,0 פראצענט. און די ליטווינער, וואס האבן דורכשניטליך נאר א קליינעם פראצענט שטאטישע איינוואוינער — 1,7 % — דערגרייכן דעם מאקסימום אין קאוונער גובערניע — 11,5 פראצענט.

א סך פשוטער, ווי אין ליטע און ווייס־רוסלאנד, איז די לאגע אין פוילן — טאבעלע XX. קיין אבסאלוטע מערהייט האט דא גיט קיין איין נאציע. די פאלאקן בילדן א רעלאטיווע מערהייט — 48,8 %; די אידן האבן מער פון א דריטל (35,4) פון אלע שטאטישע איינוואוינער. צווישן די פאלאקן זיינען אבער פארערכנט געווארן אויך די אידן, וואס האבן אנגעגעבן פויליש פאר זייער מוטערשפראך. אזעלכע זיינען געווען 46 380 אידן. נעמט מען אראפ די דאזיגע צאל און מע גיט זי צו צו די אידן, וועלן די פאלאקן פארלירן אומגעפער צוויי פראצענט, און די אידן וועלן געווינען בערך צוויי פראצענט. אין רעזולטאט וועט אויסקימען, אז די פאלאקן האבן אין די שטעט מער פון די אידן מיט גיין — צען פראצענט, און דאס קאן גיט שפילן קיין גרויסע ראל. אין די פוילישע שטעט שטייען אלזא צוויי נאציעס איינע אנטקעגן דער אנדערער כמעט מיט גלייכע קרעפטן. די פאלאקן זיינען אבער שטארק מיט זייער קראפט אין קאנט, מיט זייער גרויסער מערהייט אין גאנצן לאנד.

טאבעלע XXI

די הויפט־נאציעס אין די שטעט פון אוקראינע (1897). —

נאציעס / גובערניעס	אידן	גרויסרוסן	אוקראינער	פאלאקן	אנדערע	אינגאנצן
וואלינער	50,7	19,1	19,7	7,6	2,9	100,0
פאדאליער	43,5	14,3	30,8	4,6	6,8	100,0
קיעווער	31,0	33,9	28,2	4,7	2,2	100,0
פאלטאווער	29,3	11,6	57,2	1,1	0,8	100,0
כערסאנער	28,4	45,2	17,2	3,1	6,1	100,0
טשערניגאווער	26,0	24,1	48,8	—	1,1	100,0
יעקאטערינאסלאווער	25,9	41,8	27,0	1,8	3,5	100,0
טאורישע	11,9	49,3	10,4	2,2	26,2	100,0
סך־הכל	**30,0**	**33,5**	**27,0**	**3,3**	**6,2**	**100,0**

ניט אין אלע גובערניעס אין פוילן איז די לאגע אלץ איינס. אין דריי גובערניעס (סעדלעצער, קעלצער און ראדאמער) מאכן די אידן אויס אן אב־סאלוטע מערהיים — 53,8, 51,1 און 50,5 לויט דעם סדר פון די גובער־ניעס. אין אנדערע דריי גובערניעס בילדן די אידן א רעלאטיווע מער־היים: אין לאמושער — 46,8 (די פאלאקן — 32,3), אין לובלינער — 45,3 (די פאלאקן — 31,7) און אין סוואלקער — 40,0 (די פאלאקן — 26,9). די פאלאקן מאכן אויס אן אבסאלוטע מערהייט נאר אין צוויי גובערניעס — אין ווארשעווער (58,3) און אין קאלישער (56,7); אין צוויי גובערניעס א רעלאטיווע מערהייט — אין פיעטערקאווער — 49,5 (די אידן — 30,5) און אין פלאצקער — 45,9 (די אידן — 34,8). אין ווארשעווער און אין פיעטערקאווער גובערניע קאמ־פענסירט זיך אבער די אידישע רעלאטיווע מינדערהייט מיט דער אבסאלוטער גרייס פון די קאנצענטרירטע מאסן אין ווארשע און אין לאדז. חוץ דעם איז אין פיעטערקאווער און אין קאלישער גובערניעס פאראן א באדייטנדינער פרא־צענט פון א דריטער נאציע — פון די דייטשן — און דאס מאכט שטארקער די פאזיציעס פון די אידן אין די שטעט פון די דאזיגע גובערניעס.

אינטערעסאנט איז די לאגע אין אוקראינע — טאבעלע XXI — אין גאנצן קאנט איז די שטאטישע באפעלקערונג צעטיילט אויף פאלגנדיגן אופן:

1. אידן	30,0
2. גרויס־רוסן	33,5
3. אוקראינער	27,0
4. פּאָלאקן	3,3
5. אנדערע	6,2
סך־הכל	100,0

ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז אין 1897־טן יאר, ווען די אוקראינישע בא־וועגונג איז נאך געווען גאר אין די וויקעלאך, האבן ניט ווייניג אוקראינער („מאלא־ראסן" לויט דעם אפיציעלן נאמען) זיך אנגעגעבן פאר גרויס־רוסן. און מיר וועלן זיין געוויס א סך גאהענטער צום אמת, ווען מיר וועלן אננעמען, אז גרויס־רוסן איז געווען ניט מער פון 30 פראצענט און אוקראינער אויך 30 פרא־צענט. דעמאלט באקומען מיר, אז אין אוקראינע זיינען אלע דריי הויפט־נאציעס פון קאנט גלייך פארגעשטעלט אין די שטעט. דא אבער חזרט זיך איבער אין א שוואכערער מאס די לאגע, וואס מיר האבן קאנסטאטירט בנוגע צו ליטע

און ווייס־רוסלאנד: די פרעמדע נאציע — די גרויס־רוסישע. וועלכע איז שוואך אין קאנט — 11,4 — איז גענוג שטארק אין די שטעט; פארקערט, די נאציע, וואס איז אין קאנט די שטארקסטע — די אוקראאינישע — 71,6 %, איז אין די שטעט שוואכער. פארשטייט זיך, אז די אוקראאינער אין די שטעט פון אוקראאינע האבן א סך מער שאנסן, ווי די ווייס־רוסן און ליטווינער אין ליטע און ווייס־רוסלאנד; דערפאר איז אבער אין די אוקראאינישע גובערניעס די גרויס־רוסישע קולטור א סך שטארקער, ווי אין די ליטווישע און ווייס־רוסישע, און דער גרויס־רוסישער עלעמענט אין גאנצן קאנט איז אויך א סך באדייטנדיגער — צוויי מאל אזוי פיל —, ווי אין ליטע און ווייס־רוסלאנד. די לאגע שאפט זיך דא אויך אזא, אז די אוקראאינער מוזן אנקומען צו די אידן אין זייער קאמף מיט די גרויס־רוסן, און אהן דער שטיצע פון די אידן זייגען זייערע פאזיציעס אין די שטעט שוואכע.

דאס זעהט מען נאך א סך בולטער, ווען מען גייט איבער צו איינצלנע גובערניעס. אין די דריי גובערניעס, וואס צייכענען זיך אויס מיט א אינטענסיווער אינדוסטריע־אנטוויקלונג — כערסאנער, יעקאטערינאסלאווער און קיעווער — בילדן די גרויס־רוסן אין די שטעט אומעטום א רעלאטיווע מערהייט, און נאר דאס צוזאמענגיין פון די אוקראאינער מיט די אידן קאן ביישטיין קעגן דער שטארקער גרויס־רוסישער קולטור. אין צוויי גובערניעס פון די דאזיגע דריי בילדן די גרויס־רוסן א גרויסן פראצענט בכלל — אין יעקאטערינאסלאווער 17,9 און אין כערסאנער — 21,9. אזוי ווי די דאזיגע דריי גובערניעס זייגען די רייכסטע און אנטוויקלסטע און פארמאגן די גרעסטע שטעט פון אוקראאינע, שפילן זיי א סך א גרעסערע ראלע אין לעבן פון קאנט, ווי אנדערע גובערניעס. אין כערסאנער גובערניע האבן אין די שטעט די אידן (28,4) צוזאמען מיט די אוקראאינער (17,2) כמעט ניט מער פון די גרויס־רוסן אליין (45,2). אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע איז די לאגע אביסל גינציגער — די אידן (25,9) מיט די אוקראאינער (27,0) האבן מער פון די גרויס־רוסן (41,8) מיט עלף פראצענט. און נאר אין קיעווער גובערניע זייגען אלע דריי נאציעס כמעט גלייך פארגעשטעלט אין די שטעט.

די אידן האבן אין די שטעט פון אוקראאינע אן אבסאלוטע מערהייט אין איין גובערניע — וואלינער (50,7) און אין איין גובערניע — פאדאליער — א רעלאטיווע מערהייט — 43,5. אין פינף גובערניעס האבן די אידן אין די שטעט פון א פערטל ביז א דריטל איינוואוינער און נאר אין איין

טאווּרישער גובערניע האָבן די אידן אין די שטעט סך הכל 11,9 פּראָצענט. די גרויס־רוסן האָבן אַ רעלאַטיווע מערהייט אין פיר גובערניעס — קיעווער, כערסאָנער, יעקאַטערינאָסלאַווער און טאַווּרישער. די אוקראַינער האָבן אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין איין גובערניע — אין פּאָלטאַווער 57,2; אין טשערניגאָווער גובערניע האָבן די אוקראַינער אין די שטעט אַ רעלאַטיווע מערהייט — 48,8; אין די איבעריגע גובערניעס האָבן די אוקראַינער דעם מאַקסימום פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין פּאָדאָלער גובערניע 30,8 און דעם מינימום אין טאַווּרישער 10,4. די לאַגע איז אַלזאָ אַזאַ, אַז אין פאַרגלייך מיט די גרויס־רוסן, אַפילו נים רעכענענדיג זייער פּאָליטישע מאַכט און קולטורעלע רייכקייט, וואָס זיינען נים קיין קליינע פאַקטאָרן אינם קאַמף פאַר די שטעט, זיינען די פּאָזיציעס פון די אידן און פון די אוקראַינער אין די שטעט פון אוקראַינע אַ סך שוואַכער — און אַט אַ די דאָזיגע געמיינזאַמע שוואַכקייט טרייבט זיי און מוז זיי אומבאַדינגט ווייטער טרייבן צו אַ שלום'דיגן צוזאַמענלעבן, צו אַ נאָהענטן קאָנטאַקט אין פּאָליטישער און קולטורעלער אַרבעט, צו אַלגעמיינע מיטלען און דרכים אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיגער אַנטוויקלונג.

פראַגעס.

1. ווי גרויס איז געווען די באַפעלקערונג אין תחום אין 1897־טן יאָר?
2. וויפיל זיינען געווען אין תחום: אוקראַינער? פּאָלאַקן? ווייס־רוסן? אידן? גרויס־רוסן? ליטווינער?
3. וואָס פאַר אַ פּראָצענט מאַכן אויס: די פּאָלאַקן אין פּוילן? די אוקראַינער אין אוקראַינע? די ווייס־רוסן אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד? די ליטווינער? די מאָלדאַוואַנער אין בעסאַראַביע?
4. אין וויפיל גובערניעס האָבן די פּאָלאַקן מער פון 80 פּראָצענט?
5. אין וויפיל גובערניעס בילדן די אוקראַינער מער פון 80 פּראָצענט?
6. וואָסערע טיילן האָבן די פּאָלאַקן אין פרעמדע קאַנטן?
7. וואָסערע טיילן האָבן די אוקראַינער אין פרעמדע קאַנטן?
8. וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין גאַנצן תחום וואוינט אין שטעט: ביי אידן? ביי גרויס־רוסן? ביי פּאָלאַקן? ביי אוקראַינער? ביי ווייס־רוסן? ביי ליטווינער?
9. שפּיגלט אָפּ אין זיך די גרייס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון די פאַרשידענע פעלקער?

10. וואס פאר א פראצענט בילדן די אידן אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד?

11. וויפיל פעלקער, חוץ אידן, זיינען נאך פאראן אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד און ווי זיינען זיי איינגעטיילט דארטן?

12. וואס פאר א פראצענט האבן די גרויס־רוסן: אין גאנצן קאנט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד און אין די שטעט?

13. וואס פאר א פראצענט האבן די פאלאקן אין דערמאנטן קאנט און אין זיינע שטעט?

14. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אין קאנט און אין זיינע שטעט?

15. ווי זיינען פארנעשטעלט אין ליטע און ווייס־רוסלאנד די ליטווינער און די ווייס־רוסן: אין גאנצן קאנט און אין די שטעט?

16. מיט וואס דערקלערט זיך די שוואכקייט פון די ליטווינער און ווייס־רוסן?

17. אין וואס באשטייט די שוואכקייט פון די גרויס־רוסן און פון די פא־לאקן אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד?

18. וואסערע פאקטארן פארשטארקן די פאזיציעס פון דער אידישער מער־הייט אין די שטעט פון ליטע און ווייס־רוסלאנד?

19. אין וואסערע גובערניעס פון ליטע און ווייס־רוסלאנד האבן די אידן די גרעסטע מערהייט?

20. וואס פאר א פראצענט איינוואוינער האבן די פאלאקן אין די שטעט פון פוילן?

21. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אין די שטעט פון פוילן?

22. אין וויפיל גובערניעס פון פוילן האבן די אידן אין די שטעט: אן אב־סאלוטע מערהייט? א רעלאטיווע מערהייט?

23. אין וויפיל גובערניעס האבן די פאלאקן אין די שטעט פון פוילן: אן אבסאלוטע מערהייט? א רעלאַטיווע מערהייט?

24. וויפיל הויפט־נאציעס וואוינען אין די שטעט פון אוקראינע?

25. ווי טיילן זיך די הויפט־נאציעס אין די שטעט פון אוקראינע?

26. וואס פאר א פראצענט האבן גרויס־רוסן אין אוקראינע: אין גאנצן קאנט און אין די שטעט?

27. וואס פאר א פראצענט האבן פאלאקן אין אוקראינע: אין גאנצן קאנט און אין די שטעט?

28. וואס פאר א פראצענט האבן אידן אין אוקראינע: אין גאנצן קאנט און אין די שטעט?

29. אין וויפיל גובערניעס פון אוקראינע האבן אין די שטעט אן אבסאלוטע מערהייט: די אידן? די גרויס־רוסן? די אוקראינער?

30. אין וויפיל גובערניעס פון אוקראינע האבן אין די שטעט א רעלאטיווע מערהייט: די אידן? די גרויס־רוסן? די אוקראינער?

קאפיטל 6.

די קאנצענטראציע פון די אידן אין גרויסע קהלות.

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן דער איינטיילונג פון די רוסלענדישע אידן אין פארשיידענע נאציאנאלע קאנטן און אין פארשיידענע טיפן וואוינ־ערטער: שטעט, שטעטלאך און דערפער. איצט וועלן מיר זיך אפשטעלן אויף דער אידישער באפעלקערונג אין פארשיידענע טיפן שטעט און אויף דער קאנ־צענטראציע פון די אידן אין גרעסערע קהלות.

טאבעלע XXII

פון הונדערט אידן פון די 25 גובערניעס פון תחום האבן געלעבט

	אין שטעט ביז 10	טויזנט איינוואוינער	10,23
Orășele	" " פון 10 ביז 50	" "	17,64
	" " " 50 ביז 100	" "	7,84
Orașe mari	" " " מיט מער פון 100	" "	13,13
	סך־הכל אין שטעט		48,84

מיר זעהען, אז דער גרעסטער פראצענט אידן לעבן אין שטעט מיט א בא־פעלקערונג פון 10 ביז 50 טויזנט מענשן — אין קליינע שטעט. אין גאר גרויסע שטעט — מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער — וואוינט אויך בערך א גרויסער פראצענט אידן — 13,13. אין גאר קליינע שטעט — מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט נפשות — וואוינען מער פון 10 פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג און אין מיטעלע שטעט — פון 50 ביז 100 טויזנט איינוואוינער — סך הכל ביי אכט פראצענט פון אלע אידן. אין אל־געמיינעם קומט אויס, אז אין קליינע שטעט — ביז 50 טויזנט איינוואוינער — וואוינט א גרעסערער פראצענט אידן (27,87), ווי אין די גרויסע שטעט — מער פון 50 טויזנט איינוואוינער (20,97).

מיר האבן שוין פריהער אנגעוויזן, אז אין די גרויסע שטעט, הגם זיי ציהען צו גרויסע אידישע מאסן, מאכן די אידן אויס א קלענערן פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג, ווי אין די מיטעלע און קליינע. דאס דערקלערט זיך, ווי מיר האבן געזאגט העכער, מיט דעם, וואס אין די גרויסע שטעט, וואו ס'זיינען קאנצענטרירט די גרויסע פאבריקן און זאוואדן, זאמלען זיך אן גרויסע

מאסן פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די דאזיגע לאגע ווערט גוט אילוסט־רירט פון דער טאבעלע, וואס מיר ברייננען באלד.

טאבעלע XXIII.

דער פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין פארשידענע טיפן שטעט (1897).

אין שטעט ביז 10 טויזנט איינוואוינער	44,8
" " פון 10 ביז 50 " "	37,7
" " פון 50 ביז 100 " "	41,9
" " מיט מער פון 100 " "	31,8
אין אלע שטעט פון תחום	**36,9**

מיר זעהען, אז דעם גרעסטן פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן אידן אויס אין די קלענסטע שטעט, וואס האבן סך־הכל ביז 10 טויזנט איינוואוינער — 44,8 און אין די גרעסטע שטעט — מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער — מאכן די אידן אויס סך־הכל 31,8 פראצענט.

א סך אינטערעסאנטער איז די פראגע וועגן דער קאנצענטראציע פון אידן אין גרעסערע קהלות, ווייל, ווי מיר האבן שוין איינינע מאל אנגעוויזן, שפילט די נעדיכטקייט פון די אידישע מאסן אין די שטעט די הויפטראלע אינם שאפן א באדן פאר זעלבשטענדינן קולטורעלן לעבן. און אין דעם פרט האט דאס רוסלענדישע אידנטום דורכגעמאכט פארן לעצטן יארהונדערט א קאלאסאלן פראגרעס. צום אנהויב פון 19־טן יארהונדערט איז ניט געווען אין גאנץ רוסלאנד (מיט פוילן) קיין איין אידישע קהלה מיט 10 טויזנט אידישע נפשות. אין 1897־טן יאר זיינען שוין געווען קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות 43, און אידן זיינען געווען אין די דאזיגע 43 קהלות מער פון אנדערט־האלבן מיליאן, וואס ס'האט אויסגעמאכט כמעט א דריטל פון אלע אידן פון תחום. נאר נאכן 97־טן יאר האט זיך די קאנצענטראציע ווייטער פארגרעסערט און אין 1910־טן יאר זיינען שוין געווען קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות 68, און זיי האבן קאנצענטרירט אין זיך מער פון צוויי מיליאן אידן, וואס ס'האט אויסגעמאכט מער פון א דריטל פון אלע רוסלענדישע אידן.

דאס אליין איז שוין א פאקט פון גוואלדיג גרויסער וויכטינקייט — אין

68 פונקטן זיינען צונויפגעזאמלט מער פון א דריטל פון אלע רוסלענדישע אידן, און די מלחמה און די רעוואלוציע האבן אין דעם פרט נאך פארשטארקט דעם פראצעס און ביי איצטיגן מאמענט איז גאר קיין ספק נים, אז ביז א העלפט פון אלע רוסלענדישע אידן זיינען קאנצענטרירט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין יעדער פון זיי.

לאמיר זיך אביסל באריכות'ער אפשטעלן אויף דער דאזיגער פראגע — אויף דער קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין גרויסע קהלות און אויף דעם טעמפ פון דער דאזיגער קאנצענטראציע. נעמען מיר לכתחילה די 15 גובערניעס פון תחום אהן פוילן. טיילן מיר די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין דריי קאטעגאריעס:

1. מיט מער פון 50 טויזנט אידן;
2. פון 25 ביז 50 טויזנט אידן;
3. פון 10 ביז 25 טויזנט אידן.

טאבעלע XXIV

דער וואוקס פון די גרעסטע אידישע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט.

(מער פון 50 טויזנט אידן)

שטעט	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		מיטן פון 19־טן יארהונדערט		1897	1910
	צאל	יאר	צאל	יאר		
אדעס	246	1795	17 000	1855	138 915	*152 364)
ווילנע	**6 918)	1797	23 050	1847	63 996	72 323
יעקאטערינאסלאוו	320	1804	3 365	1857	40 009	69 012
בערדיטשעוו	1 951	1789	23 160	1847	41 617	***55 876)
ביאלאסטאק	761	1765	6 714	1847	41 905	52 123
קיעוו	207	1797	3 013	1863	31 801	50 792
סך־הכל	**10 403**		**76 302**		**358 243**	**452 490**
קישינעוו			10 509	1847	50 237	*60 000)
סך־הכל			**86 811**		**408 480**	**512 490**

*) 1904 יאר   **) בערך   ***) 1914 יאר

טאבעלע XXIV ווייזט אונז די צאל קהלות מיט מער פון 50 טויזנט אידן און אויך ווי אזוי די דאזיגע קהלות זיינען אויסגעוואקסן. מיר זעהען, אז אין די 15 גובערניעס פון תחום (ליטע און ווייס־רוסלאנד, אוקראינע און בע־סאראביע) זיינען געווען נאר גרויסע אידישע קהלות — מיט מער פון 50 טויזנט אידישע נפשות — זיבן, און אין זיי זיינען געווען קאנצענטרירט אין 1910־טן יאר — 512 490 אידן. אזוי ווי אין די 15 גובערניעס איז געווען אין 1910־טן יאר בערך פון 3 700 000 ביז 3 800 000 אידן, קומט אויס, אז אין די 7 גרעסטע אידישע קהלות איז געווען קאנצענטרירט פון 12 ביז 14 פראצענט פון אלע אידן פון די דאזיגע גובערניעס. גיבן מיר צו צו די דאזיגע 7 קהלות ווארשע און לאדז און מיר וועלן באקומען, אז אין 9 קהלות האבן געוואוינט אין 1910־טן יאר קרוב צו א מיליאן אידן, ד. ה. א זעקסטל פון אלע רוסלענדישע אידן (מיט פוילן).

אינטערעסאנט איז אבער באזונדערס די טאבעלע XXIV מיט דעם, וואס זי ווייזט אונז דעם טעמפ פון דער קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין 19־טן יאר־הונדערט. וועגן זעקס קהלות (אהן קישינעוו) האבן מיר דאטן וועגן פיר פעריאדן:

1. וועגן אנהויב פון 19־טן יארהונדערט,
2. וועגן מיטן פון 19־טן יארהונדערט,
3. וועגן סוף פון 19־טן יארהונדערט,
4. וועגן אנהויב פון 20־טן יארהונדערט.

וואס זשע זעהען מיר? אין די זעקס קהלות, אין וועלכע ס'האבן געלעבט אין 1910־טן יאר 452 490 אידן, האבן צוריק מיט הונדערט יאר געלעבט סך־הכל 10403 — 43 מאל וויי־ניגער.

נעמען מיר אן די דאטע פון סוף פון 18־טן יארהונדערט פאר הונדערט, באקומען מיר אזא בילד פון דער אנטוויקלונג פון די זעקס קהלות (אדעס ווילנע, יעקאטערינאסלאוו, בערדיטשעוו, ביאליסטאק און קיעוו):

1. סוף פון 18־טן יארהונדערט	100
2. מיטן פון 19־טן יארהונדערט	733
3. 1897־טן יאר	3444
4. 1910־טן יאר	4350

פאר די ערשטע פופציג יאר האט זיך די באפעלקערונג פון די זעקס גרעסטע אידישע קהלות פארגרעסערט זיבן מאל; פאר הונדערט יאר האט זי זיך פאר־גרעסערט מער פון 34 מאל און פאר הונדערט מיט צען יאר מער פון 43 מאל.

באזונדערס אינטענסיוו האט זיך אנטוויקלט די אידישע באפעלקערונג אין אדעס, יעקאטערינאסלאוו און קיעוו. אין אדעס איז געווען ין 1795־טן יאר סך־הכל 246 אידן, און זיי האבן אויסגעמאכט דעמאלט ביז 10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, אין 1904־טן יאר האט אדעסער קהלה שוין פאר־מאגט מער פון 152 טויזנט אידישע נפשות — די פארגרעסערונג איז געווען 620 מאל; די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט פאר דערזעלבער צייט נאר 200 מאל. די אידישע באפעלקערונג איז געוואקסן אין אדעס דריי מאל אינטענסיווער, ווי די אלגעמיינע באפעלקערונג. אין 1917־טן איז שוין געווען אין אדעס 185 טויזנט אידן.

אינטענסיוו איז אויך געווען דער וואוקס פון יעקאטערינאסלאווער אידישער קהלה — פון 320 נפשות אין 1804־טן יאר ביז 69 012 אין 1910־טן און ביז 76 430 אין 1917־טן. די אידישע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט אין משך פון הונדערט יאר 215 מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט נאר 42—40 מאל. די אידישע באפעלקערונג האט זיך פאר־גרעסערט פינף מאל אינטענסיווער פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. און כמעט דאס זעלבע חורט זיך איבער אין קיעוו — פון 207 אידן אין 1797־טן ביז 50 792 אין 1910־טן — א פארגרעסערונג פון 245 מאל. ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג איז געווען די פארגרעסערונג ניט מער פון 25 מאל. די אידישע קהלה אין קיעוו איז געוואקסן צען מאל אינטענסיווער, ווי די גאנצע באפעל־קערונג פון דער שטאט. אין 1917־טן יאר איז שוין אין קיעוו געווען מער פון 87 טויזנט אידן און אין 1919־טן מער פון 114 טויזנט אידן — פאר די לעצטע צען יאר האט זיך די קיעווער אידישע קהלה מער ווי פארדאפלט.

די אלע דריי קהלות, וועגן וועלכע מיר האבן נאר וואס גערעדט, זיינען יונגע קהלות, וואס זיינען ערשט אין 19־טן יארהונדערט אדער אין סוף פון 18־טן יארהונדערט געבוירן געווארן. א סך שוואכער איז געווען דער וואוקס פון די אלטע אידישע קהלות. די ווילנער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט אין משך פון 19־טן יארהונדערט סך־הכל צען מאל; די בערדיטשעווער — 28 מאל; די ביאליסטאקער — 68 מאל.

מיר גייען איבער צו דער צווייטער קאטעגאריע — צו די שטעט מיט אידישע נפשות פון 25 ביז 50 טויזנט. סאבעלע XXV גיט אונז א רשימה פון 14 אזעלכע שטעט אין די 15 גובערניעס פון תחום. אין 13 שטעט פון זיי זיינען געווען אידן:

1. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט 30 652
2. אין מיטן „ „ „ 89 049
3. אין 1897־טן יאר 359 017
4. אין 1910־טן יאר 428 530

טאבעלע XXV

דער וואוקס פון די מיטעלע אידישע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט (פון 25 ביז 50 טויזנט אידן).

שטעם	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		מיטן פון 19־טן יארהונדערט		1897	1910
	צאל	יאר	צאל	יאר		
מינסק	2 716	1802	12 976	1847	47 562	45 103
וויטעבסק	3 389	1812	9 417	1847	34 420	43 616
זשיטאמיר	1 261	1791	9 489	1847	30 748	38 427
קאוונע	(*1 508	1797	2 013	1847	25 448	37 105
בריסק דליטא	3 175	1766	8 136	1847	30 608	36 524
קרעמענטשוג	454	1801	3 745	1847	29 869	32 674
דווינסק	749	1805	2 918	1847	32 400	31 210
יעליסאוועטגראד	574	1803	8 073	1861	23 969	29 000
אומאן	1 895	1801	4 333	1747	17 945	28 267
פינסק	1 600	1801	5 050	1847	21 065	28 063
מאהילעוו גוב.	(*3 675	1801	7 897	1847	21 539	27 474
גראדנע	8 422	1816	10 300	1859	22 684	25 191 (**
באברויסק	1 234	1805	4 702	1847	20 760	25 876
סך הכל	**30 652**		**89 049**		**359 017**	**428 530**
האמעל			9 730	1864	20 385	47 505
סך הכל			**98 779**		**379 402**	**476 035**

די פארגרעסערונג איז געווען:

1. פאר פופציג יאר 3 מאל;

*) מיטן אויעזד

**) 1896 יאר

2. פאר הונדערט יאר 12 מאל;
3. פאר 110 יאר 14.

אין דער טאבעלע XXV זעהען מיר אויך, אז די יונגע דרום־קהלות וואקסן א סך שנעלער און אינטענסיווער, ווי די אלטע ליטווישע קהלות. מינסקער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט פאר דער גאנצער צייט סך־הכל 16 מאל; גראדנער נאר דריי מאל; וויטעבסקער — 12 מאל און יעליסאוועטגראדער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט 50 מאל; קרעמענטשוגער — 72 מאל.

אין דער טאבעלע XXV זיינען צונויפגענומען כמעט אלע גרעסטע אידישע קהלות פון אנהויב פון 19־טן יארהונדערט, חוץ ווילנער און בערדיטשעווער, וועלכע זיינען אריין אין דער טאבעלע XXIV. און קוקן מיר דורך ביידע נאר וואס דערמאנטע טאבעלעס זעהען מיר, אז צווישן אלע אלטע אידישע קהלות זיינען געווען צוריק מיט הונדערט יאר זעהר ווייניג קהלות מיט מער פון פינף טויזנט אידישע נפשות. דורכשניטליך האבן פארמאגט די גרעסטע אידישע קהלות פון 19־טן יארהונדערט צו דריי טויזנט נפשות. נעמען מיר די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט, וועלן מיר באקומען דורכשניטליך צו 30 טויזנט אידישע נפשות — צען מאל מער.

נייען מיר איבער צו דער דריטער קאטעגאריע — צו די קהלות מיט אידישע נפשות פון 10 ביז 25 טויזנט (טאבעלע XXVI). אזעלכע קהלות זיינען געווען אין 1910־טן יאר — 35. ווענן 23 פון זיי האבן מיר ידיעות פאר העכער הונדערט יאר. אין די דאזיגע 23 קהלות זיינען געווען אידן:

1. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		34 000
2. „ מיטן „ „ „		97 982
3. „ 1897־טן יאר		250 438
4. „ 1910־טן „		357 387

די פארגרעסערונג איז געווען אויף אזא אופן פאר די ערשטע פופציג יאר דריי מאל און פאר דער גאנצער צייט צען מאל. אויך דא זעהען מיר, אז די יונגע דרום־קהלות וואקסן א סך אינטענסיווער, ווי די אלטע ליטווישע, רייסינער אדער וואלינער קהלות.

ראמני	האט זיך פארגרעסערט	105 מאל
פאוולאגראד	„ „ „	79 „
כערסאן	„ „ „	38 „
לוצק	„ „ „	12 „

דער וואוקס פון די קלענערע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט (פון 10 ביז 25 טויזנט אידן).

שטעט	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		מיטן פון 19־טן יארהונדערט		1897	1910
	צאל	יאר	צאל	יאר		
לוצק	2 003	1802	5 010	1847	9 468	24 880
קאמיענעץ פאדאלסק	2 646	1799	4 629	1847	16 211	22 779
וויניצע	691	1787	3 882	1847	11 689	20 257
בעלאיא צערקאוו	3 961	1797	6 665	1847	18 720	20 000(*)
כערסאן	524	1803	3 832	1847	17 755	20 000(*)
ראוונע	2 147	1801	3 788	1847	13 780	19 791
ניקאלאַיעוו	811	1830	8 325	1880	20 109	19 657
פראסקוראוו	1 582	1797	3 107	1847	11 411	16 971
טולטשין	968	1790	7 671	1847	10 055	16 476
באלטע	1 347	1799	5 162	1847	13 235	14 924
מאהילעוו פאדאלסק	2 412	1802	5 411	1847	12 344	14 652
טשערניגאוו	1 389	1801	2 783	1847	8 805	13 954
ראמני	127	1803	759	1847	6 378	13 401
ראגאטשאוו	888	1797	1 305	1847	5 047	13 098
טשערקאסי	1 773	1802	1 568	1847	10 950	12 979
סטאראקאנסטאנטינאוו	2 053	1802	6 661	1847	9 212	12 694
קאוועל	822	1799	2 647	1847	8 521	12 663
סלאָנים	1 360	1797	5 700	1847	11 515	12 100
סלוצק	1 584	1800	5 897	1847	10 264	11 887
פאוולאגראד	147	1803	979	1847	4 382	11 647
כמעלניק	485	1787	3 137	1847	5 977	10 897
דובנע	2 800	1797	6 330	1847	7 108	10 853
ראדאמיסל	1 480	1801	2 734	1847	7 502	10 827
סך־הכל	**34 000**		**97 982**		**250 438**	**357 387**
בענדער			4 612	1861	10 654	19 937
בעלצי			3 920	1861	10 348	19 635
פאלאצק			7 225	1847	12 481	19 252
פאלאננאיע			2 647	1847	7 910	15 257
סקווירע			2 184	1847	8 910	12 700
ניעזשעל			3 201	1847	5 836	12 333
אליעקסאנדראווסק			2 849	1857	5 290	11 976
אסטראג			7 300	1847	9 208	11 838
נאוואגראד־וואלינסק			3 139	1847	9 378	11 119
באריסאוו			2 581	1861	7 722	10 617
באר			4 442	1847	5 773	10 450
סאראקי			1 715	1847	8 783	10 281
סך־הכל			**143 797**		**352 731**	**522 782**

*) בערך

קאמענעץ־פאדאלסק האט זיך פארגרעסערט 8 מאל
סלאנים " " " 8 "
דובנע " " " 4 "

נעמען מיר אלע 35 קהלות פון דער דאווינער קאמענאריע, זעהען מיר אז זיי האבן געהאט אלע אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט — 143 797 אידן און אין 1910־טן יאר — 522 782, ד. ה. כמעט פיר מאל מער.

טאבעלע XXVII

דער וואוקס פון די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן אין פוילן.

שטעט	יאר 1856	1897	1908
ווארשע	41 062	219 149	277 787
לאדז	2 775	98 677	88 201
לובלין	8 588	24 280	31 721
טשענסטאכאוו	2 976	11 980	21 324
בענדין	2 440	10 839	19 540
ראדאם	1 495	11 277	16 737
סיעדליעץ	4 804	11 440	13 944
פיעטערקאוו	4 151	9 543	13 705
מאטאשאוו	1 863	9 386	12 985
סוואלקי	6 407	7 458	13 002
קאליש	4 535	7 597	11 318
פלאצק	5 251	7 721	11 906
קיעלץ	101	6 399	11 151
לאמזשע	2 574	9 244	10 853
סך־הכל	**89 022**	**444 990**	**554 174**
סאסנאוויצע		2 921	11 155
ראדאנאשטש			14 041
משיסטע			13 380
סך־הכל	**89 022**	**447 911**	**592 750**

די טאבעלע XXVII ווייזט אונז דעם וואוקס פון די אידישע קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין די צען גובערניעס פון פוילן פאר העכער פופציג יאר. פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז אזעלכע קהלות זיינען געווען אין 1908־טן יאר 17 מיט א אידישער באפעלקערונג פון 592 750 נפשות. אין 14 פון זיי, וואס זיינען אויך צוריק מיט פופציג יאר געווען די גרעסטע אין פוילן, האבן געלעבט:

1. אין 1856־טן	89 022
2. „ 1897 „	444 990
3. „ 1908 „	554 174

פאר פופציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע גרויסע קהלות פארגרעסערט זעקס מאל, ווען בכלל האט זי זיך פארגרעסערט פאר דער צייט נאר דריי מאל. אין די 14 דערמאנטע קהלות האט געלעבט אין 1908־טן יאר א דריטל פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון פוילן און אין 1856־טן יאר האט געלעבט אין די זעלבע קהלות נאר פון א זעקסטל ביז א זיבטל פון אלע פוילישע אידן.

באזונדערס שטארק זיינען אויסגעוואקסן די אידישע קהלות אין ווארשע און אין לאדז. אין ווארשע זיינען געווען אידן:

אין	1813	8 000	12 %
„	1856	41 062	26 %
„	1871	89 318	32,6 %
„	1882	127 917	33,40 %
„	1892	163 232	33,28 %
„	1901	254 712	36,0 %
„	1908	277 787	36,90 %
„	1913	317 828	37,60 %

פאר הונדערט יאר האט זיך די אידישע קהלה אין ווארשע פארגרעסערט פערציג מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פאר דעם זעלבן יאר־הונדערט פארגרעסערט נאר ביז 12 מאל — פון 68 000 אין 1808־טן יאר אויף 845 130 אין 1913־טן יאר. אין ווירקליך, דער פראצענט אידן אין ווארשע לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האט זיך פאר דער צייט פארגרעסערט מער פון דריימאל — פון 12 פראצענט אויף 37,6. די פארגרעסערונג פון דער ווארשעווער אידישער קהלה איז אבסאלוט ניט איבערגעריסן געווארן און האט

אין משך פון גאנצן יארהונדערט פראגרעסירט. אינם רעלאטיוון וואוקס פון דער דאזיגער קהלה איז געווען א קליינינשקע ניט באדייטנדיגע הפסקה — פון 1882־טן ביז 1892־טן יאר, — ווען דער פראצענט פון דער אידישער באפעל־קערונג איז געפאלן פון 33,40 פראצענט ביז 33,28.

די אידישע קהלה אין לאדז איז אויסגעוואקסן פון 1856־טן ביז 1908־טן יאר מער פון דרייסיג מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג איז פאר דער זעלבער צייט אויסגעוואקסן ווייניגער פון 20 מאל. אין 1856־טן יאר האבן די אידן אויסגעמאכט אין לאדז קרוב צו 12 פראצענט און אין 1908־טן יאר אריבער 20 פראצענט.

פון די קלענערע שטעט צייכנט זיך אויס מיט איר גרויסן וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג די שטאט קעלץ, וואו פון 101 איר אין 1856־טן איז געווארן 11151 אין 1908 — א פארגרעסערונג פון 111 מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער זעלבער צייט פארגרעסערט פון 3639 אויף 31316, ד. ה. נאר פון אכט ביז ניין מאל.

טאבעלע XXVIII

דער וואוקס פון פארשיידענע טיפן אידישע קהלות אין פוילן פון 1897 ביז 1908־טן יאר.

קהלות	אבסאלוטע צאל אידן		פראצענט פון אלע אידן אין פוילן	
	1897	1908	1897	1908
ביז 1000 אידן	270 814	329 524	20,5	18,8
פון 1000 ביז 5000 אידן	495 814	520 166	37,5	30,3
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	167 297	282 040	12,7	16,9
מיט מער פון 10 טויזנט אידן	387 645	584 334	29,3	34,0
סך־הכל	**1 321 570**	**1 716 064**	**100,0**	**100,0**

מיר האבן ביי דער באהאנדלונג פון דעם וואוקס פון די גרעסערע אידישע קהלות אין די 15 גובערניעס פון תחום געזעהן, אז אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט האט זיך דער דאזיגער פראצעס שטארק פארגרעסערט. דאס זעלבע זעהען מיר אין די צען גובערניעס פון פוילן. טיילן מיר אלע אידישע קהלות פון פוילן אין 4 קאטעגאריעס:

1. ביז 1000 אידישע נפשות,
2. פון 1000 ביז 5 טויזנט אידישע נפשות,
3. פון 5000 ביז 10 טויזנט אידישע נפשות,
4. און מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות,

וועלן מיר באקומען א קלאר בילד, אויף וויפיל גיכער ס'וואקסן די גרויסע קהלות פון די קליינע.

דער פראצענט אידן, וואס האט געוואוינט אין די קליינע קהלות — ביז 1000 אידן און פון 1000 ביז 5 טויזנט אידן — האט זיך פארקלענערט פון 58 אויף 49,1; דער פראצענט אידן, וואס האט געוואוינט אין די גרעסערע קהלות — מיט מער פון 5 טויזנט אידן — איז אויסגעוואקסן פון 42 אויף 50,9. דער צוואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג ביי פארשיידענע טיפן קהלות פאר די 11 יאר — פון 1897־טן ביז 1908־טן יאר — איז געווען פאלגנדיגער:

1. ביי קהלות ביז 1000 אידן	22 %
2. " " פון 1000 ביז 5 טויזנט אידן	" 5
3. " " " 5000 ביז 10 "	" 70
4. " " מיט מער פון 10 "	" 50

דער קלענסטער צוואוקס איז געווען ביי די קהלות מיט אידן פון 1000 ביז 5 טויזנט — 10 מאל ווייניגער, ווי ביי די גאר גרויסע קהלות, און 14 מאל ווייניגער ווי ביי די מיטעלע קהלות — מיט אידישע נפשות פון 5 ביז 10 טויזנט. דער צוואוקס אין די גאר קליינע קהלות — מיט ווייניגער פון 1000 אידן — איז געווען גרעסער, ווי ביי די קהלות מיט א צאל אידן פון 1000 ביז 5 טויזנט, נאר דאך א סך קלענער, ווי ביי די מיטעלע און ביי די גאר גרויסע קהלות.

מיר זעהען, אז אין אלע קאנטן פון רוסלאנד, וואו גיכער און וואו לאנג־זאמער, נאר אומעטום, אהן אויסנאם, גייט דער פראצעס פון קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין גרעסערע קהלות. און דאס דאזיגע צונויפזאמלען זיך אין גרויסע געדיכטע מאסן אין די גרויסע שטעט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די אידן פון אלע לענדער און מלוכות און וואס האט געפינען זיין ברייטסטן אויסדרוק אין די אימיגראציע־לענדער — אט דאס דאזיגע צונויפנעמען זיך קאמפאקטע מאסן איז געווארן איינער פון די גרעסטע און טיפסטע פאקטארן פאר דער אנטוויקלונג פונם מאדערנעם אידישן לעבן.

פראגעס.

1. וואס פאר א פראצענט אידן האבן געוואוינט אין די שטעט מיט איינ־וואוינער: ביז 10 טויזנט? פון 10 ביז 50 טויזנט? פון 50 ביז 100 טויזנט? מיט מער פון 100 טויזנט?

2. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אוים לגבי דער גאנצער באפעלקע־רונג: אין די שטעט מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט? פון 10 ביז 50 טויזנט? פון 50 ביז 100 טויזנט? מיט מער פון 100 טויזנט?

3. וויפיל קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן זיינען געווען: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין 1897־טן? אין 1908־טן?

4. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון תחום האבן געוואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן: אין 1897־טן? אין 1910־טן?

5. וויפיל קהלות זיינען געווען אין 1910־טן יאר מיט מער פון 50 טויזנט אידן: אין גאנצן תחום? נאר אין ליטע, וויים־רוסלאנד, אוקראינע און בעסאראביע?

6. וויפיל אידן און וואסער א פראצענט אידן האבן געלעבט אין קהלות מיט מער פון 50 טויזנט אידן?

7. וויפיל אידן האבן געלעבט אין זעקס פון די גרעסטע אידישע קהלות: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט?

8. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די זעקס קהלות אין משך פון הונדערט יאר?

9. וויפיל זיינען געווען אידן אין אדעס: אין 1795־טן יאר? אין 1904־טן? אין 1917־טן?

10. וויפיל אידן זיינען געווען אין יעקאטערינאסלאוו: אין 1804־טן יאר? אין 1910־טן? אין 1917־טן?

11. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג אין 19־טן יארהונדערט: אין אדעס? אין יעקאטערינאסלאוו? אין קיעוו?

12. וועלכע אידישע קהלות זיינען אינטענסיווער געוואקסן אין 19־טן יאר־הונדערט: די אלטע צי די יונגע?

13. וויפיל זיינען געווען אין די 15 גובערניעס פון תחום קהלות מיט אידן פון 25 ביז 50 טויזנט?

14. וויפיל האבן געוואוינט אידן אין די דאזיגע קהלות: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט? אין 1910־טן יאר?

15. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע קהלות: פאר פופציג יאר? פאר הונדערט יאר?

16. ווי גרויס איז געווען א דורכשניטליכע גרויסע אידישע קהלה: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט?

17. וויפיל זיינען געווען קהלות מיט אידן פון 10 ביז 25 טויזנט אין 1910־טן יאר?

18. וויפיל אידן זיינען געווען אין די דאזיגע קהלות?

19. ווי שטארק האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע קהלות?

20. וואסערע אידישע קהלות זיינען געוואקסן אינטענסיווער אין 19־טן יאר־הונדערט: נאר די גרויסע? די מיטעלע? די קלענערע?

21. וויפיל אידישע קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן זיינען געווען אין פוילן אין 1908־טן יאר?

22. וויפיל אידן זיינען געווען אין די דאזיגע קהלות אין 1908? אין 1856־טן יאר?

23. וויפיל זיינען געווען אידן אין ווארשע צוריק מיט הונדערט יאר? אין 1856? אין 1892־טן?

24. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון ווארשע?

25. וויפיל אידן זיינען געווען אין לאדז: אין 1856־טן? אין 1908־טן?

26. וואס פאר א פראצענט אידן וואוינט אין פוילן: אין קהלות מיט ווייניגער פון 1000 אידן? מיט אידן פון 1000 ביז 5000? פון 5 ביז 10 טויזנט? מיט מער פון 10 טויזנט אידן?

27. אין וועלכע פון די אויסגערעכנטע קהלות איז געווען: דער גרעסטער צוּוואקס? דער קלענסטער צוּוואקס?

קאפיטל 7.

די אידן אין באלטישן קאנט, צענטראל־רוסלאנד, קאווקאז און סיביר.

מיר האבן אין די פריהערדיגע קאפיטלאך גערעדט וועגן דעם טייל פון רוס־לענדישן אידנטום, וואס איז קאנצענטרירט אין די 25 גובערניעס פון תחום. אונז איז געבליבן זיך נאך אפשטעלן אין קורצן אויף דער קליינער צאל אידן, וואס געפינט זיך אין די איבעריגע טיילן פון רוסלאנד.

סך־הכל זיינען געווען אין 1897־טן יאר אויסער די 25 גובערניעס פון תחום — 316 478 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 6,1 פראצענט פון אלע אידן פון רוסלאנד. לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אין אלע קאנטן פון אויסערן תחום, חוץ קורלאנד און ליפלאנד, אויסגעמאכט נאר א נישטיגן פראצענט — אומעטום ווייניגער פון איין פראצענט.

די 316 478 אידן האבן געלעבט אין פאלגנדיגע טיילן פון רוסלאנד:

1. קורלאנד און ליפלאנד	80 753
2. פעטערבורגער גובערניע	21 122
3. כארקאווער און סמאלענסקער גובערניעס	24 808
4. דאנער געגנט	15 978
5. אין אלע איבעריגע גובערניעס פון אייראפּייאישן רוסלאנד	68 500
סך־הכל אין באלטישן קאנט און אין צענטראל־רוסלאנד	211 221
6. אין קאווקאז	56 783
7. סיביר און מיטל־אזיע	48 474
סך־הכל אויסערן תחום	316 478

פון דער דאזיגער רשימה זעהען מיר, אז א גרויסער חלק פון די אידן, וואס האבן געלעבט אין 1897־טן יאר אויסער די קאנטן, וואו ס'זיינען קאנצענטרירט די קאמפּאקטע אידישע מאסן, געפינט זיך אין אזעלכע גובערניעס, וואס ליגן נאר נאהענט צו די אידישע צענטרן. קורלאנד און ליפלאנד, פעטערבורגער, כארקאווער און סמאלענסקער גובערניעס — דאס זיינען אלץ ערטער, וואס ליגן אין שכנות צום געווענעם תחום און וואס זייערע אידישע קהלות האבן זיך תמיד געפינען אונטערן שטארקן איינפלוס פון די תחום־קהלות. צעזייט און צע־שפרייט איבער די ווייטע גובערניעס פון צענטראל־רוסלאנד און איבער די נאר

ווייטע קאנטן פון דער רוסישער מלוכה, ווי קאווקאז און סיביר, איז גאר א קליינע צאל אידן, אי אבסאלוט אי רעלאטיוו.

מער פון 80 פראצענט פון אלע אידן פון אויסערן תחום וואוינען אין שטעט, אי דאס ניט צעווארפן אין א סך שטעט, נאר, פארקערט, צונויפגעזאמלט אין ניט קיין באדייטנדינער צאל גרויסע שטעט. אזוי, למשל, פון 15978 אידן, וואס האבן געלעבט אין דאנער געגנט, זיינען געווען אין איין שטאט ראסטאוו 11838, ד. ה. כמעט 75 פראצענט. פון 8704 אידן, וואס זיינען געווען אין מאסקווער גובערניע, זיינען געווען אין דער שטאט מאסקווע אליין — 8473, ד. ה. 97 פראצענט. פון 21122 אידן אין פעטראגראדער גובערניע זיינען געווען אין איין פעטראגראד — 17251, ד. ה. 82 פראצענט. פון 13664 אידן פון כארקאווער גובערניע זיינען געווען אין דער שטאט כארקאוו — 11013, ד. ה. מער פון 80 פראצענט. אלזא אויך אויסערן תחום בילדן זיך פון די אנגעפארענע אידן גרעסערע אידישע קהלות. ביי איצטיגן מאמענט זיינען שוין אין א סך גרויסע שטעט פאראן גאנץ באדייטנדיגע אידישע קהלות. די קהלות פון פעטראגראד, מאסקווע און כארקאוו ציילן יעדע פון זיי ניט ווייניגער פון 50 טויזנט אידישע איינוואוינער. אין רינע איז אין 1913־טן יאר געווען — 33621 אידן.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין 1897־יאר אויסער די 25 גובערניעס פון תחום?

2. וויפיל פון זיי — אין באלטישן קאנט? אין פעטערבורגער גובערניע? אין דאנער געגנט? אין קאווקאז? אין סיביר?

3. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון אויסערן תחום וואוינען אין די שטעט?

4. וואס פאר א פראצענט אידן וואוינט אין דער גובערניע־שטאט: אין מאסקווער גובערניע? אין פעטערבורגער גובערניע? אין כארקאווער גובערניע?

5. ווי גרויס זיינען איצט די אידישע קהלות: אין מאסקווע? אין כארקאוו? אין פעטערבורג?

קאפיטל 8.

דער וואוקס פון די אידן אין עסטרייך און אין פארשיידענע קאנטן אירע.

עסטרייך איז נאך רוסלאנד דער צווייטער אידישער צענטר אין אייראפע — דאס מוז מען פארשטיין ניט נאר אין דעם זינען, וואס אין עסטרייך איז די גרעסטע צאל אידן אין אייראפע נאך רוסלאנד, נאר אויך בנוגע צו א סך אנדערע ערשיינונגען. ווארום ביי די עסטרייכישע אידן זעהען מיר כמעט די א'ינענע אלע ערשיינונגען, וואס ביי די רוסישע אידן. אמת, ס'זיינען פאראן חלוקים אינם טעמפ פון דעם אדער יענעם פראצעס; ס'זיינען אויך פאראן אייניגע מאמענטן, וואס מיר באגעגענען אין איין לאנד און געפ'נען זיי ניט אין צווייטן לאנד — אין גאנצן און אין אלגעמיינעם אבער איז די לאגע אין די צוויי לענדער זעהר ענליך.

אין עסטרייך בילדן די אידן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג כמעט דעם זעלבן פראצענט, וואס אין רוסלאנד. און אויך אין עסטרייך, הגם דארטן האט מען שוין לאנג פארגעסן אין א תחום, איז פאראן איין קאנט, וואו די מערהייט פון די עסטרייכישע אידן איז קאנצענטרירט, און אין דעם דאזינן קאנט מאכן די אידן אויס לגבי דער אלגעמינער באפעלקערונג כמעט דעם אייגענעם פ'־אצענט, וואס די אידן אין תחום פון רוסלאנד. ווי אין רוסלאנד, אזוי אויך אין עסטרייך בלייבט דער צענטר פון די אידישע מאסן דער אלטער אידישער ישוב — גאליציע. און ווי פון תחום, אזוי אויך פון גאליציע גייט א גרויסע עמיגראציע הן אין אנדערע קאנטן פון עסטרייך, אזוי אויך אין פ־עמדע לענדער. די דאזיגע אינעווייניגסטע און דרויסנדיגע אויסוואנדערונג פונם צענטר פון עסטרייכישן אידנטום האט דאך ניט נעווירקט כמעט ניט אוף דער אבסאלוטער און ניט אפילו אויף דער רעלאטיווער צאל פון די אידן אינם דאזינן קאנט. פארקערט, די צאל אידן איז אין דעם דאזינן צענטר פון די עסטרייכישע אידן — אין גאליציע — שטארק אויסגעוואקסן, ווען מיר וועלן נעמען א גרעסערן פעריאד צייט און ניט נאר די לעצטע פאר צענדלינג יאר. די אינעווייניגסטע איבערוואנדערונג האט אויך אין עסטרייך, ווי אין רוסלאנד, געבראכט צום אויס־בילדן פון גרעסערע קהלות, הגם די עמיגראציע פון דארף און פון שטעטל אין שטאט אריין איז דארטן א סך שוואכער, ווי אין רוסלאנד. דער טעמפ פון דער קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין גרויסע קהלות גייט אין עסטרייך לאנגזאמער, פאמעליכער. אין עסטרייך באגעגענען מיר אויך אין ערשיינונג,

װעלכע מיר האבן אין רוסלאנד לחלוטין ניט געזעהן — אין עסטרייך זײנען פאראן פראװינצן מיט אן אלטן היסטארישן אידישן ישוב, װאו די אידישע באַפעלקערונג האט זיך פאר די לעצטע יארן אבסאלוט אפילו אויך פארקלענערט. בכלל אבער, האט זיך די צאל פון די עסטרײכישע אידן אויך פארגרעסערט פארן נײנצענטן יארהונדערט אומגעפער אויף אזוי פיל מאל, װי די רוסישע אידן, לאמיר איבערגײן צום מאטעריאל.

טאבעלע XXIX

אידן אין עסטרײך אמאל און איצט

יאר	אבסאלוטע צאל אידן	% פון דער גאנצער באפעלקערונג
1785	281 873	2,62
1830	355 695	3,20
1869	822 220	4,03
1880	1 005 394	4,54
1890	1 143 305	4,78
1900	1 224 899	4,68
1910	1 313 698	4,59

מיר זעהען, אז פאר 125 יאר האט זיך די צאל פון די עסטרײכישע אידן פארגרעסערט מער פון פיר מאל. רעכנט מען צו די אידן, װאס האבן עמיגרירט פון עסטרײך, װעט נעװיס אויסקומען, אז די צאל פון די עסטרײכישע אידן האט זיך פארגרעסערט פאר דער אנגעװיזענער צײט מער פון פינף מאל. דער פראצענט פון די אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג פון עסטרײך איז אויך אויסגעװאקסן — פון 2,62 פראצענט אין 1785־טן יאר ביז 4,59 אין 1910־טן יאר, כמעט צװײ מאל מער. דערפון איז נעדרונגען, אז די אלגעמײנע באפעלקערונג אין עסטרײך איז ניט געװאקסן אזוי שטארק, װי די אידישע, װארום װאס איז שייך צו עמיגראציע, נעמט די אידישע באפעלקערונג אין איר א גרעסערן אנטײל, װי די ניט־אידישע.

אבסאלוט האט די צאל פון די עסטרײכישע אידן זיך תמיד פארגרעסערט; בנוגע צו דער רעלאטיװער זײט קאן מען דאס ניט זאגן. נאר ביזן 1890־טן יאר װאקסט תמיד די רעלאטיװע צאל אידן; פון דעמאלט אן פאלט דער פראצענט אידן לגבי דער

אלגעמיינער באפעלקערונג — פון 4,78 אין 1890־טן יאר ביז 4,59 אין 1910־טן.

נייען מיר איבער פון גאנץ עסטרייך צו אירע באזונדערע פראווינצן, באַקומען מיר זעהר א אינטערעסאנט בילד פון דער אנטוויקלונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין פארשיידענע טיילן פון עסטרייך פארן 19־טן יארהונדערט.

שטעלן מיר זיך, ראשית, אפ אויף גאליציע, וואו אין 1785־טן יאר האבן געלעבט מער פון 75 פראצענט פון אלע עסטרייכישע אידן און אין 1910־טן יאר מער פון 66 פראצענט.

טאבעלע XXX

דער וואוקס פון די גאליצישע אידן אין 19־טן יארהונדערט.

יאר	אבסאלוטע צאל אידן	% צו דער גאנצער באפעלקערונג
1817	200 277	5,60
1857	448 973	9,60
1869	575 918	10,60
1880	686 596	11,50
1890	772 213	11,60
1900	811 371	11,10
1910	872 972	10,90

פאר א פעריאד פון כמעט הונדערט יאר — פון 1817 ביז 1910 — איז דאס גאליצישע אידנטום אויסגעוואקסן מער פון פיר מאל. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט האבן אידן אויסגעמאכט נאר 5,6 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג; אין אנהויב אבער פון 20־טן יארהונדערט האבן זיי שוין אויסגעמאכט כמעט צוויי מאל אזוי פיל — 10,90 פראצענט. דער שנעלער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג האט אבער געדויערט נאר ביזן 1880־טן יאר, ווען דער פראצענט פון די גאליצישע אידן האט דערגרייכט 11,50 פון דער גאנצער באפעלקערונג; פאר די לעצטע דרייסיג יאר איז דער פראצענט פון די אידן א ביסל געפאלן; דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס די אידן עמיגרירן פון גאליציע אין א גרעסערער מאס, ווי די ארומיגע באפעלקערונג.

טאבעלע XXXI

דער וואוקס פון די אידן אין בוקאווינע.

יאר	אבסאלוטע צאל אידן	% צו דער גאנצער באפעלקערונג
1780	2 383	—
1827	7 828	—
1850	14 581	3,82
1869	47 574	9,32
1880	67 418	11,79
1900	96 150	13,17
1910	102 919	12,86

דער אינטענסיווסטער וואוקס, ווי מען זעהט פון דער נאר וואס געבראכטער טאבעלע, איז געווען ביי די בוקאווינער אידן — פאר 130 יאר האט זיך די צאל פון די בוקאווינער אידן פארגרעסערט 43 מאל. די רעלאטיווע צאל אידן האט זיך פארגרעסערט נאר פאר די לעצטע זעכציג יאר מער פון דריי מאל. אזא מין גרויסער אבסאלוטער און רעלאטיווער צוּוואקס דערקלערט זיך מיט דער עמיגראציע פון די גאליצישע אידן קיין בוקאווינע.

נאך אינטענסיווער, ווי אין בוקאווינע, איז געווען דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין נידער־עסטרייך, דער עיקר אין דער שטאט ווין. אין 1785־טן יאר איז געווען אין נידער־עסטרייך ניט מער פון עטליכע הונדערט אידישע נפשות און אין 1910־טן יאר האט שוין די צאל אידן דארטן דער־גרייכט 184 779 (פון זיי אין ווין 175 318). דער דאזיגער קאלאסאלער וואוקס דערקלערט זיך מיט דער עמיגראציע פון די עסטרייכישע אידן פון אלע קאנטן פון דער מלוכה קיין ווין.

מיר האבן ביז אהער געוויזן די אנטוויקלונג פון די קאנטן, וואו די אידישע באפעלקערונג איז פארן נייצענטן יארהונדערט געוואקסן. און אויב גאליציע קאן ביז א געוויסער מאס צונעגליכן ווערן צו די וואלינער און וויים־רוסישע גובערניעס פון תחום, קאן בוקאווינע פארגליכן ווערן מיט די גובערניעס פון דרום־רוסלאנד און ווין מיט דער שטאט אדעס. איצט לאמיר איבערגיין צו

די קאנטן פון דער עסטרייכישער מלוכה, וואו די אידישע באפעלקערונג האט פאר די לעצטע יארן אנגעהויבן אפילו אבסאלוט קלענער ווערן.

אין בעהמען זיינען געווען אידן:

אין	1785־טן	יאר	42 129
„	1869 „	„	89 933
„	1890 „	„	94 479
„	1900 „	„	92 745
„	1910 „	„	85 826

מיר זעהען, אז פאר 84 יאר — פון 1785 ביז 1869־טן יאר — האט זיך די אידישע באפעלקערונג אין בעהמען קוים צווייםאל פארגרעסערט און פון דע־מאלט אן הויבט זיך שוין אן א קריזיס; פון 1869 ביז 1890־טן יאר, פאר 21 יאר, האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט קוים אויף 5,05 פראצענט (די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פאר דער איינענער צייט פארגרעסערט אויף 13,26 פראצענט). און פאר נאר די לעצטע 20 יאר — פון 1890 ביז 1910 — האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון בעהמען פארקלענערט אויף 9,30 פראצענט, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער איינענער צייט פארגרעסערט אויף 15,27 פראצענט.

דאס זעלבע, וואס מיר האבן נאר וואס פארצייכנט פאר בעהמען, חזרט זיך איבער אין מערן.

מיר קאנען זיך דא ניט אפשטעלן אויף די סיבות, וואס האבן געבראכט צו דער קאנסטאטירטער ערשיינונג. באמערקן מוזן מיר אבער, אז דוקא בעהמען און מערן האבן אן אנטוויקלטע אינדוסטריע און אן אנטוויקלטן האנדל און אוועקשטעלן די פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג אויפן חשבון פונם עקאנאמישן פאלן פון די קאנטן קאן מען געווים ניט. מען קאן אויך ניט דערקלערן די אנגעוויזענע ערשיינונג מיט דעם פאלן פון די געבורטן ביי דער אידישער באפעלקערונג, ווארום ווי נידעריג ס׳איז ניט געפאלן דער נאטירליכער צוואקס אין די צוויי פראווינצן, איז ער דאך ניט דערגאנגען צו דער מדרגה, אז ער זאל געבן א מינוס. מען מוז דעריבער זוכן די סיבה פונם פאלן פון דער אבסאלוטער צאל אידן אין בעהמען און מערן, אין די טשעכישע טיילן פון עסטרייך, מיט דעם נאציאנאלן קאמף, וואס האט זיך דארטן פונאנדערגעברענט די לעצטע צענדליגער יארן. די טשעכן האבן אין די דאזיגע צוויי טיילן פון עסטרייך, וואו זיי האבן אין 1900־טן יאר אויסגעמאכט פון 62,20 פראצענט

(בעהמען) ביז 71,30 פּראָצענט (מערן) פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, ער־קלערט אַ קאַמף אַפילו די דייטשן און האָבן אים דורכגעפירט מיט גרויס ער־פאָלג. על אחת כמה וכמה שוין, אַז די אידן האָבן געמוזט אַרויסגעשטויסן ווערן דורך די טשעכן אין אַ גאַנץ היפשער מאָס.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די עסטרייכישע פּראָווינצן, וואָס פאַרמאָגן צוזאַמען 98 פּראָצענט פון די עסטרייכישע אידן; אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די איבעריגע קאַנטן פון דער עסטרייכישער מלוכה לוינט נים זיך אָפּשטעלן.

לאָמיר נאָר זעהן די איינטיילונג פון די עסטרייכישע אידן אין פאַרשיידענע קאַנטן.

טאַבעלע XXXII

די אידן אין פאַרשיידענע קאַנטן פון עסטרייך.

קאַנט	1869 אַבסאָלוטע צאָל אידן	1869 % פון אַלע עסטרייכישע אידן	1910 אַבסאָלוטע צאָל אידן	1910 % פון אַלע עסטרייכישע אידן
גאַליציע	575 918	70,04	872 972	66,45
נידער־עסטרייך	52 350	6,37	184 779	14,06
בוקאָווינע	47 574	5,79	102 919	7,83
בעהמען	89 933	10,94	85 826	6,53
מערן	42 899	5,21	41 158	3,13
שלעזיען	6 142	0,75	13 442	1,02
אין אַלע איבעריגע קאַנטן	7 404	0,90	12 602	0,98
סך־הכל אין עסטרייך	822 220	100,0	1 313 698	100,0

פון דער דאָזיגער טאַבעלע זעהען מיר, אַז אין 1869־טן יאָר האָט אין גאַליציע געוואוינט מער פון 70 פּראָצענט פון אַלע עסטרייכישע אידן און אין 1910 נאָר 66,45. אמת, די אַבסאָלוטע צאָל אידן אין גאַליציע איז טאַקי אויס־געוואַקסן אויף 297 054 נפשות, און דאָס מאַכט אויס מער פון 51 פּראָצענט פאַר 41 יאָר. דאָס גאַנצע עסטרייכישע אידנטום, נים געקוקט אויף דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, איז אָבער אויסגעוואַקסן פאַר די איינענע 41 יאָר כמעט אויף 60 פּראָצענט. דערמאָנט מען זיך נאָך, אַז דער נאַטירליכער צו־וואַקס ביי די גאַליצישע אידן איז אַ סך גרעסער, ווי ביי די אידן פון אַלע איבעריגע

טײלן פון דער עסטרײכישער מלוכה, װערט קלאר, אז פון גאליציע איז געגאנגען א גאנץ גרויסע עמיגראציע נים נאר קײן אמעריקע, נאר אויך אין אנדערע קאנטן פון עסטרײך. און דאס זעהט מען טאקי פון דערזועלבער טאבעלע. אין נידער־עסטרײך איז די צאל אידן אויסגעוואקסן פאר די געגעבענע 41 יאר $3^1/_2$ מאל און פון 6,37 פראצענט פון אלע עסטרײכישע אידן איז די צאל אויס־געוואקסן ביז 14,06, מער װי צװײ מאל אזוי פיל. א גרויסער צוװאקס, הגם א קלענערער װי אין נידער־עסטרײך, איז געװען אויך אין בוקאװינע — און פון 5,79 פראצענט פון אלע עסטרײכישע אידן אין 1869־טן יאר האבן די בוקאװינער אידן אויסגעמאכט אין 1910־טן יאר 7,83 פראצענט. אין בעהמען איז דער פראצענט אידן געפאלן פון 10,94 (1869־טן יאר) ביז 6,53 פראצענט (1910). דאס אײגענע זעהען מיר אין מערן — דער פראצענט פון די אידן אין מערן איז געפאלן פון 5,21 פראצענט פון אלע עסטרײכישע אידן (1869) ביז 3,13 (1910).

מיר האבן ביז אהער גערעדט װעגן דעם װאוקס פון די אידן אין עסטרײך אין פארגלײך מיט דער גאנצער באפעלקערונג פון דער דאזיגער מלוכה און אויך װעגן דער אײנטײלונג פון די אידן אין פארשײדענע קאנטן. גײען מיר איבער צום נאציאנאלן צוזאמענשטעל פון גאנץ עסטרײך און פון זײנע פארשײדענע קאנטן. דא חזרט זיך פאר אונז איבער כמעט דאס אײגענע בילד, װאס מיר האבן געזעהן אין די 25 גובערניעס פונם רוסלענדישן תחום.

די נאציאנאליטעט װערט אין דער עסטרײכישער סטאטיסטיק באשטימט אויפן גרונט פון דער אומגאנג־שפראך. די אידישע שפראך איז אפיציעל נים אנערקענט. און דעריבער איז אפיציעל, אזוי צו זאגן, גאר קײן אידישע נאציע אין עסטרײך ניטא. די צאל אידן װערט באשטימט אויפן גרונט פון דער רעליגיע און דאס אנטשפרעכט אין דער גרעסטער מאס דער װירקליכער לאגע. לאמיר צום ערשטן זעהן דעם נאציאנאלן צוזאמענשטעל פון עסטרײך אויפן גרונט פון דער שפראך. דערבײ דארף מען האבן אין זינען, אז די אידן װערן צוגערעכנט צו די נאציעס, װעמענס שפראכן זײ האבן אנגעװיזן פאר זײערע אומגאנג־שפראכן בשעת דער פאלקס־צײלונג. פאקטיש װערן די אידן צוגערעכנט כמעט אין גאנצן צו די דײטשן און פאלאקן, צו די צװײ הערשנדיגע נאציעס אין עסטרײך.

אין 1910־טן יאר איז געװען אין עסטרײך — 27 963 872 אײנװאױנער, װעלכע זײנען באשטאנען פון פאלגנדיגע פעלקער (לויט די שפראכן):

1. דייטשן	9 950 266	35.6 %	
2. טשעכן און סלאָוואַקן	6 435 983	23,0 %	
3. פּאָלאַקן	4 967 984	17,8 %	
4. אוקראַינער	3 518 854	12,6 %	
5. סלאָווענער	1 252 940	4,5 %	
6. סערבן און קראָאַטן	783 334	2,8 %	
7. איטאַליענער	768 422	2,7 %	
8. רומענער	275 115	0,9 %	
9. מאַדיאַרן	10 974	0,1 %	
סך־הכל	**27 963 872**	**100,0 %**	

מיר זעהען, אז אין גאַנץ עסטרייך איז ניטאָ קיין איין פֿאָלק, וואָס זאָל אויסמאַכן אַן אַבסאָלוטע מערהייט. די דייטשן האָבן מער פֿון אַ דריטל (35,6 %) פֿון אַלע עסטרייכישע איינוואוינער; די טשעכן מיט די סלאָוואַקן האָבן ווייניגער פֿון אַ פֿערטל (23,0 %); די פּאָלאַקן סך־הכל ווייניגער פֿון אַ פֿינפֿטל (17,8 %); די אוקראַינער — אַן אַכטל (12,6 %). די איבעריגע פֿעלקער זיינען גאָר שוואַך פֿאַרנעשטעלט. אין אַלגעמיינעם איז די עסטרייכישע מלוכה אַ צוזאַמענבונד פֿון כמעט אַ גאַנץ צענדליג פֿעלקער, וואָס פֿירן צווישן זיך אַ שרעקליך פֿאַרביטערטן קאַמף. און אינם דאָזיגן קאַמף שאַפֿן זיך צענדליגע קאָמבינאַציעס פֿון געמיינזאַמע און קעגנזעצליכע נאַציאָנאַלע און קלאַסן־אינטערעסן.

דאָס איז בנוגע צו עסטרייך אַלס גאַנצעס. גייט מען איבער צו די באַזונדערע קאַנטן, ביים זיך אַ ביסל דאָס בילד.

אַם שטאַרקסטן איז די באַפֿעלקערונג געמישט אין בוקאָווינע.

לויט די דאַטן פֿון דער ציילונג פֿון 1900־טן יאָר איז די באַפֿעלקערונג פֿון בוקאָווינע באַשטאַנען פֿון:

1. אוקראַינער	297 798	41,10 %
2. רומענער	229 018	31,60 %
3. אידן	96 150	13,17 %
4. דייטשן	63 681	9,00 %
5. פּאָלאַקן	26 857	3,70 %

מיר זעהען, אז אין בוקאָווינע איז ניטאָ קיין איין נאַציע, וואָס זאָל האָבן

„רעכט“ צו פרעטענדירן אויף הערשאפט אין לאנד. די גרעסטע נאציע — די אוקראינער — האבן קוים 41,10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. די רומענער, וואס ווייזן ארויס די גרעסטע אפעטיטן אויף בוקאווינע, פארמאגן דארט אפילו ניט קיין דריטל פון דער באפעלקערונג — קוים 31,60 פראצענט. אידן פארנעמען אין בוקאווינע דאס דריטע ארט, אויסמאכנדיג 13,17 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. די אידן זיינען אלנפאלס אזא באדייטנדיגע מינדערהייט אין בוקאווינע, אז זייער צושטיין צו דעם אדער יענעם צד באשליסט אפט דעם גורל פון יעדער פראגע און דערמיט געווים דערקלערט זיך, וואס דאס בוקאווינער אידנטום איז געווען די לעצטע צענדליגע יארן — די יארן פון פארעקשנטן נאציאנאלן קאמף — פאליטיש א סך אקטיווער און באוואוסטזיניגער, ווי די אידן פון די איבעריגע טיילן פון עסטרייך.

ווי איז די לאגע אין גאליציע?

נעמען מיר גאנץ גאליציע, איז דארט אויך ניטא קיין איין פאלק, וואס זאל פארמאגן אן אבסאלוטע מערהייט. אין גאליציע זיינען געווען אין 1900־טן יאר פאלגנדיגע נאציעס:

1. פאלאקן	3 352 000	46,00 %
2. אוקראינער	3 104 103	42,60 %
3. אידן	811 371	11,10 %

ביז 1910־טן יאר האט זיך די לאגע כמעט ניט געענדערט, ווארום לויט דער דאזיגער ציילונג זיינען געווען:

1. פאלאקן	46,52 %
2. אוקראינער	42,08 %
3. אידן	10,90 %

פאר צען יאר האט זיך א ביסל פארקלענערט דער פראצענט פון די אידן און פון די אוקראינער און, פארקערט, דער פראצענט פאלאקן האט זיך אביסל פארגרעסערט. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס די אוקראינער און באזונדערס די אידן נעמען א גרעסערן אנטייל אין דער עמיגראציע, ווי די פאלאקן. די שנוים זיינען אבער ניט קיין באדייטנדיגע, און מען קאן דערווייל ניט ריידן וועגן דעם ארויסשטויסן פון דער אדער יענער נאציע.

נעמען מיר אבער באזונדערע טיילן פון גאליציע, באקומען שוין די הויפט־פעלקער — די פאלאקן און די אוקראינער — אזוינע נעגנטן, וואו זיי פאר־

מאגן א גרויסע מערהייט, באזונדערס די פאלאקן. אין מערב־גאליציע האבן אויסגעמאכט אין 1910־טן יאר:

1. די פאלאקן	88,5 %
2. די אידן	7,9 %
3. די אוקראינער	3,3 %

מיר זעהען, אז מערב־גאליציע איז באמת א ריין־פוילישׁ לאנד, און די לאגע פון די נאציאנאלע מינדערהייטן ווערט דארט דעריבער גאנץ שווער. אמת, אין די שטעט זיינען די פארהעלטענישן א ביסל אנדערש. און אין די שטעט מאכן די אידן אויס אפילו אין מערב־גאליציע כמעט א דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג. דער פראצענט אידן אין די שטעט פון מערב־גאליציע האלט אבער אין איין פאלן, ווי מיר וועלן זעהן שפעטער.

אין מערב־גאליציע לעבט ווייניגער פון א פערטל פון אלע גאליצישע אידן — סך־הכל 213 269 נפשות (1910־טן יאר). די איבעריגע מער פון דריי פערטל פון די גאליצישע אידן (659 706 אין 1910־טן יאר) האבן געוואוינט אין מזרח־גאליציע, וואו די נאציעס זיינען שוין מער איבערגעמישט.

אין מזרח־גאליציע זיינען געווען אין 1910־טן יאר:

1. אוקראינער	61,7 %
2. פאלאקן	25,3 %
3. אידן	12,4 %

די אוקראינער האבן אלזא אין מזרח־גאליציע דריי פינפטל פון דער גאנצער באפעלקערונג; די פאלאקן איין פערטל; די אידן איין אכטל. אין די שטעט, ווי מיר וועלן זעהן שפעטער, פארמאגן די אידן מער פון א דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג און בכלל זיינען אין די שטעט די פעלקער א סך מער איבערגעמישט.

די באפעלקערונג פון בעהמען איז באשטאנען אין 1900־טן יאר פון פאלגנדיגע נאציעס:

1. טשעכן	3 900 087	62,20 %
2. דייטשן	2 274 268	36,30 %
3. אידן	92 745	1,50 %

די באפעלקערונג פון מערן איז באשטאנען אין 1900־טן יאר פון:

1. טשעכן	1 727 270	71,30 %

2. דייטשן	631 237	26,08 %
3. אידן	44 255	1,90 %

אין ביידע קאנטן — אין בעהמען און אין מערן — מאכן די טשעכן אויס א באדייטנדיגע מערהייט — אין מערן גאנצע 71,30 פראצענט פון דער באַפעלקערונג און אין בעהמען 62,20 פראצענט. אין ביידע קאנטן זיינען דא א סך קרייזן, וואו די אדער יענע נאציע בילדעט נאר א גרויסע מערהייט — מער אפילו פון 80 פראצענט. אין בעהמען זיינען פאראן ריין־טשעכישע קרייזן — 48 (חוץ דער שטאט פראג); ריין־דייטשע קרייזן — 30; און געמישטע — 17. אין מערן זיינען פאראן ריין־טשעכישע קרייזן — 22; ריין־דייטשע — 6; און געמישטע — 20. די אידן אין בעהמען און אין מערן שפילן זעהר א קליינע ראלע אינם קאמף, וואס ווערט געפירט צווישן די צוויי הויפט־נאציעס — צווישן די טשעכן און דייטשן. די גרעסטע צאל אידן איז נוטה צו דער דייטשער שפראך און שטעלט זיך מערסטנטיילס אויפן צד פון די דייטשן אינם נאַציאָנאלן קאמף. די לעצטע יארן, ווען די טשעכישע בורזשואזיע איז שוין געווארן גענוג שטאַרק און אגרעסיוו, האבן זיך אנגעהויבן באווייזן צווישן די אידישע בירגערליכע שיכטן „טשעכישע פאטריאטן“.

אין נידער־עסטרייך איז אין 1900־טן יאר די באפעלקערונג באשטאנען פון פאלגנדיגע פעלקער:

1. דייטשן	2 556 645	82,80 %
2. טשעכן	132 968	4,80 %
3. אידן	157 278	5,70 %

אין נידער־עסטרייך מאכן די דייטשן אויס א גרויסע מערהייט — מער פון 82 פראצענט; מע דארף אבער גערענקען, אז אין אמתן איז דער פראצענט פון די דייטשן א סך קלענער. די דאטן זיינען געבויט אויפן גרונט פון דער אומגאנג־שפראך — און אין ווין, וואו ס'געפינט זיך כמעט זעכציג פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג פון נידער־עסטרייך, איז דא זעהר א גרויסער פראצענט טשעכן, פאלאקן, אידן, אוקראינער און אנדערע, וועלכע באנוצן זיך מיט דער דייטשער שפראך, נאר האבן אבער נים פארלוירן דעם צוזאמענבונד מיט זייערע נאציעס. נים געקוקט פונדעסטוועגן אויף דער גרויסער ווירקונג פון דער דייטשער קולטור און שפראך אין ווין, מאכן די דייטשן דארטן אויס נאר 73,9 פראצענט; די אידן — 8,80 פראצענט; די טשעכן — 6,20 פראצענט.

פראגעס.

1. אין וואסערע פרטים איז די לאגע פון די אידן אין עסטרייך גלייך צו דער לאגע פון די אידן אין רוסלאנד?

2. וויפיל איז געווען אידן אין עסטרייך — אין 1785־טן יאר? אין 1830־טן? אין 1880־טן? אין 1910־טן?

3. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין עסטרייך — אין 1785־טן? אין 1830־טן? אין 1880־טן? אין 1890־טן? אין 1910־טן?

4. וואסער א באפעלקערונג האט זיך מער פארגרעסערט אין עסטרייך אין 19־טן יארהונדערט — די אלגעמיינע? די אידישע?

5. וויפיל זיינען געווען אידן אין גאליציע — אין 1817־טן? אין 1869־טן? אין 1910־טן?

6. וואס פאר א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן דארט אויסגעמאכט — אין 1817־טן? אין 1869־טן? אין 1890־טן? אין 1910־טן?

7. וויפיל זיינען געווען אידן אין בוקאווינע — אין 1780־טן? אין 1850־טן? אין 1910־טן?

8. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין בוקאווינע — אין 1850־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

9. ווי שטארק איז אויסגעוואקסן די אידישע באפעלקערונג אין נידער־עסטרייך?

10. וויפיל זיינען געווען אידן אין בעהמען — אין 1785־טן? אין 1890־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

11. וואסערע סיבות האבן געבראכט צו דער אבסאלוטער פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג: אין בעהמען? אין מערן?

12. וואסער א טייל פון די עסטרייכישע אידן וואוינט: אין גאליציע? אין נידער־עסטרייך? אין בוקאווינע? אין בעהמען? אין מערן?

13. אין וואסערע טיילן פון עסטרייך האט זיך פארגרעסערט דער פראצענט אידן פאר דער צייט פון 1869־טן ביז 1910־טן יאר?

14. אין וואסערע טיילן האט זיך דער פראצענט אידן פארקלענערט?

15. פון וואסערע פעלקער באשטייט די עסטרייכישע מלוכה?

16. האט א וואסערע ס'ניט איז נאציע אן אבסאלוטע מערהייט פון עסטרייך?

17. ווענען געהער די רעלאטיווע מערהייט אין עסטרייך?

18. פון וואסערע פעלקער באשטייט:

א) די באפעלקערונג פון בוקאווינע? ב) פון גאליציע? ג) פון מערב-גאליציע? ד) פון מזרח-גאליציע? ה) פון בעהמען? ו) פון מערן? ז) פון ווין?

קאפיטל 9.

די אידן אין פארשידענע טיפן וואוין־ערטער פון עסטרייך.

צוויי פראצעסן כאראקטעריזירן די אינעוויינסטע וואַנדערונג פון די אידישע מאסן אין 19־טן יארהונדערט: ראשית, שטרעבן די אידישע מאסן אין די גרויסע שטעט; שנית, שטרעבן זיי צו קאנצענטרירן זיך אין געדיכט־באזעצטע קהלות. און אפילו די עסטרייכישע אידן, וואס בִּכְלָל פארנעמען זיי ניט, אין פרט פון מאדערנער אנטוויקלונג, קיין ארט אין די ערשטע רייהען, האבן ניט אויסגעמיטן דעם אלגעמיינעם גורל פונם הייגט־יגן אידנטום. אזוי האבן געוואוינט אין 1900־טן יאר אין שטעט מיט מער פון 50 טויזנט איינוואוינער פון יעדע הונדערט נפשות:

1. ביי אידן 23,33 %
2. ביי ניט־אידן 10,60 %

דער חלק פון דער אידישער עסטרייכישער באפעלקערונג, וואס האט גע־וואוינט אין 1900־טן יאר אין גרויסע שטעט, איז צוויי מאל אזוי גרויס, ווי דער זעלבער חלק ביי דער קריסטליכער באפעלקערונג.

אויספירליכערע דאטן בנוגע צום אנטייל פון דער אידישער באפעלקערונג אין פארשידענע טיפן וואוין־ערטער וועלן מיר ברייגנגען ווענן יעדן קאנט באזונדער.

טאבעלע XXXIII

די אידן פון גאליציע אין שטעט, שטעטלאך און דערפער.

יאר	שטעט — אבסאלוטע צאל אידן	שטעט — % פון אלע אידן	שטעטלאך — אבסאלוטע צאל אידן	שטעטלאך — % פון אלע אידן	דערפער — אבסאלוטע צאל אידן	דערפער — % פון אלע אידן
1880	197 068	28,7	216 118	31,5	273 500	39,8
1890	218 281	28,4	236 923	31,8	313 628	40,8
1900	248 203	30,6	239 443	29,5	323 537	39,9
1910	297 978	34,1	253 578	29,3	320 339	36,6

טאבעלע XXXIII גיט אונז מאטעריאל וועגן די אידן אין פארשידענע וואוין־ערטער פון גאליציע. פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז אין 1910־טן יאר האט געוואוינט אין גאליציע:

1. אין די שטעט 34,1 %
2. אין די שטעטלאך 29,3 %
3. אין די דערפער 36,6 %

קומט אויס, אז אין די שטעט האט געוואוינט אין גאליציע מער פון א דריטל פון דער גאנצער דארטיגער אידישער באפעלקערונג; אין די דערפער האט אבער געוואוינט א גרעסערער פראצענט — 36,6. חוץ בוקאָווינע איז גאליציע דאס איינציגע לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו ס'וואוינט אזא גרויסער פראצענט אידן אין דערפער.

נעמען מיר די דאטן פאר פארשיידענע צייטן, זעהען מיר, אז דער פראצענט אידן, וואס וואוינט אין די שטעט, האלט אין איין וואקסן, ווען דער פראצענט פון דעם טייל אידן, וואס וואוינט אין די דערפער, האלט אין איין פאלן. אזוי זעהען מיר, אז אין שטעט האבן געוואוינט פון דער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע:

1. אין 1880־טן יאר 28,7 %
2. „ „ 1910 „ „ 34,1

דער טייל פון דער אידישער באַ־עלקערונג, וואס וואוינט אין שטעט, איז אויסגעוואקסן מער ווי אויף 18 פראצענט.

אין די דערפער, פארקערט, האט געוואוינט פון דער אידישער באפעלקערונג:

1. אין 1880־טן יאר 39,8 %
2. „ „ 1910 „ „ 36,6

האט זיך, הייסט עס, דער טייל אידן, וואס וואוינט אין דערפער, פאר־קלענערט אויף 8 פראצענט.

דאס האבן מיר אלץ גערעדט וועגן די רעלאטיווע חלקים פון דער גאלי־צישער אידישער באפעלקערונג, וואס קומען אן אויף די שטעט און אויף די דערפער. די באטראכטע ערשיינונג וועט אונז ווערן נאך קלארער, ווען מיר וועלן נעמען דעם וואוקס פון דער אבסאלוטער צאל אידן אין די שטעט און אין די דערפער. די שטאטישע אידישע באפעלקערונג פון גאליציע איז אויס־געוואקסן פון 197 068 (1880) ביז 297 978 (1910), ד. ה. אז די פארגרעסע־רונג האט דערגרייכט 51 פראצענט. די דארפישע־זשע אידישע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פון 273 500 (1880) ביז 320 339 (1910), די פארגרעסערונג איז געווען נאר 17 פראצענט, דריימאל וויינער, ווי ביי דער שטאטישער בא־פעלקערונג.

דער נאטירליכער צוואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע איז בִּכְלָל זעהר א הויכער און באזונדערס הויך איז ער ביי דער דארפישער אידישער באפעלקערונג און ער איז געווים געווען ניט וויינינער פון צוויי פראצענט יערליך, אויב ניט נאך העכער. דער נאטירליכער צוואקס ביי דער דארפישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע האט באדארפט זיין פאר די דרייסיג יאר — פון 1889־טן ביז 1910־טן — קרוב צו צוויי הונדערט טויזנט נפשות. דער פאקטישער־זשע צוואקס איז געווען סך־הכל 46839. די איבעריגע 150 טויזנט אידן האבן עמיגרירט אין די שטעט און קיין אמעריקע. אין די שטעט איז געבליבן פון זיי נאר א קליינער פראצענט, און דער גרעסטער טייל האט עמיגרירט קיין אמעריקע, ווארום בארעכנט מען דעם נאטירליכן צוואקס פון דער שטאטישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע, זעהט מען, אז דער פאקטישער צוואקס איז ניט קיין סך גרעסער פון אים. דאס איינענע, וואס מיר האבן נאר וואס קאנסטאטירט בנוגע צום דארפישן גאליצישן אידנטום, קומט פאר אויך מיט דעם שטעטלישן גאליצישן אידנטום, נאר א ביסל אין א שוואכערער מאס.

נייען מיר איבער צו דער שטאטישער באפעלקערונג אין באזונדערע טיילן פון גאליציע.

אין מערב־גאליציע האבן געלעבט אין שטעט אין 1910 — 83578 אידן, וואס ס'האט אויסגעמאכט 39,2 פראצענט פון אלע אידן פון מערב־גאליציע. אין מזרח־גאליציע האבן געלעבט אין 1910־טן אין שטעט — 214400 אידן, וואס ס'האט אויסגעמאכט 32,5 פראצענט פון אלע אידן פון מזרח־גאליציע. זעהען מיר, אז אין מערב־גאליציע, וואו די אינדוסטריע איז מער אנטוויקלט, וואו די שטאטישע באפעלקערונג מאכט בכלל אויס א גרעסערן פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, וואו, ענדליך, דער נאציאנאלער און סאציאלער קאמף פון דעם ארגאניזירטן פוילישן פויער אין דארף און אין שטעטל צווינגט דעם אידישן קליין־קרעמערל, מעקלערל, לופט־מענשל וכדומה זוכן פרנסה אין די גרעסערע שטעט — אט דארטן איז דער פראצענט פון דער אידישער שטאטישער באפעלקערונג גרעסער, ווי אין מזרח־גאליציע, וואס איז נאך א ריין אגראריש לאנד, און דער פויער כאפט זיך ערשט אויף צו א באוואוסטזיניגן נאציאנאלן און סאציאלן קאמף.

וואס פאר א פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג מאכן אויס די אידן אין די שטעט פון גאליציע?

נעמען מיר לכתחילה די צוויי גרעסטע שטעט פון ביידע טיילן פון גאליציע — קראָקע און לעמבערג.

טאבעלע XXXIV

די אנטוויקלונג פון דער גאנצער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראקע.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג	% פון דער אידישער באפעלקערונג
1787	23 591	3 653	15,5
1831	32 890	9 820	29,8
1869	49 835	17 670	35,4
1880	66 097	20 269	30,7
1890	74 596	20 939	28,1
1900	97 372	25 910	27,0
1910	151 886	32 321	21,3

מיר זעהען, אז אין וואוּקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראָקע זיינען פאראן צוויי פעריאדן, וואס זיינען גאנץ פארשיידן. פון 1787 ביז 1869־טן וואקסט די אידישע באפעלקערונג א סך א־נטענסיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג. און פון 15,5 פראצענט אין 1787־טן יאר וואקסט אוים די אידישע באפעלקערונג ביז 35,4 פראצענט אין 1910־טן יאר. פון 1869־טן הויבט זיך אן דער צווייטער פעריאד — די אידישע באפעלקערונג וואקסט א סך שוואכער, ווי די אל־געמיינע באפעלקערונג, און דער רעלאטיווער אָנטייל פון די אידן אין קראָקע האלט אין איין פאלן. פון 35,4 פראצענט אין 1869־טן פאלט ער ביז 27,0 אין 1900־טן און אין די לעצטע צען יאר פאלט ער אראפ ביז 21,3 פראצענט, אקוראט ביז דעם צושטאנד, אין וועלכן ער האט זיך געפינען אין 1815־טן יאר, צוריק, הייסט עס, מיט הונדערט יאר. אמת, די לעצטע צען יאר דארפן ווייניגער גענומען ווערן אין אכט, ווייל פאר דער דאזיגער צייט זיינען צוגערעכנט געווארן צו דער שטאט קראָקע איינינע פארשטעט, וואס זיינען באוועצט כמעט אויס־שליסליך מיט פאלאקן.

נעמען מיר אן די דאטן פון 1787־טן פאר 100, וועלן מיר באקומען פאלגנדיג

קלאר בילד וועגן דער אנטוויקלונג פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראקע:

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג
1787	100	100
1831	139	269
1869	211	484
1880	280	555
1890	316	573
1900	387	703
1910	644	885

נעמען מיר דעם גאנצן פעריאד צייט — פון 1787־טן ביז 1910־טן — האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט כמעט ניין מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט נאר זעקס מיט א האלבן מאל. נעמט מען אבער די צוויי פעריאדן באזונדער — ביז 1869־טן יאר און די שפעטערדיגע צייט, — באקומט זיך גאר אן אנדער בילד. די אידישע באפעלקערונג שטייט אפ פון דער אלגעמיינער אין צווייטן פעריאד, נאר יאגט זי שטארק אריבער אין ערשטן פעריאד. ביז 1869־טן יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג כמעט פינף מאל פארגרעסערט, די אלגעמיינע נאר צוויי מאל. פון 1869־טן ביז 1900־טן האט זיך די גאנצע באפעלקערונג פארגרעסערט כמעט צוויי מאל. די אידישע ווייניגער פון אנדערהאלבן מאל.

ברייגגען מיר נאך דעם פעלקערליכן צוזאמענשטעל פון דער שטאט קראָקע:

יאר	פאלאקן	אידן	אנדערע
	אין פראצענטן		
1880	67,8	30,7	1,5
1890	70,3	28,1	1,6
1900	71,0	27,0	2,0
1910	76,8	21,3	1.9

די אידן בילדן אין קראָקע א באדייטנדיגע מינדערהייט; זיי האבן אבער אנטקעגן זיך א מערהייט פון איין פאלק — נאר פון פאלאקן. די צאל פון די לעצטע האלט אין שטארקן וואקסן — פון 67,8 פראצענט אין 1880־טן יאר איז דער אנטייל פון די פאלאקן אויסגעוואקסן ביז 76,8 פראצענט אין 1910־טן יאר.

נאר אן אנדער בילד זעהען מיר אין לעמבערג — אין דער הויפט־שטאט פון מזרח־גאליציע.

טאבעלע XXXV

דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג אין לעמבערג.

יאר	פאלאקן		אידן		אוקראינער		אנדערע		צוזאמען	
	אבסאל. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט	אבס. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט
1880	58 602	53,4	30 961	28,2	17 496	15,9	2687	2,5	109 746	100,0
1890	67 286	52,6	36 130	28,2	21 876	17,1	2651	2,1	127 943	100,0
1900	82 597	51,7	44 258	27,7	29 327	18,3	2695	2,3	159 877	100,0
1910	105 469	51,2	57 387	27,8	39 314	19,1	3943	1,9	206 113	100,0

וואס ווייזט אונז די דאזיגע טאבעלע? ראשית, אז די פאלאקן מאכן אויס אין לעמבערג, אין צענטער פון אוקראינישן טייל פון גאליציע, אן אבסאלוטע מערהייט. די אידן מאכן אויס אין לעמבערג מער פון א פערטל פון דער גאנצער באפעלקערונג, און די אוקראינער ווייניגער פון א פינפטל פון דער גאנצער באפעלקערונג.

אין 1910־טן יאר זיינען געווען אין לעמבערג:

1. פאלאקן 51,2 %
2. אידן 27,8 %
3. אוקראינער 19,1 %

נעמען מיר דעם צוּוואקס פאר דער צייט פון 1880־טן ביז 1910־טן יאר, איז ער געווען

1. ביי די פאליאקן 80,0 %
2. ביי די אידן 85,4 %
3. ביי די אוקראינער 124,6 %

די אוקראינער וואקסן א סך אינטענסיווער, ווי די איבעריגע צוויי פעלקער;

די צאל אידן פארגרעסערט זיך שטארקער, ווי די צאל פאלאקן. און דעריבער זעהען מיר, אז דער פראצענט פאלאקן האט זיך פארקלענערט פון 53,4 (1880) ביז 51,2 (1910); דער פראצענט אידן האט זיך אויך אביסל פארקלענערט — פון 28,2 (1880) ביז 27,8 (1910); דער פראצענט־זשע פון די אוקראינער האט זיך, פארקערט, פארגרעסערט — פון 15,9 (1880) ביז 19,1 (1910).

פון די הויפט־שטעט פון גאליציע וועלן מיר איבערגיין צו די איבעריגע שטעט.

אין מערב־גאליציע זיינען פאראן עלף גרעסערע שטעט. אין די דאזיגע עלף שטעט מאכן די פאלאקן אויס צוויי דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג, און די אידן איין דריטל. אזוי זייגען געווען אין די עלף שטעט:

א) אין 1880־טן יאר:	1. פאלאקן	62,3
	2. אידן	34,0
ב) אין 1910־טן יאר:	1. פאלאקן	63,3
	2. אידן	31,2

מיר זעהען, אז פאר 30 יאר האט זיך דער פראצענט אידן אביסל פארקלענערט, און דער פראצענט פאלאקן אביסל פארגרעסערט. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס די אידן עמיגרירן אין א גרויסער מאס קיין אמעריקע אפילו פון די שטעט, וואס ציהען צו זיך צו א באדייטנדיגע באפעלקערונג פון די שטעטלאך און דערפער. אנדערש געואגט, די שטעט פון מערב־גאליציע, ווי פון א סך אנדערע לענדער, קאנען ניט איינהאלטן די גאנצע אידישע באפעלקערונג, וואס קומט אן פון דער פראווינץ, און שטויסן זי ארויס ווייטער קיין אמעריקע. אבער אין דעם קאן גאר קיין ספק ניט זיין, אז אין מערב־גאליציע גייט א גרויסער שטראם פון דארף און שטעטל אין שטאָט אריין. דער צוואקס פון דער אידישער באפעלקערונג פאר דרייסיג יאר — פון 1880 ביז 1910 — אין מערב־גאליציע האט באטראפן:

1. אין די שטעט	63,8 %
2. אין די שטעטלאך	30,6 %

דער פראצענט אידן פון מערב־גאליציע, וואס האט געוואוינט אין דערפער, האט באטראפן:

1. אין 1880־טן יאר	38,0 %
2. אין 1910־טן יאר	28,8 %

דאס אלץ באווייזט, אז די ארגאניזירונג פון גאליצישן אידנטום, דאס וואקסן פון דער שטאטישער באפעלקערונג אויפן חשבון פון דער שטעטלישער און דארפישער, גייט אהן אן אויפהער.

גאר אן אנדער לאגע געפינען מיר אין די שטעט פון מזרח־גאליציע — דא בילדן די אידן א רעלאטיווע מערהייט. די דאזיגע רעלאטיווע מערהייט האלט אבער אין פאלן, און ס׳וואקסט דער פראצענט פון די פאלאקן. אין די 19 שטעט פון מזרח־גאליציע איז געווען:

א) אין 1880־טן יאר:
1. אידן 45,6 %
2. פאלאקן 29,0 %
3. אקראינער 23,9 %

ב) אין 1910־טן יאר:
1. אידן 38,5 %
2. פאלאקן 35,5 %
3. אוקראינער 24,8 %

מיר זעהען, אז די אידן האבן געהאט א רעלאטיווע מערהייט אפילו אין 1910־טן יאר. דאס צווייטע ארט נאך די אידן פארנעמען די פאלאקן, און די אוקראינער דאס דריטע. אין 1880־טן יאר זיינען געווען אין מזרח־גאליציע זעקס שטעט, וואו די אידן האבן געהאט אן אבסאלוטע מערהייט; אין 1910־טן זיינען שוין געווען אזעלכע שטעט נאר צוויי.

פון דעם אלעם קאן מען אבער ניט דרינגען, אז אין מזרח־גאליציע גייט ניט דער פראצעס, וואס הייסט אורבאניזירונג. די אידישע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פאר דרייסיג יאר (פון 1880 ביז 1910) אין מזרח־גאליציע:

1. אין די שטעט אויף 37,2 %
2. אין די שטעטלאך אויף 14,2 %

הייסט עס, אז די אידישע שטאטישע באפעלקערונג אפילו אין מזרח־גאליציע, אין דעם דאזיגן אפגעשטאנענסטן לאנד, איז געוואקסן צוויי מיט א האלבן מאל גיכער, ווי די שטעטלישע אידישע באפעלקערונג. אויך דער פראצענט פון דעם טייל אידן, וואס וואוינט אין די דערפער פון מזרח־גאליציע, איז פאר די דרייסיג יאר געפאלן.

שטעט מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות איז געווען אין 1900־טן יאר אין גאליציע אכט (מיט לעמבערג און קראָקע). אין די דאזיגע אכט

גרעסטע אידישע קהלות זיינען געווען אין 1900־טן יאר 150 072 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 18,5 פראצענט פון אלע גאליצישע אידן. קומט אויס, אז אפילו אין גאליציע האט שוין אין 1900־טן יאר געוואוינט כמעט א גאנץ פינפטל פון אלע אידן אין אכט קהלות מיט מער ווי צען טויזנט נפשות אין יעדער קהלה. אין 1910־טן יאר האט געווים געוואוינט אין די דערמאנטע אכט קהלות קרוב צו א פערטל פון אלע גאליצישע אידן.

גייען מיר איבער צו בוקאווינע. אין בוקאווינע וואוינט א גאנץ גרויסער פראצענט אידן אין דערפער.

אזוי האבן פון אלע בוקאווינער אידן געוואוינט אין דערפער:

1. אין	1880־טן	29 749	44,12 %
2. „	1890־טן	40 169	48,56 %
3. „	1900־טן	47 740	49,51 %

בוקאווינע איז דאס איינציגע לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו אזא גרויסער פראצענט אידן — כמעט א גאנצע העלפט — וואוינט אין דארף. כאראקטעריסטיש איז אבער פאר בוקאווינע, וואס אין דער זעלבער צייט וואקסט גאנץ שנעל די אידישע קהלה אין דער הויפט־שטאט — אין טשערנאוויץ — און קאנצענטרירט אין זיך מער פון א פערטל פון אלע בוקאווינער אידן. אזוי זיינען געווען אידן אין טשערנאוויץ:

1. אין	1880־טן	14 449	11,43 %	פון אלע בוקאווינער אידן
2. „	1890־טן	17 359	20,98 %	„ „ „ „
3. „	1900־טן	21 589	22,55 %	„ „ „ „
4. „	1910־טן	28 613	27,80 %	„ „ „ „

פאר דרייסיג יאר איז די טשערנאוויצער אידישע קהלה אויסגעוואקסן צוויי מאל. אין 1880־טן יאר האט אין טשערנאוויץ געלעבט נאר א פינפטל פון אלע בוקאווינער אידן און אין 1910־טן יאר שוין מער פון א פערטל.

מיר זעהען, אז אין דארף און אין דער איינער שטאט טשערנאוויץ וואוינען אומגעפער מער פון 70 פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן. די איבעריגע אידן פון בוקאווינע וואוינען אין שטעט און אין שטעטלאך.

וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס אין פארשיידענע וואוין־פונקטן פון בוקאווינע?

אין דער הויפט־שטאט פון בוקאווינע — אין טשערנאוויץ — איז די לאגע געווען פאלגנדיגע:

יאר	די גאנצע באפעל־קערונג	די אידישע באפעל־קערונג	% פון אידן לגבי דער גאנצער באפעלק.
1880	45 600	14 449	31,69
1890	54 171	17 359	32,04
1900	67 622	21 587	31,92
1910	87 235	28 613	32,80

אידן, אלזא, האבן אויסגעמאכט אין 1910־טן יאר א דריטל פון דער גאנצער באַפעלקערונג פון טשערנאוויץ. דערצו מוז מען נאך צונעבן, אז די איבעריגע צוויי דריטל פון דער באפעלקערונג ווערן צעטיילט צווישן ע ט ל י כ ע פעלקער.

אין די דערפער פון בוקאווינע האבן אידן אויסגעמאכט פון דער גאנצער דארפישער באפעלקערונג:

1. אין 1880־טן 6,44 %
2. אין 1890־טן 7,72 %
3. אין 1900־טן 8,15 %

דער פראצענט פון די אידן אין די דערפער וואקסט די גאנצע צייט, נאר אין א גאנץ באגרעניצטער מאס. אין די שטעט און שטעטלאך פון בוקאווינע האבן אידן אויסגעמאכט:

1. אין 1880־טן 36,11 %
2. אין 1890־טן 35,96 %
3. אין 1900־טן 35,80 %

אידן מאכן אויס אין די דאזיגע פונקטן מער פון א דריטל, און אזוי ווי די איבעריגע באפעלקערונג באשטייט פון פארשטייער פון עטליכע נאציעס, האבן די אידן פאקטיש א רעלאטיווע מערהייט. פאר צוואנציג יאר האט זיך דער פראצענט אידן אין די דאזיגע פונקטן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג כמעט ניט געביטן.

פון 184 779 אידן, וואס האבן געוואוינט אין נידער־עסטרייך אין 1910־טן יאר, זיינען געוועזן אין דער איינער שטאט ווין — 175 318 ד. ה. 94,9 פראַ־צענט פון אלע אידן פונם דאזיגן קאנט אדער 13,3 פראצענט פון אלע עסט־רייכישע אידן. די אידישע קהלה אין ווין איז אויסגעוואקסן ערשט אין דער

צווייטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט. אין 1753־טן יאר איז געווען אין ווין סך־הכל 700 אידישע נפשות. אין 1850־טן יאר איז געווען אין ווין בערך א פּאָר טויזנט אידן. וועגן דעם ווייטערדיגן וואוקס פון דער אידישער ווינער קהלה דערציילן אונז די פאלגנדיגע ציפערן:

יאר	די גאנצע באפעלקערונג פון ווין	די אידישע באפעלקע־רונג פון ווין	% פון אידן לגבי דער גאנצער בא־פעלקערונג
1869	607 514	40 230	6,62
1880	725 658	73 271	10,10
1890	1 364 548	118 495	8,68
1900	1 674 957	146 926	8,77
1910	2 038 581	175 318	8,60

פאר 41 יאר איז די אידישע באפעלקערונג אויסגעוואקסן מער פון פיר מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן נאר מער פון דריי מאל. דערמיט, פארשטייט זיך, דערקלערט זיך, וואס אין 1869־טן יאר האבן די אידן אין ווין אויסגעמאכט נאר 6,62 פראצענט און אין 1910־טן — 8,60, מער כמעט מיט גאנצע צוויי פראצענט. באזונדערס שטארק איז געווען דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג, אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער, די ערשטע עלף יאר, ווען דער פראצענט פון די אידן האט זיך אויפגעהויבן ביז 10,10. נאכדעם האט דער וואוקס פון דער קריסטליכער באפעלקערונג אריבער־געיאגט דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג, און דער פראצענט פון די אידן אין ווין איז געפאלן ביז 8,68 אין 1890־טן, און פון דעם דאזיגן יאר אן און ווייטער זיינען שוין די ענדערונגען נים קיין באדייטנדיגע.

די נאר וואס באמערקטע ערשיינונג חזרט זיך איבער אין זעהר א סך גרויסע שטעט: אינם ערשטן פעריאד פונם וואוקס פון די שטעט נעמען די אידן א גרעסערן אנטייל, ווי אין די ווייטערדיגע פעריאדן. דאס דערקלערט זיך, חוץ פיל אנדערע סבות, דער־עיקר מיט דעם, וואס אין דער ערשטער צייט ציהען צו זיך צו די גרויסע שטעט מער האנדלס־עלעמענטן, צווישן וועלכע די אידן בילדן א גרויסן פראצענט; די גרויס־אינדוסטריע קומט ערשט שפּעטער אויף, און זי ציהט צו גרויסע מאסן דארפישע ארבעטער פון די קריסטליכע

מאסן און נאר ווייניג פון די אידישע מאסן. ערשט, ווען די שטאט ווערט שוין גענוג גרויס, נעמט זי אריין גרויסע מאסן מלאכה־עלעמענטן, א סך פארשטייער פון אינטעליגענטע פראפעסיעס, פון אדמיניסטראטיווע און פארמיטלער־עלעמענטן, וואס באדינען די אינדוסטריע. די אלע נאר וואס אויסגערעכנטע עלעמענטן ווערן גענומען אין א גרויסער מאס צווישן דער אידישער קליין־שטאטישער און מיטל־שטאטישער באפעלקערונג — און דעריבער זעהען מיר אפט, אז אין די גרויסע שטעט שטעלט זיך סוף כל סוף איין א געוויסער גלייכגעוויכט צווישן דעם וואוקס פון דער אידישער און פון דער ניט־אידישער באפעלקערונג.

מיר האבן העכער געזעהן, אז די אידישע באפעלקערונג אין בעהמען און מערן פאלט אפילו אבסאלוט. און דערביי האלטן די גרעסערע אידישע קהלות אין וואקסן — דאס באוויזט, אז אין דארף אדער אין קליינעם שטעטל קאן די אידישע באפעלקערונג א סך שוואכער ביישטיין די קאנקורענץ פון די אויפגעקומענע טשעכישע בירגערליכע עלעמענטן, ווי אין דער גרויסער שטאט. נעמען מיר די הויפט־שטאט פון בעהמען — פראָג — זעהען מיר, אז די צאל אידן וואקסט דארט אהן אן אויפהער:

יאר	די אבסא־לוטע צאל אידן אין פראג	פראצענט פון אלע אידן אין בעהמען
1880	21 405	22,7
1890	24 034	25,4
1900	27 799	29,4
1910	28 888	30,6

אין 1910־טן יאר איז שוין געווען אין דער איינער שטאט פראג כמעט א דריטל פון אלע אידן פון בעהמען, ווען אין 1880־טן יאָר איז דארט געווען ווייניגער פון א פערטל פון אלע בעהמענער אידן.

אין דער הויפט־שטאט פון מערן — אין בריון — איז געווען אין 1910־טן יאר — 8945 אידן, 21,7 פראצענט פון אלע אידן פון מערן. אין בריון קומט פאר דאס איינענע, וואס אין פראג. ניט געקוקט אויף דעם, וואס אין מערן בִּכְלַל פארקלענערט זיך די אידישע באפעלקערונג, וואקסט פונדעסטוועגן די אידישע קהלה אין בריון אהן אן אויפהער. אין בריון זיינען געווען אידן: אין 1880־טן — 5 498; אין 1900־טן — 8 238; און אין 1910־טן — 8 945.

פאר די לעצטע צען יאר איז דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין פראג און אין בריון קלענער, ווי אין די פריהערדיגע צוויי צענדליג יארן.

אין אלע איבעריגע קאנטן פון עסטרייך, וואס פארמאגן בִּכְלַל זעהר ווייניג אידן, לעבן די לעצטע מערסטנטיילס כמעט נאר אין די שטעט און דערצו טרעפט, אז דאס גאנצע ביסל אידן וואוינט אין צוויי־דריי קהלות.

קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידן זיינען פאראן אין עסטרייך ע ל ף, וועלכע האבן געהאט אלע אינאיינעם אין 1910־טן יאר — 382891 אידישע נפשות. דאס הייסט, אז 29,1 פראצענט פון אלע עסטרייכישע אידן וואוינען קאנצענטרירט ניט ווייניגער פון צען טויזנט נפשות צוזאמען.

פראגעס.

1. וואָסער אָ פראצענט פון אלע אידן פון גאליציע וואוינט: אין שטעט? אין שטעטלאך? אין דערפער?

2. אויף וויפיל פראצענט איז אויסגעוואקסן פאר די לעצטע דרייסיג יאר: דער שטאטישער טייל פון דער גאליצישער אידישער באפעלקערונג? דער דאר־פישער טייל?

3. ווי גרויס בערך איז געווען דער נאטירליכער צוואקס ביי דער דאר־פישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע פון 1880־טן ביז 1910־טן יאר?

4. און דער פאקטישער צוואקס פאר דער זעלבער צייט?

5. וואוהין איז אהינגעקומען דער פעלנדיגער טייל פון דער אידישער בא־פעלקערונג פון גאליציע?

6. וואסער א פראצענט פון די אידן פון מערב־גאליציע האט געוואוינט אין די שטעט פונם דאזיגן קאנט?

7. וואסער א פראצענט פון די אידן פון מזרח־גאליציע האט געוואוינט אין די שטעט פונם דאזיגן קאַנט?

8. מיט וואס דערקלערט זיך דער העכערער אנטייל פון די מערב־גאליצישע אידן אין דער שטאטישער באפעלקערונג?

9. וואס פאר א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין קראָקע: אין 1787־טן יאר? אין 1831־טן? אין 1869־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

10. וויפיל מאל איז אויסגעוואקסן: די גאנצע באפעלקערונג פון קראקע? די אידישע באפעלקערונג פון קראקע?

11. וואסער א פראצענט מאכן אויס אין קראקע די פאלאקן?

12. ווי איז געווען דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון דער שטאט לעמבערג: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

13. וואסער א פראָצענט מאכן די אידן אויס אין די עלף שטעט פון מערב־גאליציע?

14. וואסער א פראצענט מאכן די פאלאקן אויס אין די דאזיגע שטעט?

15. ווי איז געווען דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון די 19 שטעט פון מזרח־גאליציע: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

16. וויפיל שטעט מיט מער פון צען טויזנט אידן זיינען געווען אין גאליציע?

17. וואס פאר א פראצענט פון אלע גאליצישע אידן האט געוואוינט אין די דאזיגע גרויסע קהלות?

18. וואסער א פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן האט געוואוינט אין דערפער: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

19. וואסער א פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן האט געוואוינט אין טשערנאוויץ: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

20. וואסער א פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס אין טשערנאוויץ?

21. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע ווינער קהלה פאר 41 יאר?

22. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די גאנצע באפעלקערונג פון ווין פאר דער זעלבער צייט?

23. וואסער א פראצענט פון אלע בעהמענער אידן וואוינט אין פראג?

24. וויפיל זיינען פאראן אין עסטרייך קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות?

25. וואסער א פראצענט עסטרייכישע אידן וואוינט אין די דאזיגע גרויסע קהלות?

קאפּיטל 10.

די אידן אין אונגארן.

אונגארן פארמאגט א גאנץ גרויסע און געדיכטע אידישע מאסע, וואס וואוינט אינם דאזיגן לאנד שוין לאנגע הונדערטער יארן. די פאלגנדיגע ציפערן געבן א פארשטעלונג וועגן דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין אונגארן:

אין 1785־טן	75 089	אידן
אין 1805־טן	127 816	„
אין 1850־טן	352 400	„
אין 1869־טן	553 641	„
אין 1900־טן	851 378	„
אין 1910־טן	932 458	„

נעמען מיר אָן די דאטע פון 1785־טן יאר פאר 100, באקומען מיר פאלגנדיגע שורה ציפער, וואס מאלט בולט דעם אינטענסיוון וואוקס פון דעם אונגארישן אידנטום:

1785	100
1805	170
1850	469
1869	738
1900	1134
1910	1241

אין משך פון 125 יאר האט זיך דאס אונגארישע אידנטום פארגרעסערט מער פון צוועלף מאל: פון יעדע הונדערט אידישע נפשות אין 1785־טן יאר איז געווארן ביז 1910־טן יאר — 1241 נפשות. פארשטייט זיך, אז דאס דארף ניט געשטעלט ווערן נאר אויפן חשבון פון דעם נאטירליכן צוואקס — דא האט געווירקט אויך די אימיגראציע פון עסטרייך, דער עיקר פון גאליציע. דאך מוז מען מודה זיין, אז דאס נאטירליכע פארמערן זיך פון די אונגארישע אידן איז געווען זעהר גרויס אין משך פון גאנצן 19־טן יארהונדערט.

די פאלגנדיגע טאבעלע וועט אונז געבן א פארשטעלונג וועגן דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג פאר די לעצטע 41 יאר (1869—1910).

דער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין אונגארן.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג: אבסאלוטע צאל	די אידישע באפעלקערונג: % פון דער גאנצער באַ־פעלקערונג
1869	15 509 455	553 641	3,5
1880	15 739 259	638 314	4,1
1890	17 463 791	730 342	4,2
1900	19 254 559	851 378	4,4
1910	20 886 487	932 458	4,5

פאר אלע 41 יאר איז די גאנצע באפעלקערונג אויסגעוואקסן אויף 34,6 פראצענט, און די אידישע באפעלקערונג אויף 68,4 פראצענט. קומט אויס, אז די אידישע באפעלקערונג פון אונגארן האט זיך פאר דעם גענומענעם פעריאד צייט פארגרעסערט צוויי מאל אינטענסיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג פון דער דאזיגער מלוכה. נעמען מיר באזונדערע צענדליגער יארן, זעהען מיר אויך, אז די אידישע באפעלקערונג האט זיך די גאנצע צייט פארגרעסערט אינטענסיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג.

דער צוּוואקס אין פראצענטן.

יארן	ביי דער גאנצער באפעלקע־רונג	ביי דער אידישער באפעלקע־רונג
1880—1869	1,5	15,3
1890—1880	10,9	13,6
1900—1890	10,2	16,6
1910—1900	8,5	9,5
1910—1869	34,6	68,4

אין די ערשטע עלף יאר — פון 1869־טן ביז 1880־טן — איז דער צו־וואקס בײַ דער אידישער באפעלקערונג געווען צען מאל גרעסער, ווי בײַ דער אלגעמײַנער באפעלקערונג; אין לעצטן צענדליג יאר — 1900—1910 — איז שוין דער אידישער צוּוואקס כמעט גלייך מיט דעם צוּוואקס בײַ דער גאנצער באפעלקערונג. דער דאזיגער פאקט דערקלערט זיך מיטן פאלן פאר די לעצטע יארן פון די געבורטן בײַ דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע ווערט געוויינליך פריהער און אינטענסיווער אנגעקלעפּט פון דעם צוויי־קינדער און איין־קינד־סיסטעם.

אונגארן איז, ווי עסטרייך, א לאנד, וואס האט עטליכע פעלקער און קיין איין פאלק פארמאגט ניט דארט קיין אבסאלוטע מערהייט. אמת, די לאגע פון די מאדיארן אין אונגארן איז אין נאציאנאלן זינען א סך גינציגער, ווי די לאגע פון די דייטשן אין עסטרייך. אויך אין אונגארן ווערט די אידישע שפּראך אפי־ציעל ניט אנערקענט, און דעריבער קאן די צאל פון די אידן אין דער דאזיגער מלוכה באשטימט ווערן נאר אויפן גרונט פון דער רעליגיע.

לאמיר צום ערשטן זעהן דעם נאציאנאלן צוזאמענשטעל פון דער אונגא־רישער מלוכה.

אין 1910־טן יאר זיינען געווען אין אונגארן פאלגנדיגע נאציעס (לויט דער שפּראך):

1. מאדיארן	10 050 575	48,1 %
2. רומענער	2 949 032	14,1 %
3. דייטשן	2 037 435	9,8 %
4. סלאוואקן	1 967 970	9,4 %
5. קראַאַטן	1 833 162	8,8 %
6. סערבן	1 106 471	5,3 %
7. אוקראינער	472 587	2,3 %
8. איבעריגע	469 255	2,2 %
סך הכל	**20 886 487**	**100,0 %**

מיר זעהען, אז די מאדיארן מאכן ניט אויס אפילו קיין העלפט (48,1 פּראַ־צענט) פון דער גאַנצער באפעלקערונג פון דער אונגארישער מלוכה. דאך מאכן זיי אויס א גרעסערן פּראצענט, ווי די דייטשן אין עסטרייך. חוץ דעם, זיינען אין עסטרייך פאראן באלד נאך די דייטשן צוויי פעלקער — די טשעכן און די פאלאקן —, וועלכע פארמאגן א גאנץ גרויסן פראצענט, כמעט א גלייכן

מיט די דייטשן, ווען אין אונגארן פארמאגט די גרעסטע נאציע פון אלע איבעריגע פעלקער — די רומענער — סך־הכל איין זיבעטל פון דער באפעלקערונג (14,1 פראצענט). די צעפּרעקלונג פון העכער האלב פון דער גאנצער באפעלקערונג צווישן א סך קליינע פעלקער איז אין אונגארן א סך גרעסער, ווי אין עסטרייך. און דערמיט דערקלערט זיך, וואס די מאדיארן זיינען אין אונגארן א סך שטארקער, ווי די דייטשן אין עסטרייך.

צווישן די אויבן־אויסגערעכנטע פעלקער איז די אידישע נאציע ניטא. מיט וועמען־זשע גייען די אידן פון אונגארן? וואסערע שפראכן האבן זיי אנערקענט פאר זייערע מוטער־שפראכן און וואסערע פעלקער האבן זיי דערמיט געשטיצט אין דעם נאציאנאלן קאמף, וואס קאכט, ווי אין א קעסל, אין אונגארן שוין א סך צענדלינער יארן.

אויף די דאזיגע אלע פראגן געבן אונז תשובות די פאלגנדיגע ציפער. אין 1900־טן יאר האבן די אונגארישע אידן אנגעגעבן פאלגנדיגע שפראכן פאר זייער מוטער־שפראך:

1. די אונגארישע	598 697	70,3 %	
2. די דייטשע	216 698	25,5 %	
3. די סלאוואקישע	10 541	1,3 %	
4. די אוקראינישע	10 146	1,2 %	
5. די חארוואטישע	7 505	0,8 %	
6. די איבעריגע	7 791	0,9 %	
סך־הכל	851 378	100,0 %	

מער פון זיבעציג פראצענט פון אלע אונגארישע אידן האבן אנגעוויזן אויף דער אונגארישער שפראך, ווי אויף זייער מוטערשפראך; מער פון א פערטל (25,5 פראצענט) פון אלע אונגארישע אידן האבן אנגעגעבן די דייטשע שפראך פאר זייער מוטערשפראך, און סך־הכל 4,2 פראצענט פון אלע אונגארישע אידן האבן אנגעגעבן אלע איבעריגע שפראכן פאר זייערע מוטערשפראכן. פארשטייט זיך, אז ווואלט נאר די אידישע שפראך באקומען פאליטישע רעכט, וואלטן א סך פון די אידישע „אונגארן" און פון די אידישע „דייטשן" געווארן פשוטע אידישע אידן. ווארום אין אונגארן זיינען נאך דא גאנץ גרויסע אידישע מאסן, וועלכע ריידן אידיש, ווי אין גאליציע, און ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז די העכער פון

200 טויזנט אידן, וואס האבן אנגעוויזן אויף דער דייטשער שפראך, ווי אויף זייער מוטערשפראך, ריידן אינם גרעסטן רוב פשוט אידיש און ניט דייטש.

אונגארן ווערט צעטיילט אויף קאמיטאטן. אין פיר קאָמיטאַטן מאכן די אידן אויס מער פון 10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג:

1. אין מאַרמאַראָש	18,1 %
2. " צעכעג	13,9 %
3. " אונגאָטש	12,8 %
4. " אונג	11,0 %

אין די איבעריגע קאמיטאטן מאכן די אידן אויס ווייניגער פון 10 פראצענט.

אין דער הויפט־שטאט — אין בודאפעשט — האט געלעבט אין 1910־טן יאר 21,8 פראצענט פון אלע אונגארישע אידן. די אנטוויקלונג פון דער בודא־פעשטער אידישער קהלה איז גאנץ אינטערעסאנט. אין 1787־טן יאר איז געווען אין בודאפעשט סך־הכל 114 אידן; אין 1833־טן יאר האבן געלעבט אין בודאפעשט 1346 אידישע משפחות, בערך 6730 נפשות. אין 1849־טן יאר איז שוין געווען אין בודאפעשט 19148 אידן. די פאלגנדיגע שורה ציפערן וועט אונז ווייזן דעם וויטערדיגן וואוקס פון דער אידישער קהלה אין בודאפעשט און דעם פראצענט פון די בודאפעשטער אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג:

יאר	די אבסאלוטע צאל אידן אין בודאפעשט	% פון אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג
1869	44890	16,6
1890	102377	21,0
1900	166198	23,6
1910	203687	21,3

נעמען מיר אן די דאטע פון 1787־טן יאר פאר 100, באקומען מיר פאלגנדיג בילד פונם וואוקס פון דער אידישער בודאפעשטער קהלה:

1787	100
1849	16800
1869	39377
1890	89892

1900	145 787
1910	178 673

דער וואוקס פון דער בודאפעשטער קהלה איז א קאָלאָסאלער — פאר 123 יאר האט זיך די קהלה פארגרעסערט 1786 מאל. לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די בודאפעשטער אידן אויסגעמאכט אין 1869־טן יאר 16,6 פראצענט, ד. ה., אז זיי האבן געהאט אקוראט א זעקסטל פון דער גאנצער בודאפעשטער באפעלקערונג; אין 1900־טן יאר האבן אידן שוין אויס־געמאכט 23,6 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, ד. ה., אז זיי האבן שוין געהאט כמעט א גאנץ פערטל פון דער בודאפעשטער באפעלקערונג. פאר די לעצטע צען יאר אבער — פון 1900 ביז 1910־טן — איז דער פראצענט פון די אידן געפאלן ביז 21,3. דא חזרט זיך איבער די ערשיינונג, וואס מיר האבן קאנסטאטירט בנוגע צו ווין, און וועלכע מיר האבן דארטן אביסל דערקלערט.

בכלל געפינט זיך אין גרויסע שטעט א דריטל פון אלע אונגארישע אידן, און ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג נאר 8 פראצענט. צווישן די גרעסערע אידישע קהלות רעכענען זיך: גראָסוואַרדען — 12111 — 25,8 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג; פרעסבורג — 6808 — 11,0 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג; דעברעצין — 6078 — 8,4 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג א. א. וו.

די געבראכטע נאר וואס דאטן געהערן צום 1900־טן יאר. פאר דער פאר־גאנגענער צייט זיינען די דאזיגע קהלות געווים שטארק אויסגעוואקסן, און מיר וועלן זיין נאהענט צום אמת, ווען מיר וועלן אנגעמען, אז אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות לעבן בערך 35—40 פראצענט פון אלע אונ־גארישע אידן.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין אונגארן: אין 1785־טן יאר? אין 1800־טן יאר? אין 1910־טן יאר?

2. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט דאס אונגארישע אידנטום אין משך פון 19־טן יארהונדערט?

3. וואסערע סבות האבן געבראכט די פארגרעסערונג פון די אונגארישע אידן?

4. וואסער א פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט אין אונגארן: אין 1869־טן יאר? אין 1910־טן?

5. אויף וויפיל פראצענט האט זיך פארגרעסערט פאר דער צייט פון 1869־טן ביז 1910־טן יאר: די גאנצע באפעלקערונג? די אידישע באפעלקערונג?

6. פון וויפיל נאציעס באשטייט די באפעלקערונג פון דער אונגארישער מלוכה לויט דער שפראך?

7. וואסער א פראצענט מאכן אויס אין אונגארן: די מאדיארן? די דייטשן? די רומענער? די איבעריגע קליינע פעלקער?

8. וואסערע שפראכן האבן די אידן אנגענומען פאר זייערע מוטער־שפראכן?

9. וואסער א פראצענט אידן האט אנגענומען פאר זיין מוטער־שפראך: די אונגארישע שפראך? די דייטשע?

10. וואסער א חלק פון אלע אונגארישע אידן האט געוואוינט אין בודא־פעשט אין 1910־טן יאר?

11. וויפיל אידן זיינען געווען אין בודאפעשט: אין סוף פון 18־טן יאר־הונדערט? אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט? אין אנהייב פון 20־טן יאר־הונדערט?

12. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די בודאפעשטער אידישע קהלה פון סוף פון 18־טן יארהונדערט?

13. וואסער א פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג אין בודאפעשט האבן אידן אויסגעמאכט: אין 1869־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

14. וואסער א חלק אונגארישע אידן וואוינט אין גרויסע שטעט?

15. וואסער א טייל אונגארישע אידן וואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות?

קאפיטל 11.

די אידן אין דייטשלאנד.

לויט דער אבסאלוטער צאל אידן פארנעמט דייטשלאנד דאס פערטע ארט אין אייראפע און דאס פינפטע ארט אין דער וועלט. די פאלגנדיגע טאבעלע גיט אונז א פארשטעלונג וועגן דעם וואוקס, ווי פון דער גאנצער, אזוי אויך פון דער אידישער באפעלקערונג אין דייטשלאנד פאר א פעריאד פון 40 יאר — פון 1871־טן ביז 1910־טן —, ביז דער לעצטער פאלקס־ציילונג, וואס איז פאר־געקומען דארטן.

טאבעלע XXXVII

דער וואוקס פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין דייטשלאנד.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג: אבסאלוטע צאל	די אידישע באפעלקערונג: % פון דער גאנצער באפ.
1871	41 062 792	512 153	1,25
1880	45 236 061	561 612	1,24
1890	49 428 470	567 884	1,15
1900	56 367 178	586 833	1,04
1910	64 925 993	615 021	0,95

די אידן אין דייטשלאנד, ווי מיר זעהען, מאכן אויס נאר א קליינעם פרא־צענט — אין 1910־טן יאר אפילו ווייניגער פון איין פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג — פיר מאל אומגעפער ווייניגער, ווי אין אלע מלוכות, וואס מיר האבן ביז אהער באטראכט. אי דאס ווערט דער פראצענט אידן אין דייטשלאנד אלע מאל קלענער און קלענער. אין 1871־טן יאר האט דער פראצענט אידן געגרייכט 1,25 און שפעטער מיט 40 יאר נאר 0,95 פראצענט.

די ארומיגע באפעלקערונג אין דייטשלאנד וואקסט א סך אינטענסיווער, ווי די אידישע באפעלקערונג. דאס זעהען מיר פון די פאלגנדיגע ציפערן.

Creșterea pop.

דער צוזואקס ביי דער גאנצער און ביי דער אידישער באפעלקערונג.

יארן	אין פראצענטן: די גאנצע באפעלקערונג	אין פראצענטן: די אידישע באפעלקערונג
1880 —1871	10,16	9,65
1890—1881	9,27	1,12
1900—1891	14,04	3,33
1910—1901	15,18	4,80

quasi-egalitate de proporție

Disproporție defavorabilă

אין די ערשטע צען יאר איז דער צוזואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג געווען כמעט גלייך, ווי ביי דער גאנצער באפעלקערונג. פון 1881־טן ביזן 1890־טן יאר איז דער צוזואקס ביי די דייטשע אידן געווען גאר א נידעריגער, סך־הכל 1,12, אכט מאל וויייניגער, ווי ביי דער ארומיגער באפעלקערונג. דאס דערקלערט זיך אין דער ערשטער רייהע מיטן שטארקן פאלן פון די געבורטן ביי די דייטשע אידן. אין די דאזיגע צען יאר איז אויך געווען אן אויסוואנדערונג פון די דייטשע אידן קיין אמעריקע, וואס ס'האט נאך מער פארקלענערט דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג. אין א געוויסער מאס האבן אויך מיטגעווירקט צו דעם פאלן פונם וואוקס פונם דייטשן אידנטום די שמדן און געמישטע חתונות, וואס ווערן פון דעמאלט אן א שטענדיגע ערשיינונג. אין די 90־ער יארן און אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט פארבעסערט זיך אביסל די לאגע, און דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג דערגרייכט 3,33 פראצענט (1891—1900) און 4,80 (1901—1910). דער דאזיגער פאקט דערקלערט זיך דערמיט, וואס אין די לעצטע 20 יאר זיינען קיין דייטשלאנד געקומען פארהעלטניסמעסיג א סך אידן פון רוסלאנד און פון עסטרייך. די דאזיגע אנגעקומענע אידן האבן מיט זיך מיטגעבראכט די טבע פון ניט מורא האבן פאר קינדער — און זיי ווירקן אויף אזא אופן אויך אויף דעם נאטירליכן צוזואקס ביי די אידן אין דייטשלאנד. נאר אפילו אין די לעצטע פאר צענדליג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט דריי־פיר מאל וויייניגער, ווי די גאנצע באפעלקערונג.

דייטשלאנד באשטייט פון באזונדערע מלוכות. לאמיר נאר זעהן, אין וואסערע מלוכות געפינען זיך די דייטשע אידן.

די דייטשע אידן אין באזונדערע מלוכות אין 1910-טן יאר.

מלוכה	אבסאלוטע צאל אידן	% פון דער גאנצער באַ־פעלקערונג	% פון אלע אידן פון דייטשלאנד
פרייסן	425 926	1,04	69,25
בייערן	55 065	0,80	8,99
עלזאס־לאטארינגען	30 483	1,63	4,96
באַדן	25 896	1,21	4,21
העסן	24 063	1,88	3,91
האמבורג	19 472	1,91	3,17
זאקסן	17 587	0,37	2,86
װירטעמבערג	11 982	0,49	1,78
אין אלע איבעריגע מלוכות	4 547	0,10	0,87
סך־הכל	**615 021**	**0,95**	**100,0**

אין פרייסן אליין װאוינט ביז זיבעציג (69,25) פראצענט פון אלע דייטשע אידן. אין בייערן — 8,99 פראצענט; אין עלזאס־לאטארינגען 4,96 פראצענט א. א. װ. א. א. װ. לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס דעם גרעסטן פראצענט אין האמבורג — 1,91 און דעם קלענסטן אין זאקסן — 0,37, ניט רעכענענדיג די קלײניטשקע מלוכה'לאך, װאס פארמאגן אלע אינאײנעם א קליין גרופקעלע אידן פון 4547 נפשות (0,10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג).

אז די דייטשע אידן, װאס פארמאגן זעהר א גרױסן פראצענט פארשטײער פון די מאדערנסטע בורזשואזע קלאסן, האבן א נטיה צו קאנצענטרירן זיך אין גרויסע שטעט, איז אזוי נאטירליך און פארשטענדליך, אז מען פארשפארט כמעט דאס באװײזן.

פון יעדע הונדערט נפשות פון דייטשלאנד האבן געװאוינט אין גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 טויזנט איינװאוינער):

בײַ דער נאַנצער באַפעלקערונג	בײַ אידן	יאָר
15,90	42,72	1900
18.96	48,45	1905

אין 1905־טן יאָר איז כמעט א העלפט (48,45) פון אלע דײַטשע אידן געווען קאָנצענטרירט אין גאָר גרויסע שטעט, ווען בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אין אַזעלכע שטעט נאָך ווייניגער פון ‏א פינפטל (18,96).

אין דער איינער שטאָט בערלין האָט זיך געפינען אין 1905־טן יאָר א זעקסטל (16,26 פּראָצענט) פון אלע דײַטשע אידן, ווען פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז געווען דעמאָלט אין בערלין סך־הכל 3,36 פּראָצענט, כמעט פינף מאָל ווייניגער. נעמען מיר גרויס־בערלין (מיט די פאָרשטעט), באַקומען מיר, אַז אין גרויס־בערלין האָט געלעבט אין 1900־טן יאָר — 18,4 פּראָצענט פון אלע דײַטשע אידן און אין 1910־טן יאָר שוין 23,4 פּראָצענט, כמעט א פערטל פון אלע דײַטשע אידן.

טײַלן מיר די אידישע קהלות פון דײַטשלאַנד אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס לויט דער אַבסאָלוטער צאָל אידן, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדיגע אינטערעסאַנטע טאַבעלע.

טאַבעלע XXXIX

די דײַטשע אידן אין פאַרשיידענע טיפּן קהלות (1900).

% פון אלע אידן אין דײַטשלאַנד	די צאָל אידן אין זײ	די צאָל קהלות	קהלות
37,88	222 275	3331	ביז 500 אידן
7,58	44 474	65	פון 500 ביז 1000 אידן
15,33	89 957	44	פון 1000 ביז 5000 אידן
8,82	51 778	7	פון 5000 ביז 10 000 אידן
25,88	151 872	4	מער פון 10 טויזנט אידן
4,51	26 477	—	נימאַ קיין ידיעות
100,0	**586 833**	**3451**	סך־הכל

די דאזיגע ידיעות געהערן צום 1900־טן יאר; די קאנצענטראציע פון די דייטשע אידן פאר דער לעצטער צייט האט געוויס אריינגעטראגן ערנסטע שנוים אין די דאזיגע דאַטן. פונדעסטוועגן שטעלט פאר די געבראכטע טאבעלע א גרויסן אינטערעס. מיר זעהען, אז אין 4 קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן האט געוואוינט שוין דעמאלט מער פון א פערטל פון אלע דייטשע אידן — 25,88 פראצענט. ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז ביי היינטיגן מאמענט וואוינט אין די דאזיגע גרעסטע דייטש־אידישע קהלות מער פון א דריטל פון אלע דייטשע אידן. אט זיינען ציפערן, וואס געבן אונז דעם צושטאנד בנוגע צו דער אנגערירטער פראגע אין 1905־טן יאר.

אין 1905־טן יאר זיינען געווען אין דייטשלאנד:

קהלות מיט אידן	די צאל קהלות	די אבסא־לוטע צאל אידן	% פון אלע אידן אין דייטשלאנד
פון 1000 ביז 5000	41	87 276	14,36
פון 5000 ביז 10 000	6	38 356	6,31
מער פון 10 טויזנט	7	198 845	32,71
סך־הכל קהלות מיט מער פון 1000 אידן	**54**	**324 477**	**53,38**

אין 1900־טן יאר זיינען געווען אין גאנץ דייטשלאנד קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן נאר 4 מיט 25,88 פראצענט פון אלע אידן און שפעטער, סך־הכל מיט פינף יאר, שוין 7 קהלות מיט 32,71 פראצענט פון אלע אידן אין דייטשלאנד. און דערמיט דערקלערט זיך, וואס די צאל פון די קהלות פון 1000 ביז 10 טויזנט האט זיך פארקלענערט פון 51 אויף 47. דריי פון די דאזיגע קהלות זיינען אויסגעוואקסן און זיינען אריבער אין דער קאטעגאריע פון קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן, און איינע האט זיך פארקלענערט און איז אראפ צו דער קאטעגאריע קהלות מיט וויינגער פון 1000 אידן. די קהלות פון 1000 ביז 10 טויזנט אידן האבן פאר די פינף יאר אנגעווארן 16 103 נפשות, ווען אין די גאר גרויסע קהלות — מיט מער פון צען טויזנט אידן — איז צוגעקומען 46 173. קומט אויס, אז דער עיקר זיינען די גאר גרויסע קהלות געוואקסן אויפן חשבון פון די קלייניטשקע קהלה'לאך מיט וויינגער פון 1000 אידן אין יעדער. אט פון דארטן נייט די עמיגראציע אין די גרעסערע שטעט, און די

דייטשע אידן ווערן ניט נאר גרויס־שטאטישע, נאר אויך גרויס־קהלה׳שע; דער פראצעס איז א צווייענדיגער — די קאנצענטראציע שאפט קאמפאקטע געדיכט־באזעצטע גרויסע אידישע קהלות אין די גרויסע שטעט.

פון גאנץ דייטשלאנד לאמיר איבערגיין צו באזונדערע מלוכות. פרייסן פארמאגט, ווי מיר האבן געזעהן, ביז 70 פראצענט פון אלע דייטשע אידן, און פון פרייסן וועלן מיר דעריבער אנהויבן.

אין פרייסן זיינען געווען אין 1816־טן יאר 123 938 אידן, וועלכע האבן פארנעשטעלט לגבי דער גאנצער דעמאלטיגער פרייסישער באפעלקערונג — 1,19 פראצענט; אין 1840־טן יאר איז געווען אין פרייסן — 194 558 אידן און זיי האבן אויסגעמאכט 1,33 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. דער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג אין פרייסן איז געווארן העכער פאר דער דאזיגער צייט, דאס הייסט, אז דעמאלט איז די אידישע באפעלקערונג געוואקסן אינטענסיווער, ווי די ארומיגע באפעלקערונג. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס ביי די דעמאלטיגע פרייסישע אידן איז געווען דער גאמיר־ליכער צוואקס א העכערער, ווי ביי דער איבעריגער באפעלקערונג, ווייל ביי די אידן איז די שטארבליכקייט געווען א נידעריגע. אין 1880־טן יאר איז גע־ווען אין פרייסן — 363 790 אידן און זיי האבן אויסגעמאכט, ווי אין 1840־טן יאר — 1,33 פראצענט פון דער ארומיגער באפעלקערונג. פון דעם דאזיגן יאר אן הויבט אן דער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג פאלן אהן אן אויפהער. אין פרייסן זיינען געווען אידן:

1. אין 1880־טן 363 790 1,33 %
2. אין 1895־טן 379 716 1,19 %
3. אין 1910־טן 415 867 1,04 %

מיר זעהען, אז אין 1895־טן יאר האט דער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג אין פרייסן זיך אומגעקערט צום צושטאנד פון 1817־טן יאר און אין 1910־טן יאר איז ער שוין אראפגעפאלן נאך נידעריגער — ביז 1,04 פרא־צענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. און דערצו דארף מען געדיינקען, אז גראָד פאר די לעצטע פופצען־צוואנציג יאר איז געווען א באדייטנדיגע צוואנדערונג קיין פרייסן פון רוסישע און עסטרייכישע אידן. פארוואס שטייט אזוי אפ דער צוואקס פון די פרייסישע אידן? די הויפט־סבה באשטייט אינם שרעקליך

אינטענסיוון פאלן פון די צאל געבורטן ביי די פרייסישע אידן, ווי מיר וועלן זעהן אין צווייטן טייל פון אונזער בוך.

פרייסן באשטייט פון פראווינצן, וועלכע קאנען געטיילט ווערן, הן לויט דער עקאנאמישער אנטוויקלונג און הן לויט דעם נאציאנאלן צוזאמענשטעל, אין צוויי גאנץ באזונדערע חלקים. איין טייל פראווינצן, וואס באשטייט פון א געמישטער באפעלקערונג — דער עיקר פון דייטשן און פאלאקן —, געפינט זיך נאך אויף א נידעריגער מדרגה פון אינדוסטריע־אנטוויקלונג און קאן פאר־רעכנט ווערן פארן אגראַרן טייל פון פרייסן. פארקערט, די צווייטע גרופע פרא־ווינצן, וואס פארמאגט כמעט אויסשליסליך א דייטשע באפעלקערונג, שטייט אויף א הויכער מדרגה פון עקאנאמישער אנטוויקלונג און קאן פאררעכנט ווערן פארן אינדוסטריעלן טייל פון פרייסן. און אויב אין דער צווייטער גרופע פרא־ווינצן, אין די אינדוסטריעל־אנטוויקלטע, וואקסט די אידישע באפעלקערונג, הגם אין א קלענערער מאס פון דער ארומיגער באפעלקערונג, איז אין דער ערשטער גרופע פראווינצן פארקלענערט זיך אפילו די א ב ס א ל ו ט ע צאל אידן. בריינגען מיר די ציפערן פון די פראווינצן, וואו די אידישע באפעלקערונג פארקלענערט זיך.

טאבעלע XL

די פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין איינגע פרא־ווינצן פון פרייסן.

פראווינצן	אבסאלוטע צאל אידן		די פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג פון 1880 ביז 1910
	88	1910	
מזרח־פרייסן	18 218	13 027	5 191
מערב־פרייסן	26 547	13 954	12 593
פאמערן	13 886	8 862	5 024
פויזן	56 609	26 512	30 097
שלעזיען	52 682	44 985	7 697
סך־הכל	167 942	107340	60 602

פאר דרייסיג יאר האבן די דאזיגע פינף פראווינצן פארלארן מער פון זעכציג טויזנט אידן, חוץ דעם נאטירליכן צוואקס, ד. ה. אז זיי האבן פאר־

לארן מער פון א דריטל (36,1 פראצענט) פון דער צאל אידן, וואס איז געווען אין 1880־טן יאר, און צו דעם דארף מען נאך צוגעבן דעם מותר פון די געבוירענע איבער די געשטארבענע פאר די פארגאנגענע דרייסיג יאר. די פראצענטועלע פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין באזונדערע פראווינצן פאר די געזאגטע דרייסיג יאר וועט זיין פאלגנדיגע:

.1	מזרח־פרייסן	28,90
.2	מערב־פרייסן	47,43
.3	פאמערן	36,17
.4	פויזן	53,16
.5	שלעזיען	14,61

פויזן האט פארלוירן פאר דרייסיג יאר מער פון א העלפט פון אירע אידן — 53,16 פראצענט; מערב־פרייסן האט אנגעווארן פאר דרייסיג יאר אויך כמעט א העלפט פון אירע אידן — 47,43 פראצענט; פאמערן — מער פון א דריטל — 36,17 פראצענט; מזרח־פרייסן — מער פון א פערטל פון אלע אידן פונם דאזיגן קאנט — 28,90; און נאר שלעזיען האט אנגעווארן ניט זעהר קיין גרויסן פראצענט פון אירע אידן, נאר דאך אויך א זיבעטל.

אין גאנץ פרייסן איז צוגעקומען פאר די דערמאנטע דרייסיג יאר 52,077 אידן, אדער 14,3 פראצענט. אזוי ווי אין פינף פראווינצן, ווי מיר האבן געזעהן העכער, איז די צאל אידן געווארן קלענער אויף 60,602 נפשות, קומט אויס, אז אין אלע איבעריגע פראווינצן איז דער צוואקס געווען: 52 077 + 60 602 = 112 679. אין וואסערע־זשע פראווינצן פון פרייסן האבן זיך דער־עיקר קאנצענטרירט די דאזיגע מער פון 112 טויזנט אידן? פון אכט פראווינצן, וואס האבן געהאט א צוואקס פון 112 679 אידן פאר דרייסיג יאר — פון 1880 ביז 1910 — האבן צוויי פראווינצן — די שטאט בערלין און די פראווינץ בראנדענבורג, וועלכע באשטייט פאקטיש פון די פארשטעט פון בערלין, — באקומען 85 052 אידן אדער מער פון 75 פראצענט פונם גאנצן צוואקס פון אלע אכט פראווינצן.

מיר האבן העכער געזאגט, אז אין די פראווינצן, וואו די צאל אידן פארקלענערט זיך, איז די באפעלקערונג א געמישטע. מיר ווילן ברענגען איניגע דאטן, וועלכע וועלן באלייכטן די דאזיגע פראגע.

אין פויזן איז די באפעלקערונג באשטאנען פון פאלגנדיגע נאציעס (1910):

1. פאלאקן	1 290 723	61,48 %
2. דייטשן	780 276	37,16 %
3. אידן	26 466	1,26 %
4. אנדערע פעלקער	2 366	0,10 %
סך־הכל	**2 099 831**	**100,0**

אינטערעסאנט איז, וואס פון 26 466 אידן האבן נאר 22 אנגעגעבן פויליש פאר זייער מוטער־שפּראך; אלע־ושע איבעריגע 26 444 אידן האבן אנגעגעבן די דייטשע שפראך פאר זייער מוטער־עפּראך און האבן דערמיט געהויבן דעם פּראצענט פון די דייטשן אין דער פּאזנער פּראווינץ. פארשטייט זיך, אז בנוגע צום גאנצן קאַנט קאן די קליינע צאל אידן ניט געבן דער דייטשער מינדערהייט קיין גרויסע שטיצע. ס'זיינען אבער פאראן שטעט אין דער פּאזנער פּראווינץ, וואו אידן מאכן אויס מער פון צען פּראצענט און אזא באדייטנדיגע צאל שפּילט שוין א ראלע אינם קאמף, וואס קומט דארט פאר צווישן די דייטשן און פּאלאקן.

די פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין פּויזן, אין דער פּאזנער אמאלינער פּוילישער פּראווינץ, וואו די אידן האבן לאנגע יארן געשפּילט א באדייטנדיגע ראלע און וואו זיי האבן פארמאגט גאנץ גרויסע אידישע קהלות, שטעלט פאר מיט זיך אזא אינטערעסאנטע ערשיינונג, אז ס'לוינט זיך אביסל געגויער אויף איר פארהאלטן.

טאבעלע XLI

די אידן אין פּויזן אין 19־טן יארהונדערט.

יאר	אבסאלוטע צאל אידן	דער פּראצענט אידן לגבי דער גאנצער באַ־פעלקערונג	1849=100
1819	55 771	—	—
1849	76 757	5,70	—
1861	74 272	5,10	96,7
1871	61 982	3,90	80,7
1880	56 609	3,30	73,7
1890	44 346	2,50	57,7
1900	35 327	1,90	46,0
1910	26 512	1,26	34,5

אין די ערשטע דרייסיג יאר — פון 1819 ביז 1849־טן יאר — איז די אידישע באפעלקערונג פון פויזן פארגרעסערט געווארן אויף מער פון 20 טויזנט אידן, אויף 37,9 פראצענט. פון דעמאלט אן הויבט זיך אן די אומאויפהערליכע פארקלענערונג פון דער אידישער באפעלקערונג, וואס מען זעהט בולט פון דער לעצטער שורה פון דער טאבעלע. נעמען מיר די צאל אידן פון 1849־טן יאר פאר 100, קומט אויס, אז אין 1910־טן יאר איז פון די דאזיגע הונדערט גע־ווארן סך־הכל 34,5. די פארקלענערונג פאר 60 יאר דערגרייכט 65,5 פרא־צענט, צוויי דריטל. בנוגע צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין פויזן: אין 1849־טן יאר — 5,70 פראצענט און אין 1910־טן יאר שוין נאר 1,26, כמעט פינף מאל וויניגער.

ביז די זיבציגער יארן האט אויסגעוואנדערט פון פויזן דער אידישער ארימער בעל־מלאכה, וועלכער האט אפגעטראטן זיין ארט דעם פוילישן בעל־מלאכה; שפעטער איז אבער געקומען אויך די רייהע פאר די אידישע בורזשואזע קלאסן און פון די 70־ער יארן אן ווערן ארויסגעשטויסן פון פויזן אפילו די אידן, וואס האבן עקאנאמיש זיך דערשלאגן א גאנץ הויכע מדרגה. די סבות, וועלכע האבן געבראכט דערצו, אז די אידן האבן געמוזט פארלאזן פויזן, זיינען בערך דיזעלבע, וואס אין בעהמען און אין מערן. וואס מער די פוילישע באפעלקערונג האט זיך באזעצט אין די שטעט און האט זיך אנגעהויבן פארנעמען מיט שטאטישע פראפעסיעס, וואס מער ס'זיינען אויסגעוואקסן די בירגערליכע קלאסן ביי דער ארומיגער באפעלקערונג, וואס פארביטערטער ס'איז געווארן דער נאציאנאלער קאמף צווישן די פאלאקן און די דייטשן און וואס מער דער דאזיגער קאמף האט באאיינפלוסט דאס עקאנאמישע לעבן, — אלץ וויניגער ארט איז געבליבן פאר דער אידישער פארמיטלעריי און פאר דער אידישער האנטווערקעריי, אלץ מער האט דער צווישן־עלעמענט געמוזט ארויסגעשטויסן ווערן.

ערשט צוריק מיט 70 יאר האבן די אידן געשפילט נאר א באדייטנדיגע ראלע אין די שטעט פון דער פראווינץ פויזן — זיי האבן אבער געמוזט אפטרעטן דאס ארט די פאלאקן. ווי ס'איז געפאלן די צאל פון די אידן אין די שטעט, זעהט מען פון ציפערן, ז. 129.

מיר זעהען, אז אין 1840־טן יאר זיינען נאך געווען 26 שטעט, וואו די אידן האבן אויסגעמאכט מער פון 20 פראצענט פון דער גאנצער באפעל־קערונג און אין 1905־טן איז שוין נים געווען קיין איין שטאט אזעלכע אין גאנץ פויזן. אין 1840־טן יאר זיינען נאך געווען אפילו צוויי שטעט, וואו אידן

דער פראצענט פון די אידן אין שטעט מיט מער פון 2000 איינוואוינער:

דער פראצענט	די צאל שטעט 1840	די צאל שטעט 1905
מער פון 50 % אידן	2	—
פון 30 ביז 50 % „	14	—
פון 20 ביז 30 % „	10	—
סך־הכל שטעט מיט מער פון 20 % אידן	26	—
„ „ פון 10 % ביז 20 % „	29	7

האבן אויסגעמאכט מער פון 50 פראצענט — אן אבסאלוטע מערהייט, און 14 שטעט, וואו אידן האבן אויסגעמאכט פון 30 ביז 50 פראצענט. אין די דאזיגע אלע שטעט מאכן די אידן איצט אויס א נישטיגע מינדערהייט, וועלכע האלט אין איין פאלן. און אין די איינעגע שטעט, וואו די צאל אידן האט זיך אבסאלוט פארקלענערט, האט זיך די צאל פאלאקן עטליכע מאל פארגרעסערט. אין 1840־טן יאר האבן נאר איינציגע שטעט אין פויזן געהאט א פוילישע מערהייט און אין 1910־טן יאר האט שוין כמעט דאס רוב פויזנער שטעט געהאט א פוילישע מערהייט. די פאלאקן פירן מיט ערפאלג דעם קאמף נים נאר מיט די אידן, נאר אויך מיט די דייטשן, הגם די לעצטע גובר צו זיין איז, פארשטייט זיך, אביסל שווערער, ווי די אידן. דאך מוז מען מודה זיין, אז דער פוילישער עלעמענט אין די פויזנער שטעט וואקסט אויפן חשבון פונם דייטשן. אין די 129 פויזנער שטעט איז די באפעלקערונג באשטאנען:

יאר	דייטשן אבסאלוטע צאל	דייטשן פראצענט	פאלאקן אבסאלוטע צאל	פאלאקן פראצענט
1890	300 600	55,4	240 300	44,5
1910	369 556	51,0	351 385	48,6

מיר זעהען, אז דער פראצענט דייטשן איז געווארן קלענער — פון 55,4 פראצענט ביז 51,0. פארקערט, דער פראצענט פאלאקן האט זיך פארגרעסערט

פאר די 20 יאר פון 44,5 ביז 48,6 פראצענט. ביי די דייטשן איז צוגעקומען אין די שטעט פאר 20 יאר 68 956 נפשות אדער 22,8 פראצענט און ביי די פאלאקן 111 085 נפשות אדער 46,2 פראצענט; דער צוואקס איז ביי די פאלאקן געווען צוויי מאל שטארקער, ווי ביי די דייטשן.

דערמאנען מיר זיך נאך, אז די אידן אין פויזן זיינען צוגערעכנט צו די דייטשן און אז די גרעסטע מערהייט אידן וואוינט אין די שטעט, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אז פאקטיש האבן די פאלאקן אין 1910־טן יאר שוין געהאט אן אבסאלוטע מערהייט אין די שטעט.

לאמיר איצט איבערגיין צו דער קאנצענטראציע פון די פרייסישע אידן אין גרויסע שטעט און אין גרויסע קהלות.

אין 1817־טן יאר האבן געוואוינט אין דערפער 19,8 פראצענט פון אלע פרייסישע אידן און אין 1910־טן יאר 13 פראצענט. ביי דער גאנצער באפעל־קערונג האט אין 1817־טן יאר געוואוינט אין דערפער 75 פראצענט פון אלע איינוואוינער און אין 1910־טן יאר מער פון 52 פראצענט.

די קאנצענטראציע פון די אידן אין גרויסע שטעט ווערט ערשט קלאר, ווען מיר טיילן אלע וואוין־ערטער אין עטליכע קאטעגאריעס לויט דער אבסאלוטער צאל איינוואוינער און מיר פארגלייכן די אידישע מיט דער אלגעמיינער באַ־פעלקערונג.

טאבעלע XLII

די פרייסישע אלגעמיינע און אידישע באפעלקערונג אין פארשיידענע טיפן מקומות (1910).

מקומות	פון 100 נפשות פון דער גאנצער באפעלקערונג	פון 100 נפשות פון דער אידישער באפעלקערונג
מיט מער פון 100 טויז. איינוו.	22,44	59,49
פון 50 ביז 100 טויז. „	5,72	3,98
פון 20 ביז 50 טויז. „	8,96	8,15
ווייניגער פון 20 טויז. „	62,88	28,38
סך־הכל	100,0	100,0

Concentrarea lor în orașe mari

נעמען מיר די גאר גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער), זעהען מיר, אז אין אזעלכע מקומות וואוינען כמעט דריי פינפטל (59,49) פון אלע פרייסישע אידן און נאר 22,44 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. נעמען מיר די קליינע פונקטן (מיט ווייניגער פון 20 טויזנט איינוואוינער), זעהען מיר פארקערט, אז ביי דער גאנצער באפעלקערונג וואוינען אין אזעלכע קליינע מקומות מער פון דריי פינפטל (62,88) און ביי אידן נאר 28,38 פראצענט.

די קאנצענטראציע פון די פרייסישע אידן אין גרויסע מקומות איז געגאנגען באזונדער אינטענסיוו די לעצטע צענדליגער יארן. פון הונדערט פרייסישע אידן האבן געלעבט אין

מקומות	1885	1910
מיט מער פון 100 טויז. איינוו.	32,67	59,49
פון 20 ביז 100 טויז. „	13,50	12,13
ווייניגער פון 20 טויז. „	53,83	28,38
סך־הכל	100,0	100,0

Tendința de concentrare spre orașe mari

אין 1885־טן יאר האט געלעבט אין גאר גרויסע שטעט ניט ווייניגער פון א דריטל פון אלע פרייסישע אידן און אין 1910־טן יאר — דריי פינפטל. אין קליינע מקומות האט געוואוינט אין 1885־טן יאר מער פון א העלפט (53,83) פון אלע פרייסישע אידן און אין 1910־טן נאר 28,38 פראצענט.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס אפילו אין די שטעט גאר ניט קיין גרויסן פראצענט. אין איינינע קליינע שטעט, וואו ס'זיינען פאראן ניט קיין גרויסע קהלות, מאכן די אידן אויס מער פון 10 פראצענט. נעמען מיר אידישע קהלות מיט מער פון טויזנט אידישע נפשות, וועלן מיר גע־פינען, אז אין 1910־טן יאר זיינען געווען פינף שטעט, וואו די אידן האבן אויס־געמאכט פון 5 ביז 10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג; אין צען שטעט האבן די אידן אויסגעמאכט פון 2 ביז 5 פראצענט, און אין אלע איבעריגע שטעט ווייניגער פון צוויי פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

אינטערעסאנט איז די קאנצענטראציע פון די אידן אין גרעסערע קהלות. די טאבעלע XLIII גיט אונז זעהר אינטערעסאנטן מאטעריאל וועגן דער

דאזיגער פראגע, באלייכטנדיג די אנטוויקלונג פון די אידישע קהלות אין פרייסן פאר א גאנצן יארהונדערט כמעט (פון 1817 ביז 1910). פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, ראשית, אז אין 1817־טן יאר איז ניט געווען אין פרייסן קיין איין קהלה מיט מער פון 5 טויזנט אידן, שוין אפגערעדט פון קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות. אין 1910־טן יאר האבן געוואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן קרוב צו א העלפט (44,0) פון אלע פרייסישע אידן און אין קהלות מיט מער פון 5 טויזנט אידן טאקי כמעט א גאנצע העלפט — 48,9 פראצענט. די מערהייט פון די פרייסישע אידן — גאנצע 59,8 פראצענט — האבן אין 1817־טן יאר געוואוינט אין קהלות מיט ווייניגער פון 500 אידישע נפשות; אין 1910־טן יאר האבן אין אזעלכע קליינינקע קהלות שוין געוואוינט סך־הכל — 31,2 פראצענט. גרויסע קהלות אין 1817־טן יאר האבן געקאנט הייסן די, וואס האבן פארמאגט דעמאלט פון דריי ביז פינף טויזנט אידן — און אין אזעלכע גרויסע קהלות, לויט דעם דעמאלטינגן מאסשטאב, האבן געוואוינט 11,9 פראצענט פון אלע פרייסישע אידן.

טאבעלע XLIII

די פרייסישע אידן אין פארשיידענע טיפן קהלות.

קהלות	1817 די צאל קהלות	1817 אבסאלוטע צאל אידן	1817 % פון אלע אידן אין פרייסן	1910 די צאל קהלות	1910 אבסאלוטע צאל אידן	1910 % פון אלע אידן אין פרייסן
מיט מער פון 10 טויזנט אידן	—	—	—	6	182 672	44,0
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	—	—	—	3	20 498	4,9
פון 3 ביז 5 טויזנט אידן	4	15 677	11,9	2	8 548	2,0
פון 1 ביז 3 טויזנט אידן	17	23 378	17,7	23	44 276	10,7
פון 500 ביז 1000 אידן	21	14 091	10,6	43	30 303	7,2
סך־הכל	42	53 146	40,2	77	286 297	68,8

לאמיר זיך נאך אביסל אפשטעלן אויף דער אנטוויקלונג פון א פאר פון די גרעסטע אידישע קהלות. צום ערשט וועגן בערלין.

דער וואוקס פון דער שטאט בערלין בכלל און פון איר אידישער קהלה בפרט איז פארגעשטעלט אין דער קומענדיגער טאבעלע.

די בערלינער אלגעמיינע און אידישע באפעלקערונג פאר 100 יאר.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעל־קערונג	1811=100 ביי דער גאנצער באפעלק.	ביי אידן
1811	169 763	3 292	100	100
1840	328 692	6 456	193	196
1855	432 685	12 675	255	385
1871	825 937	36 015	486	1 098
1880	1 122 330	53 916	661	1 639
1890	1 578 794	79 286	930	2 409
1900	1 888 848	92 206	1 113	2 802
1910	2 071 257	90 013	1 220	2 736

די אידישע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט פארן גאנצן פעריאד -- פון 1811 ביז 1910־טן יאר — זיבן און צוואנציג מאל, ווען די גאנצע באַ־פעלקערונג נאר צוועלף מאל. דעם דאזיגן גאנצן פעריאד קאן מען אבער טיילן אין דריי שטארק פארשידענע עפאכעס.

1. ביז 1840־טן יאר,
2. פון 1840־טן ביז 1880־טן און
3. פון 1880־טן ביז 1910־טן.

אין דער ערשטער עפאכע — פון 1811 ביז 1840 — איז די אידישע באפעלקערונג געוואקסן כמעט גלייך מיט דער ארומיגער באפעלקערונג, לאנגזאם און פאמעליך. פון די 40־ער יארן הויבט אן בערלין גיך וואקסן; דער האנדל בליהט און וואקסט; די אינדוסטריע קומט נאכן האנדל, פארברייטערט זיך און פארפעסטיגט זיך — און אין דער דאזיגער צייט וואקסט די אידישע באפעל־קערונג א סך שנעלער און אינטענסיווער, ווי די ארומיגע באפעלקערונג; אין דער דריטער עפאכע — פון די אכציגער יארן, ווען בערלין איז שוין זאט מיט האנדלס־עלעמענטן און אינטעליגענץ, און דער צענטר פון דער אנטוויקלונג טראגט זיך אריבער אויף דער גרויס־אינדוסטריע, שטעלט זיך איין כמעט א

גלייכגעוויכט צווישן דעם וואוקס פון דער אידישער און פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

די באר וואס ארויסגעזאגטע געדאנקן ווערן גוט אילוסטרירט פון די דאטן, וואס זיינען געבראכט אין דער לעצטער שורה פון דער לעצטער טאבעלע. פון הונדערט נפשות אין 1811 זיינען געווארן:

בײ דער אידישער באפעל־קערונג	בײ דער גאנצער באפעל־קערונג	יאר
196	194	1840
1 639	661	1880
2 736	1 220	1910

אלזא ביז 1840־טן האט זיך אי די אידישע אי די אלגעמיינע באפעלקערונג פון בערלין כמעט פארדאפלט; פון 1840 ביז 1880 האט זיך די אידישע באַ־פעלקערונג פארגרעסערט מער פון אכט מאל, און די גאנצע באפעלקערונג נאר מער פון דריי מאל; פון 1880 ביז 1910 האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט אביסל מער פון אנדערטהאלבן מאל, און די אלגעמיינע כמעט צוויי מאל.

דער פראצענט פון צוואוקס פאר די אנגעוויזענע דריי עפאכעס איז געווען פאלגנדיגער:

בײ דער אידישער באפעל־קערונג	בײ דער גאנצער באפעל־קערונג	יארן
96,1	93,0	1840—1811
734,8	241,4	1880—1841
66,9	84,5	1910—1881
263,6	**112,0**	**1910—1811**

פון די דאזיגע ציפערן איז קלאר, אז אין ערשטן פעריאד נייט דער וואוקס גלייך בײ דער אלגעמיינער און בײ דער אידישער באפעלקערונג; אין צווייטן

פעריאד וואקסט די אידישע באפעלקערונג א סך אינטענסיווער, און צום סוף פון 19־טן יארהונדערט הויבט אן דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין בערלין אפשטיין פונם וואוקס פון דער גאנצער באפעלקערונג. דאס דאזיגע אפשטיין פונם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג הויבט זיך אן אין דער אמתן טאקע צום סאמע סוף פון 19־טן יארהונדערט — פון 1895־טן יאר.

לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין בערלין:

אין 1811־טן יאר	1,94 %
„ „ „ 1840	1,96 „
„ „ „ 1855	2,93 „
„ „ „ 1871	4,36 „
„ „ „ 1880	4,80 „
„ „ „ 1890	5,02 „
„ „ „ 1900	4,88 „
„ „ „ 1910	4,34 „

דעם העכסטן פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן דערגרייכט אין 1890־טן יאר — 5,02; נאך גרעסער איז געווען דער פראצענט פון די אידן אין 1895־טן — 5,13.

אינטערעסאנט איז צו זעהן, וואסער א טייל פון אלע פרייסישע אידן האט בערלין פארמאגט אין פארשיידענע צייטן פון באטראכטן פעריאד.

אין בערלין האט געוואוינט פון אלע פרייסישע אידן:

1. אין 1816־טן	2,72 %
2. „ 1840 „	3,31 „
3. „ 1874 „	11,06 „
4. „ 1880 „	14,82 „
5. „ 1890 „	21,31 „
6. „ 1900 „	23,50 „
7. „ 1910 „	21,64 „

צוריק מיט הונדערט יאר האט אין בערלין געוואוינט סך־הכל איין זיבן און דרייסיגסטל פון אלע פרייסישע אידן, און אין 1910־טן מער פון א פינפטל.

מיר פארשפארן זאגן, אז דער קאלאסאלער וואוקס פון דער בערלינער קהלה איז ארויסגערופן ניט פון נאטירליכן צוואקס, נאר פון צוואנדערונג. אום

צו זעהן, אויף וויפיל די צוזואנדערונג איז געווען שטארקער פונם נאטירליכן צוזואקס, וועלן מיר ברייננגען איינינגע ציפערן:

יארן	נאטירליכער צוזואקס ביי די אידן אין בערלין	צוזואנדערונג פון אידן קיין בערלין
1871—1861	2 518	14 544
1880—1871	5 516	12 385
1890—1880	5 728	19 642
1890—1861	**13 762**	**46 571**

Creșterea naturală; și prin emigrație (din provincii)

פאר אלע דרייסיג יאר איז די צוזואנדערונג געווען דריי מיט א האלבן מאל מער, ווי דער נאטירליכער צוזואקס. אבסאלוט איז די גרעסטע צוזואנדערונג געווען אין די לעצטע צען יאר — פון 1880 ביז 1890. רעלאטיוו איז די צוזואנדערונג געווען גרעסער אין די ערשטע צען יאר, ווען זי איז געווען כמעט זעקס מאל שטארקער, ווי דער נאטירליכער צוזואקס.

פון וואנען האט מען עמיגרירט קיין בערלין? דער עיקר פון די פראווינצן, וואס ווענן דער פארקלענערונג פון זייער אידישער באפעלקערונג האבן מיר גערעדט העכער. אין בערלין זיינען אין די זיבעציגער און אכטציגער יארן געווען צווי דריטל אידן, וועלכע זיינען ניט געבוירן געווארן אין דער דאזיגער שטאט. פון די דאזיגע צווי דריטל בערלינער אידן, וואס זיינען אנגעקומען פון אנדערע מקומות, זיינען געווען ביז 20 פראצענט פון פויזן; פון מזרח- און מערב-פרייסן — 12 פראצענט. אין בערלין איז אבער אויך דא א גרויסע צאל אויסלענדישע אידן: פון עסטרייך און רוסלאנד. אין 1900-טן יאר איז געווען אין בערלין — 11 651 אויסלענדישע אידן, 12,6 פראצענט פון אלע בערלינער אידן. אין 1905-טן — 18 316 אויסלענדישע אידן, 18,4 פראצענט פון אלע בערלינער אידן.

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן, אזוי צו זאגן, קליין-בערלין; נעמען מיר גרויס-בערלין, ד. ה. מיט די פארשטעט שארלאטענבורג, שענעבערג, ווילמערסדארף און אנדערע, באקומען מיר, אז אין בערלינער קהלה זיינען פאראן 143 975 אידן, וועלכע מאכן אויס 4,05 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג און אקוראט א דריטל פון אלע פרייסישע אידן.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין דייטשלאנד: אין 1871־טן יאר? אין 1910־טן?

2. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין דייטשלאנד: אין 1871־טן יאר? אין 1910־טן?

3. וואסער א באפעלקערונג וואקסט אינטענסיווער: די אלגעמיינע אדער די אידישע?

4. מיט וואס דערקלערט זיך דער שוואכער וואוקס פון דער אידישער באַ־פעלקערונג אין דייטשלאנד?

5. וואסער א פראצענט דייטשע אידן וואוינט: אין פרייסן? אין בייערן? אין עלזאס־לאטרינגען?

6. וואסער א פראצענט פון דער באפעלקערונג וואוינט אין גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער): ביי דער גאנצער באפעלקערונג? ביי די אידן?

7. וואסער א פראצענט דייטשע אידן וואוינט אין בערלין? אין גרויס־בערלין?

8. וואסער א פראצענט דייטשע אידן האט געוואוינט אין 1900־טן יאר אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן? אין 1905־טן יאר?

9. וויפיל זיינען געווען אידן אין פרייסן: אין 1816־טן יאר? אין 1840־טן? אין 1880־טן? אין 1910־טן?

10. פארוואס שטייט אָפּ דער צוּוואקס פון דער אידישער באפעלקערונג פון פרייסן אין פארגלייך מיט דעם צוּוואקס ביי דער ארומיגער באפעלקערונג?

11. ווי אזוי קאן מען טיילן די פראווינצן פון פרייסן?

12. אין וועלכע פרייסישע פראווינצן ווערט פארקלענערט די אבסאלוטע צאל אידן?

13. וואסער א פראצענט אידן האט פארלארן פון 1880 ביז 1910־טן: פויזן? מערב־פרייסן? מזרח־פרייסן? פאמערן?

14. פון וואסערע פעלקער באשטייט פויזן?

15. וואסער א שפראך האבן די פויזנער אידן אנגעגעבן אין 1910־טן יאר פאר זייער מוטער־שפראך?

16. וויפיל אידן זיינען געווען אין פויזן: אין 1819־טן? אין 1849־טן? אין 1871־טן? אין 1890־טן? אין 1910־טן?

17. אויף וויפיל פראצענט האט זיך פארקלענערט די צאל אידן פון 1849־טן ביז 1910־טן?

18. מיט וואס דערקלערט זיך די פארקלענערונג פון דער צאל אידן אין פויזן?

19. וויפיל זיינען געווען אין פויזן שטעט מיט מער פון 50 פראצענט אידן: אין 1840־טן? אין 1905־טן?

20. וויפיל זיינען געווען אין פויזן שטעט מיט מער פון 20 פראצענט אידן: אין 1840־טן? אין 1905־טן?

21. וואסער א נאציע פארנעמט אין די פויזנער שטעט דאס ארט פון די אידן?

22. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האבן געוואוינט אין דערפער: אין 1817־טן? אין 1910־טן?

23. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האבן געוואוינט אין שטעט: אין 1817־טן? אין 1910־טן?

24. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האט געוואוינט אין גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 000 איינוואוינער): אין 1885־טן? אין 1910־טן?

25. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האט געוואוינט אין גרויסע קהלות (מער פון 10 טויזנט אידן): אין 1817־טן? אין 1910־טן?

26. וויפיל אידן זיינען געווען אין בערלין: אין 1811־טן? אין 1840־טן? אין 1880־טן? אין 1910־טן?

27. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט פאר הונדערט יאר די גאנצע באַפעלקערונג פון בערלין? די אידישע?

28. וואסער א פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין בערלין: אין 1811־טן? אין 1855־טן? אין 1890־טן? אין 1910־טן?

29. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האט געוואוינט אין בערלין: אין 1816־טן? אין 1840־טן? אין 1880־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

30. וויפיל האט באטראפן אין בערלין פון 1861־טן יאר ביז 1890־טן: דער נאטירליכער צוואקס פון אידן? די צוואנדערונג?

31. פון וואנען האבן אידן עמיגרירט קיין בערלין?

32. וויפיל זיינען געווען אין בערלין אויסלענדישע אידן אין 1905־טן יאר?

33. וואסער א פראצענט פרייסישע אידן האט געוואוינט אין 1910־טן יאר אין גרויס־בערלין?

די אידן אין רומעניע.

די לאגע פון די אידן אין רומעניע איז אין א סך פרטים זעהר ענליך צו דער לאגע פון די אידן אין רוסלאנד און אין גאליציע. און אויך בנוגע צו דער געאגראפישער איינטיילונג, ווי אויך בנוגע צום וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, געפינען מיר א סך אלגעמיינעם צווישן די דריי דערמאנטע לענדער.

אין רומעניע זיינען געווען אידן:

אין 1859־טן יאר	134 168
" " 1899 "	266 652
" " 1909 "	*)325 655

נעמען מיר אן די דאטן פון 1859־טן יאר פאר 100, וועלן מיר באקומען, אז שפעטער מיט פערציג יאר איז געווארן פון די דאזיגע הונדערט נפשות — 199, און שפעטער מיט פופציג יאר — 242. אין פערציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארדאפלט, ווען די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פאר דער איינגענער צייט פארגרעסערט נאר אויף 52,52 פראצענט.

רומעניע ווערט געטיילט אין פיר קאנטן, און די צאל אידן אין באזונדערע קאנטן איז שטארק פארשיידן. אין 1899־טן יאר זיינען געווען איינוואוינער:

קאנט	די גאנצע באפעלקערונג	פון זיי אידן	פראצענט פון אידן
מאלדאוויע	1 848 122	196 752	10,6
וואלאכיע	2 659 517	60 760	2,3
אלטעניע	1 181 243	4 906	0,4
דאברודזשע	267 808	4 234	1,6
סך־הכל	**5 956 690**	**266 652**	**4,5**

מיר זעהען, אז ווען אין גאנץ רומעניע מאכן די אידן אויס 4,5 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, אומגעפער דעם זעלבן פראצענט, וואס אין רוס־

*) בערכדינע דאטן.

לאנד, באטרעפט דער פראצענט אידן אין מאלדאוויע ביז 10,6, זעהר נאהענט צום פראצענט פון די אידן אינם תחום פון רוסלאנד.

פון יעדע הונדערט אידישע נפשות האבן געלעבט:

.1	אין מאלדאוויע	73,8
.2	„ וואַלאַכיע	22,8
.3	„ אָלטאָניע	1,8
.4	„ דאברודזשע	1,6
	סך־הכל	100,0

אין צוויי קאנטן פון רומעניע האבן געלעבט 96,6 פראצענט פון אלע אידן פון דער דאזיגער מלוכה.

אינטערעסאנט איז דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די דאזיגע צוויי קאנטן, אין מאלדאוויע און וואַלאַכיע.

טאַבעלע XLV

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין מאלדאוויע.

יאר	די צאל אידן	1803=100
1803	(*12 000	100
1820	(*19 000	158
1831	37 000	308
1838	80 000	667
1859	118 922	991
1899	195 792	1632

Moldova 1803-1899
creşte cu 16 ori

פאר וויינִיגער פון הונדערט יאר האט זיך די באפעלקערונג פון מאלדאוויע פארגרעסערט מער פון זעכצען מאל. באזונדערס שטארק איז געוועזן דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג פון 1831 ביז 1838־טן יאר — אין זיבן יאר האט זי זיך פארדאפלט. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס אין

*) בערכדיגע דאטן.

יענע יארן זיינען אנגעקומען קיין מאלדאוויע א היפשע צאל אידן פון רוסלאנד און עסטרייך. פון מאלדאוויע האט זיך די אידישע באפעלקערונג אריבערגערוקט טיילוויז קיין וואלאכיע. אינם לעצטן קאנט איז געווען אין 1860־טן יאר ווייניגער פון צען טויזנט אידן, און אין 1899־טן יאר שוין מער פון זעכציג טויזנט.

אין וואסערע פונקטן וואוינען די רומענישע אידן?

פון יעדע הונדערט נפשות האבן געלעבט אין 1899־טן יאר:

פונקטן	ביי דער גאנצער באפעל־קערונג	ביי אידן
דעפארטאמענט־שטעט	13,34	72,27
איבעריגע שטעט	2,60	7,46
אין דערפער	84,06	20,27
סך־הכל	100,00	100,00

פון הונדערט אידן וואוינען אין שטעט 72,27 פראצענט, כמעט דריי פערטל, ווען ביי דער גאנצער באפעלקערונג וואוינען אין שטעט סך־הכל 13,34 — איין אכטל. אין דערפער וואוינען ביי דער גאנצער באפעלקערונג מער פון פיר פינפטל, און ביי אידן נאר איין פינפטל.

וואסער א פראצענט מאכן די אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין פארשיידענע וואוין־פונקטן?

אין גאנץ רומעניע מאכן די אידן אויס:

אין דעפארטאמענט־שטעט	20,2
„ די איבעריגע שטעט	11,9
„ „ דערפער	1,1

נעמען מיר אבער באזונדערע קאנטן, באקומען מיר גאר אן אנדער בילד. אין מאלדאוויע מאכן די אידן אויס:

אין די דעפארטאמענט־שטעט	38,2
„ „ איבעריגע שטעט	43,4

קומט אויס, אז אינם דאזיגן קאנט, וואס פארמאגט כמעט דריי פערטל פון אלע רומענישע אידן (73,8), האבן די אידן אין די הויפט־שטעט כמעט צוויי

פינפטל פון דער גאנצער שטאטישער באפעלקערונג, און אין די קלענערע שטעט מער פון צוויי פינפטל. אין וואלאכיע זיינען די אידן שוואכער אין די שטעט. אין די הויפט־שטעט מאכן די אידן אויס אין וואלאכיע — 11,9 פראצענט, און אין די איבעריגע שטעט גאר א קליינעם פראצענט — 1,5.

פון די געבראכטע ציפערן ווערט קלאר, אז די רומענישע אידן זיינען מערסטנטיילס שטאטישע איינוואוינער און אז אין די שטעט מאכן זיי אויס אזא גרויסן פראצענט, אז זיי מוזן דארטן שפילן א באדייטנדיגע ראלע. לאמיר איצט זעהען, ווי געדיכט זיינען קאנצענטרירט די רומענישע אידן.

טאבעלע XLVI

די רומענישע אידן אין פארשיידענע טיפן קהלות (1899).

קהלות	די צאל קהלות	די צאל אידן אין זיי	דער פראצענט פון אלע רומענישע אידן
מיט מער פון 10 טויזנט אידן	5	124 156	46,6
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	7	46 648	17,5
פון 1 ביז 5 טויזנט אידן	16	37 431	14,0
ס"ה אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן	**28**	**208 235**	**78,1**

כמעט א גאנצע העלפט פון אלע רומענישע אידן (46,6) וואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן; אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן וואוינע כמעט פיר פינפטל (78,1) פון אלע רומענישע אידן.

אין די צוויי גרעסטע אידישע קהלות אין רומעניע — אין בוקארעשט און יאסי — האבן געוואוינט אין 1899־טן יאר 80 021 אידן, ד. ה. 30,0 פראצענט פון אלע רומענישע אידן.

מיר האבן העכער שוין אנגעוויזן, וואס פאר א פראצענט אידן מאכן אויס אין די שטעט פון רומעניע. נעמען מיר נאר די שטעט, וואס פארמאגן מער פון טויזנט אידן, וועלן מיר באקומען, אז די אידן מאכן אויס:

1. מער פון 50 % אין 7 שטעט
2. פון 40 ביז 50 „ 5 „
3. „ 20 „ 40 „ 7 „
4. „ 10 „ 20 „ 5 „

מיר זעהען, אז בערך אין א גרויסער צאל שטעט האבן די אידן אן אבסאלוטע מערהייט — אין 7 שטעט פון 28. אין פינף שטעט האבן זיי מער פון צוויי פינפטל — מער פון פערציג פראצענט. אין יאסי פארמאגן די אידן אן אבסאלוטע מערהייט — 50,8 פראצענט. אין בוקארעשט, פארקערט, מאכן די אידן אויס א קליינעם פראצענט — 14,7.

מיר וועלן נאך ברייננען אייניגע ציפערן, וואס וועלן באלייכטן דעם וואוקס פון די גרעסטע אידישע קהלות אין רומעניע.

אין יאסי זיינען געווען אידן:

אין 1803־טן	3 000
„ 1831 „	17 032
„ 1839 „	30 000
„ 1859 „	31 000
„ 1899 „	39 488

פאר ווייניגער פון הונדערט יאר איז די יאסער אידישע קהלה אויסגעוואקסן מער פון דרייצען מאל. דער עיקר איז די דאזיגע קהלה אינטענסיוו געוואקסן אין די ערשטע דרייסיג יאר פון 19־טן יארהונדערט, ווען זי האט זיך פארגרעסערט צען מאל. פאר די לעצטע זעכציג יאר — פון 1839 ביז 1899־טן יאר — איז דער צוואוקס געווען גאר א קליינער.

א סך אינטערעסאנטער איז דער וואוקס פון דער בוקארעשטער אידישער קהלה. אין 1820־טן יאר איז געווען אין בוקארעשט סך־הכל 127 אידישע משפחות, בערך 508 נפשות; אין 1831־טן יאר איז שוין געווען אין בוקארעשט — 594 משפחות אדער בערך 2376 נפשות; אין 1860־טן יאר 5934 נפשות און אין 1899 — 40 533 אידן. די בוקארעשטער אידישע קהלה איז אייגנטליך ערשט אויסגעוואקסן אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט — זי האט זיך פארגרעסערט אין 39 יאר זיבן מאל.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין רומעניע: אין 1859־טן יאר? אין 1899־טן? אין 1909־טן?
2. וויפיל אידן וואוינען: אין מאלדאוויע? אין וואלאכיע?
3. וואסער א פראצענט מאכן אידן אויס: אין מאלדאוויע? אין וואלאכיע?

4. וויפיל אידן זיינען געווען אין מאלדאוויע: אין 1803־טן? אין 1838־טן? אין 1899־טן?

5. וואסער א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג וואוינט: אין דע־פארטאמענט־שטעט? אין דערפער?

6. וואסער א פראצענט אידן וואוינט אין דעפארטאמענט־שטעט? אין דערפער?

7. וואסער א פראצענט מאכן די אידן אויס לגבי דער גאנצער באפעלקע־רונג: אין דעפארטאמענט־שטעט? אין אנדערע שטעט? אין דערפער?

8. וואסער א פראצענט מאכן די אידן אויס אין די שטעט פון מאלדאוויע?

9. וואסער א חלק אידן וואוינט: אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידן? אין קהלות פון 5 ביז 10 טויזנט אידן? אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן?

10. אין וויפיל שטעט בילדן די אידן אן אבסאלוטע מערהייט?

11. וויפיל זיינען געווען אידן אין יאסי: אין 1803־טן יאר? אין 1899־טן?

12. וויפיל זיינען געווען אידן אין בוקארעשט: אין 1820־טן? 1860־טן? 1899־טן?

קאפיטל 13.

די אידן אין ענגלאנד. Anglia

מיר האבן ביז אהער אלץ גערעדט וועגן לענדער, וואו דער אידישער ישוב ציילט א סך הונדערטער יארן, וואו די איינגעפונדעווקייט און איינגעזעסנקייט פון אידישע מאסן ווייזן ארויס זייער איינפלוס אויף אלע זייטן פון אידישן לעבן און אין דעם כלל אויך אויף דער געאגראפישער איינטיילונג פון די אידן, אויף זייער באוועגליכקייט און אויפן טעמפּ פון דער קאנצענטראציע. מיר גייען איצט איבער צו ענגלאנד, צום ערשטן לאנד, וואו דער אידישער ישוב, זיין גרעסטער טייל, איז נאך גאר א יונגער, ציילט סך־הכל עטליכע צענדליג יאר און געפינט זיך נאך עד היום אין שטענדיגער אפּהענגיגקייט פון די עמיגראציע־כוואליעס, וואס אָט הויבן זיי זיך שטארק אויף און אָט פאלן זיי. אין דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין ענגלאנד, ווי אויך אינם כאראקטער פון איר קאנצענטראציע אין גרויסע שטעט און אין גרויסע קהלות, וועלן מיר שוין געפינען די אלע סמנים, וועלכע ווייזן זיך באזונדער בולט ארויס אינם אידישן ישוב אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

אין ענגלאנד איז צום אנהויב פון 19־טן יארהונדערט געווען סך־הכל קרוב צו אכט טויזנט אידישע נפשות. א אידישע עמיגראציע קיין ענגלאנד האט זיך אנגעהויבן נאך ארום די 50־ער יארן פון פאריגן יארהונדערט, ווארום לויט די דאטן פון 1871־טן יאר איז שוין געווען אין ענגלאנד עמיגראנטן פון רוסלאנד און פוילן צען טויזנט נפשות. די גרעסטע מערהייט פון די דאזיגע עמיגראנטן איז באשטאנען פון אידן. צום אנהויב פון די אכטציגער יארן איז געווען אין ענגלאנד בײַ 60 טויזנט אידן. אין 1911־טן יאר איז שוין געווען אין ענגלאנד 239 596 אידן. פאר הונדערט יאר איז די אידישע באפעלקערונג אויסגעוואקסן 42 מאל. פאר די לעצטע דרייסיג יאר האט זיך די צאל אידן אין ענגלאנד פארגרעסערט פיר מאל.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס גאר א נישטיגן פראצענט — סך־הכל 0,58 פראצענט. דער גרעסטער רוב אבער פון די ענגלישע אידן וואוינט אין א קליינער צאל שטעט, און אין די דאזיגע שטעט מאכן די אידן אויס א גרעסערן פראצענט, הגם אויך אין ערגיץ ניט קיין זעהר באדייטנדיגן. טיילן מיר איין די אידישע קהלות פון ענגלאנד לויט די טיפן, ווי מיר

האבן דאס געטאן בנוגע צו אנדערע לענדער, וועלן מיר באקומען פאלגנדיגע טאבעלע.

טאבעלע XLVII

די ענגלישע אידן אין פארשיידענע טיפן קהלות (1908).

קהלות	די צאל קהלות	אבסאלוטע צאל אידן	פראצענט פון אלע ענגלישע אידן
מיט מער פון 10 טויזנט אידן	3	180 000	81,8
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	2	14 500	6,6
פון טויזנט ביז 5 טויזנט אידן	7	14 625	6,7
ס"ה אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן	**12**	**209 125**	**95,1**

מער פון פיר פינפטל פון אלע ענגלישע אידן וואוינען אין דריי קהלות, וואס פארמאגן יעדע מער פון צען טויזנט אידישע נפשות. אין דער איינער שטאט לאנדאן האט געוואוינט אין 1908־טן יאר 142 000 אידן, וואס ס׳האט אויסגעמאכט 64,5 פראצענט פון אלע דעמאלטיגע ענגלישע אידן. נאך לאנדאן גייט מאנשעסטער מיט 23 000 אידן (1908) און לידס מיט 15 000 אידן אין דעם זעלבן יאר. אין גלאזגא זיינען געווען 7 500 און אין ליווערפול — 7 000 אידן אין 1908־טן יאר.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט (1908):

1. אין לאנדאן 3,0 %
2. „ מאנשעסטער 3,6 „
3. „ לידס 3,2 „
4. „ גלאזגא 0,9 „
5. „ ליווערפול 0,9 „

פראגעס.

1. מיט וואס שיידט זיך אפ דער אידישער ישוב אין ענגלאנד פון אלע איבעריגע אידישע ישובים, וואס מיר האבן באטראכט ביז אהער?

2. וויפיל זיינען געווען אידן אין ענגלאנד: אין אנהויב פון 19־טן יאר־הונדערט? צום אנהויב פון די אכטציגער יארן? אין 1911־טן?

3. וואסער א טייל פון די ענגלישע אידן וואוינט: אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות? אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידישע נפשות?

4. וויפיל זיינען געווען אידן אין 1908־טן יאר אין לאָנדאָן? אין מאנ־שעסטער? אין לידס?

5. וואסער א פּראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט: אין לאנדאן? אין מאנשעסטער? אין לידס?

קאפיטל 14.

די אידן אין האלאנד.

ווען די האלענדישע אידן זיינען פאראן א סך מער ידיעות אין אלע פרטים — און ידיעות, וואס פארדינען גרויסן צוטרוי —, ווי ווען די אידן אין ענגלאנד, וואו ביי די פאלקס־ציילונגען ווערן ניט אנגעוויזן ניט דער נאציאנאלער, ניט דער רעליגיעזער מאמענט.

טאבעלע XLVIII

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין האלאנד.

יאר	אבסאלוטע צאל אידן	פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג	1829=100
1829	46 408	1,77	100
1849	58 626	1,94	126
1869	68 003	1,89	147
1889	97 324	2,15	209
1899	103 988	2,03	224
1909	106 409	1,82	229

פאר אכטציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון האלאנד אביסל מער ווי פארדאפלט. פון יעדע הונדערט נפשות אין 1829־טן יאר איז געווארן ביז 1909־טן — 229, א צוואקס זעהר א שוואכער. דער צוואקס ביי די האלענדישע אידן איז געווען דער שטארקסטער פון 1869 ביז 1889 — דעמאלט, ווען די שטארבליכקייט איז ביי די האלענדישע אידן שוין געהאט גענוג געפאלן, און די צאל געבורטן איז נאך געווען בערך א גרויסע. אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט, ווען די געבורטן זיינען שטארק געפאלן ביי די האלענדישע אידן' איז דער צוואקס געווארן גאר א קליינער.

דער פראצענט אידן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האט זיך פאר די גענומענע אכטציג יאר כמעט ניט געביטן — אין 1829־טן האבן די אידן אויסגעמאכט 1,77 און אין 1909־טן — 1,82 פראצענט. דעם העכסטן פרא־צענט האבן די אידן אין האלאנד דערגרייכט אין 1889־טן יאר — 2,15; פון

דעם לעצטן יאר אָן האלט דער פראצענט פון די אידן אין האלאנד אין איין פאלן.

דער גרעסטער פראצענט פון די האלענדישע אידן וואוינט אין גרויסע שטעט און אין גרויסע קהלות. לאמיר צו ערשט זעהען דעם חלוק צווישן דער אל־געמיינער און צווישן דער אידישער באפעלקערונג בנוגע צו דער קאנצענטראציע אין גרויסע שטעט.

טאבעלע XLIX

די גאנצע און די אידישע באפעלקערונג אין פארשיידענע טיפּן וואוינ־ערטער (1909).

פונקטן מיט איינוואוינער	די גאנצע באפעלקערונג		די אידן	
	אבסאלוטע צאל	% פ. ד. גאנצ. באפ.	אבסאלוטע צאל	% פון אלע אידן
מער פון 100 טויזנט	1 374 406	23,4	78 388	73,6
פון 50 ביז 100 „	371 503	6,4	5 686	5,3
פון 10 ביז 50 „	1 337 778	22,9	12 580	11,7
פון 5 ביז 10 „	1 034 920	17,7	5 784	5,7
ווייניגער פון 5 „	1 739 548	29,6	3 971	3,7
סך־הכל	**5 858 155**	**100,0**	**106 409**	**100,0**

פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז ביי אידן וואוינען אין גאר גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער) כמעט דריי פערטל (73,6) פון אלע האלענדישע אידן, ווען ביי דער גאנצער באפעלקערונג וואוינען אין אזעלכע פונקטן סך־הכל ווייניגער פון איין פערטל (23,4). אין גאר קליינע פונקטן (מיט ווייניגער פון פינף טויזנט איינוואוינער) וואוינט ביי דער גאנצער באפעלקערונג כמעט א דריטל (29,6) און ביי אידן סך־הכל איין דרייסיגסטל (3,7).

אויף וויפיל ס'איז געגאנגען פאר די לעצטע צענדליגער יארן די קאנצענ־טראציע פון די אידן אין גרויסע שטעט, זעהט מען פון פאלגנדיגע ציפערן. פון יעדע הונדערט נפשות האבן געלעבט:

פונקטן מיט איינוואוינער	ביי דער גאנצער באפעלקערונג		ביי אידן	
	1869	1899	1869	1899
מער פון 20 טויזנט	30,86	36,75	73,82	82,20
ווייניגער פון 20 „	69,14	63,25	26,18	17,80
סך־הכל	**100,00**	**100,00**	**100,00**	**100,00**

שוין אין 1869־טן יאר זיינען אידן געווען א סך מער קאנצענטרירט אין גרויסע שטעט, ווי די אלגעמיינע באפעלקערונג. ביי אידן זיינען דעמאלט געווען אין שטעט מיט מער פון 20 טויזנט איינוואוינער 73,82 פראצענט און ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג סך־הכל 30,86 פראצענט, דריטהאלבן מאל ווייניגער. אין 1899־טן יאר איז שוין ביי אידן געווען אין די גרעסערע פונקטן 82,20 פראצענט און אין קליינע (ווייניגער פון 20 טויזנט איינוואוינער) נאר 17,80 פראצענט. ביי דער גאנצער באפעלקערונג זיינען געווען די אנטשפרעכנדיגע דאטן 36,75 און 63,25.

קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות זיינען געווען סך־הכל צוויי — אמסטערדאם מיט 59 065 אידן (1899) און ראטערדאם מיט 10 טויזנט אידישע נפשות (1900). אין די דאזיגע צוויי קהלות זיינען געווען קאנצענטרירט אקוראט צוויי דריטל פון אלע האלענדישע אידן.

צוריק מיט הונדערט יאר איז די אמסטערדאמער אידישע קהלה געווען די גרעסטע אין דער גאנצער וועלט — זי איז געווען די איינציגע, וואס האט שוין דעמאלט געהאט מער פון 20 טויזנט אידן. די אנטוויקלונג פון דער אמסטערדאמער אידישער קהלה ווערט באלויכט אין דער טאבעלע L.

נעמען מיר דעם גאנצן פּעריאד — פון 1796 בּיז 1899־טן יאר — באַקומט זיך, אז די אמסטערדאמער קהלה האט זיך פארגרעסערט סך־הכל דריטהאלבן מאל. פאר די ערשטע דרייסיג יאר האט זיך די דאזיגע קהלה אפילו פארקלענערט אויף 9 פראצענט; נאכדעם האלט זי דוקא אין איין וואקסן, נאר דאס קומט פאר זעהר לאנגזאם. נאר די צען יאר פון 1879 בּיז 1889־טן יאר צייכענען זיך אויס מיט א מער אינטענסיוון צוּוואקס.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האט זיך די לאגע פון דער אמסטערדאמער קהלה פארן גאנצן יארהונדערט כמעט ניט געבּיטן — אין 1796־טן

יאר האבן די אידן אויסגעמאכט 11,74 פראצענט און און 1899־טן — 11,56 פראצענט.

טאבעלע L

דער וואוקס פון דער אידישער קהלה אין אמסטערדאם.

Amsterdam

יאר	די אבסאלוטע צאל אידן	% פון דער גאנ־צער בא־פעלקערונג	1796=100
1796	23 549	11,74	100
1826	21 498	10,70	91
1859	26 725	11,08	113
1879	40 318	12,71	171
1889	54 479	13,35	231
1899	59 065	11,56	251

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין האלאנד: אין 1829־טן? אין 1909־טן?

2. וואסער א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג וואוינט: אין גאר גרויסע שטעט (מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער)? אין גאר קליינע פונקטן (ווייניגער פון 5 טויזנט איינוואוינער)?

3. וואסער א פראצענט פון די אידן וואוינט: אין גאר גרויסע שטעט? אין גאר קליינע פונקטן?

4. וואסער א פראצענט האלענדישע אידן וואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן?

5. וואסער אן ארט האט אמסטערדאמער קהלה פארנומען ביי אידן צוריק מיט הונדערט יאר?

6. וויפיל זיינען געווען אידן אין אמסטערדאם: אין 1796־טן? אין 1826־טן? אין 1879־טן? אין 1899־טן?

קאפּיטל 15.

די אידן אין פראנקרייך, בעלגיע און אנדערע אייראפּייאישע מלוכות.

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן די אידן פון די לענדער און מלוכות אין אייראפּע, וואו ס'זיינען פאראן מער פון 100 טויזנט אידן, חוץ דער אייראַפּייאישער טערקיי, וועלכע וועט באהאנדעלט ווערן שפּעטער. איצט איז אונז נאך געבליבן זיך אפּשטעלן אויף די קליינע גרופּעס אידן, וואס געפינען זיך אין די איבעריגע אייראפּייאישע מלוכות.

מיר הויבן אן פון פראנקרייך, הגם וועגן די אידן פונם דאזיגן לאנד זיינען פאראן נאר ווייניג סטאטיסטישע ידיעות. ערב דער מלחמה איז געווען אין פראנקרייך בערך הונדערט טויזנט אידן, פון וועלכע 75 טויזנט האבן געלעבט אין פּאַריז. וועגן דער אנטוויקלונג פון דער אידישער קהלה אין פּאריז זיינען פאראן אייניגע דאטן. אין סאמע אנהויב פון 19־טן יארהונדערט איז אין פּאריז געווען קרוב צו דריי טויזנט אידן; אין 1819־טן יאר — זיבן טויזנט; אין 1865־טן — דרייסיג טויזנט; אין 1904־טן יאר — זעכציג טויזנט און אין 1914־טן — 75 טויזנט אידן. פאר הונדערט יאר איז די אידישע קהלה אין פּאריז אויסגעוואקסן מער פון 25 מאל. דער וואוקס פון דער פּאריזשער אידישער קהלה איז געגאנגען דער־עיקר ניט אויפן חשבון פון די ארטיגע פראנצויזישע אידן, נאר מער אויפן חשבון פון דער עמיגראציע פון אנדערע לענדער. ראשית, האבן עמיגרירט קיין פּאריז בערך א סך אידן פון עלזאס־לאטאַרינגיע, נאכדעם ווי די דאזיגע פּראווינצן זיינען אריבערגעגאנגען צו דייטשלאנד נאך דער מלחמה פון 1871־טן יאר; נאר נאך א גרעסערע איינוואנדערונג איז געגאנגען פון עסטרייך און רוסלאנד, פאר וועלכע פּאריז איז געווארן א מין טראנזיט־פּונקט אויפן וועג קיין אמעריקע. דער גרויסער עמיגראציע־שטראם פון עסטרייך און רוסלאנד האט אויף זיין וועג געלאזט רעשטלאך אין פּאריז, און די דאזיגע רעשטלאך האבן שטארק פארגרעסערט די פּאריזשער אידישע קהלה פאר די לעצטע דרייסיג יאר.

אין בעלגיע זיינען פאראן ביז 50 טויזנט אידן. די גרעסטע קהלה איז אין אנטווערפּן, וואו ס'איז פאראן א גרויסע קאלאניע פון רוסישע און עסטרייכישע אידן. אין אנטווערפּן איז געווען אין 1849־טן יאר 75 אידישע משפּחות אדער בערך דריי הונדערט אידישע נפשות; אין 1900־טן יאר איז אין דער דאזיגער שטאט געווען ביז 8000 אידן און אין 1913־טן ביז 12 000. די צווייטע גרויסע

קהלה אין בעלגיע געפינט זיך אין ברויסעל, וואו אין 1890־טן יאר איז געווען פאררעגיסטרירט 150 אידישע משפחות אדער בערך 600 אידישע נפשות און אין 1907־טן יאר איז געווען דארט 6000 אידן. אויך אין ברויסעל מאכן אויס די עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך א גאנץ גרויסן טייל פון דער קהלה.

אין דענעמארק איז געווען אידן:

אין 1840־טן יאר	3 839	נפשות	0,29 %
„ 1860 „	4 241	„	0,26 „
„ 1880 „	3 946	„	0,20 „
„ 1900 „	3 476	„	0,14 „
„ 1911 „	5 164	„	0,18 „

Danemarca

מיר זעהען, אז פון 1840־טן ביז 1900־טן יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון דענעמארק אי אבסאלוט, אי רעלאטיוו פארקלענערט. און נאר אין די לעצטע צען יאר — פון 1900 ביז 1910־טן — האט זיך די צאל אידן אביסל פארגרעסערט אין ביידע פרטים. דאס דערקלערט זיך ניט מיטן ארגאנישן וואקסן פון די אידן פון דענעמארק, נאר מיט דעם, וואס פאר די אנגעוויזענע צען יאר איז אנגעקומען קיין דענעמארק א קליינע גרופע אידישע עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך.

אין קאפענהאגן, אין דער הויפט־שטאט פון דענעמארק, זיינען געווען אידן:

אין 1880־טן יאר	3 030
„ 1890 „	3 264
„ 1901 „	2 826

אין די ערשטע צען יאר פון 20־טן יארהונדערט האט זיך די אידישע קהלה אין קאפענהאגן אביסל פארגרעסערט, נאר אויסשליסליך אדאנק דער איינוואנדערונג פון רוסישע אידן. בכלל קאן מען פעסט זאגן, אז דאס ביסל אידן אין דענעמארק וואלט ניך פארשוואונדן געווארן אדאנק די שמדן און געמישטע חתונות, ווען ניט די אפפרישונג, וואס די עמיגראנטן האבן אריינגעטראגן די לעצטע יארן.

מיר לאזן דורך די איבעריגע צפון־לענדער פון אייראפע, וואו די צאל אידן איז וויינגער פון פינף טויזנט נפשות, און גייען איבער צו דער שווייץ.

אין דער שווייץ זיינען געווען אידן:

אין 1850־טן יאר	3 145	0,13 %
„ 1870 „	6 996	0,26 „
„ 1888 „	8 069	0,28 „

אין 1900־טן יאר	12 264	0,37 %
„ 1910 „ „	19 023	0,51 „

פאר 60 יאר האט זיך די צאל אידן פארגרעסערט כמעט זעקס מאל. דער דאזיגער בערך גרויסער צוואקס איז ארויסגערופן אין א גרויסער מאס דורך דער עמיגראציע פון עסטרייך און רוסלאנד. ס'איז נימא אין דער שווייץ קיין איין שטאט, וואו מיר זאלן ניט טרעפן א גרעסערע אדער קלענערע אידישע עמיגראנטן־קהלה. חוץ די עמיגראנטן, וואס קומען אין דער שווייץ, כדי זיך באזעצן און בלייבן דארטן, מוז מען נאך צוגעבן די אידישע סטודענטן פון רוס־לאנד, וואס מאכן אויס גאר ניט קיין קליינעם פראצענט פון אלע שווייצארישע אידן. כדי צו האבן א פארשטעלונג, ווי גרויס ס'איז די צאל פרעמדע אידן אין דער שווייץ, וועלן מיר ברענגען איניגע ציפערן.

אין 1900־טן יאר זיינען געווען:

Elvetia 1900

קאנטאן	ארטיגע אידן	אויס־לענדישע אידן	אויף 100 אר־טיגע זיינען געווען אויס־לענדישע
ציוריך	1066	1867	175
בערן	470	1073	228
באזעל	859	1038	121
גענף	274	875	319
וואַאדט	373	703	189
אַארגאַאו	754	236	31
סט־גאלן	282	274	97
לוצערן	172	147	85
סך־הכל	4250	6213	146

ca 10500

מיר זעהען, אז אין דער מערהייט קאנטאנען זיינען די אויסלענדישע אידן מער פון די ארטיגע. אין איין קאנטאן איז אויף יעדן ארטיגן אידן פאראן דריי פרעמדע (גענף); אין בערן איז אויף יעדן היימישן אידן פאראן מער פון צוויי אנגעקומענע. אין אלע אכט געבראכטע קאנטאנען, וואס האבן געהאט אין 1900־טן יאר 85 פראצענט פון אלע שווייצארישע אידן, איז אויסגעקומען אויף 100 ארטיגע שווייצארישע אידן 146 אנגעקומענע.

אין איטאליע זיינען געווען אידן:

אין 1871־טן יאר	35 356	0,13 %	
„ 1901 „ „	35 617	0,10 „	
„ 1911 „ „	43 924	0,12 „	

פאר די ערשטע דרייסיג יאר — פון 1871־טן ביז 1901־טן — האט זיך די צאל אידן כמעט ניט געביטן; אין די לעצטע צען יאר איז שוין געווען בערך א באדייטנדיגער צוזואקס — 23 פראצענט. די אידן וואוינען אין איטאליע כמעט אויסשליסליך אין שטעט. די גרעסערע קהלות זיינען פאלגנדיגע (1900):

רוים	7 121 אידן
מיילאנד	3 012 „
טורין	2 828 „
פלארענץ	2 776 „
ליוואָרנאָ	2 487 „
ווענעדיג	2 474 „
סך־הכל	20 698 „

אין די אויסגערעכנטע זעקס קהלות האבן געלעבט 58 פראצענט פון אלע איטאליענישע אידן.

אין בולגאריע זיינען געווען אידן:

אין 1881־טן יאר	14 342	0,72 %
„ 1892 „ „	28 307	0,86 „
„ 1900 „ „	33 663	0,90 „
„ 1905 „ „	37 656	0,93 „
„ 1910 „ „	40 118	0,93 „

אין דרייסיג יאר — פון 1881 ביז 1910־טן — האט זיך די צאל פון די בולגארישע אידן כמעט דריי מאל פארגרעסערט. די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער איינענער צייט נאר פארדאפלט. דערמיט דערקלערט זיך, וואס אין 1881־טן יאר האבן אידן אויסגעמאכט 0,72 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג און אין 1910־טן — 0,93.

פון 100 אידן האבן געוואוינט אין שטעט אין 1905־טן יאר 95,8, ווען ביי דער גאנצער באפעלקערונג נאר 20 פון הונדערט. אין דער איינער שטאט סאפיא איז געווען אין 1905־טן יאר 10 703 אידן, כמעט א דריטל פון אלע

בולגארישע אידן. די איבעריגע אידן וואוינען מערסטנטיילס אין קהלות, וואס ציילן פון טויזנט ביז צוויי טויזנט אידן.

אין בולגאריע, מוז מען זוגעבן, וואוינען כמעט נאר ספּרדישע אידן. אזוי האבן אנגעגעבן שפּאניאליש פאר זייער מוטער־שפּראך אין 1900־טן יאר 96,76 פּראצענט פון אלע בולגארישע אידן.

אין באסניע און הערצאגעווינע זיינען געווען אידן:

אין 1879־טן יאר	3 426	0,29 %
" " 1885 "	5 805	0,43 "
" " 1895 "	8 213	0,52 "
" " 1910 "	11 868	0,62 "

פאר 31 יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון באסניע און הערצא־געווינע מער ווי דריי מאל פארגרעסערט. פאר דער איינענער צייט האט זיך די גאנצע באפעלקערונג פארגרעסערט נאר אויף 68 %.

די אידן זיינען באשטאנען אין 1910־טן יאר פון 8219 ספּרדישע (70 פּראצענט) און 3649 אנדערע אידן (30 פּראצענט).

די אידן זיינען כמעט אויסשליסליך שטאטישע איינוואוינער. און ווען בײַ דער גאנצער באפעלקערונג וואוינען אין שטעט קוים 15 פּראצענט, האבן די אידן געגעבן 94 פּראצענט שטאטישע איינוואוינער (1910).

אין דער הויפּט־שטאט סאַראַיעוואָ האט געוואוינט אין 1910־טן יאר — 6 397 אידן אדער 54 פּראצענט פון אלע אידן פון באסניע און הערצאגעווינע. לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן די אידן אין סאַראַיעוואָ אויסגעמאכט — 12,32 פּראצענט.

אין סערביע איז געווען אידן:

אין 1895־טן יאר	5 102
" " 1900 "	5 729

כמעט אלע אידן — חוץ דריי אידן — וואוינען אין שטעט. לויט די דאטן פון 1895־טן יאר האבן מער פון אכטציג פּראצענט פון די סערבישע אידן גערעדט שפּאניאליש; „דייטש“ — אין אמתן אידיש — מער פון 12 פּראצענט און סערביש סך־הכל 2,7. די דאטן פון 1900־טן יאר געבן אבער שוין גאר אן אנדער בילד — שפּאניאליש ריידן שוין סך־הכל 27 פּראצענט; „דייטש“ —

8 פראצענט און סערביש — 46 פראצענט, כמעט א העלפט פון אלע סער־
בישע אידן. אזא גיכע אסימילאציע איז בכלל נים מעגליך און די דאטן פון
1900־טן יאר רופן ארוים גרויסע ספקות.

ווען די קליינטשקע גרופקעס אידן אין איינינע לענדער פון אייראפע, ווי
גריכנלאנד, שפאניע, פארטוגאל און אנדערע, זיינען פאראן אזוי ווייניג סטאטים־
טישע ידיעות, אז ס'לוינט נים אויף זיי זיך אפשטעלן.

פראגעס.

1. וויפיל אידן זיינען פאראן: אין פראנקרייך? אין פאריזש?

2. וויפיל אידן זיינען געווען אין פאריזש: אין אנהויב פון 19־טן יאר־
הונדערט? אין 1865־טן יאר? אין 1904־טן? אין 1914־טן?

3. וויפיל זיינען פאראן אידן אין בעלגיע? אין אנטווערפן? אין בריוסעל?

4. וויפיל זיינען געווען אידן אין דענעמארק: אין 1840־טן? אין 1880־טן?
אין 1900־טן? אין 1911־טן?

5. פארוואס האט זיך אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט פארגרעסערט
די באפעלקערונג פון דענעמארק?

6. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאפענהאגן: אין 1880־טן? אין 1901־טן?

7. וויפיל זיינען געווען אידן אין דער שווייץ: אין 1850־טן? אין 1888־טן?
אין 1900־טן? אין 1910־טן?

8. פארוואס האט זיך פאר די לעצטע צען יאר פארגרעסערט די שווייצא־
רישע אידישע באפעלקערונג?

9. וויפיל זיינען דא אויסלענדישע אידן אויף הונדערט ארטיגע: אין קאנ־
טאן גענף? אין קאנטאן בערן? אין קאנטאן ציוריך? אין קאנטאן ארגאאו?

10. וויפיל זיינען געווען אידן אין איטאליע: אין 1871־טן? אין 1901־טן?
אין 1911־טן?

11. וויפיל זיינען געווען אידן אין 1900־טן יאר: אין רוים? אין מיילאנד?

12. וויפיל זיינען געווען אידן אין בולגאריע: אין 1881־טן? אין 1900־טן?
אין 1910־טן?

13. וואסער א פראצענט בולגארישע אידן וואוינט אין שטעט?

14. וואסערע אידן וואוינען אין בולגאריע?

15. וויפיל זיינען געווען אידן אין באסניע און הערצאגעווינע: אין 1879־טן? אין 1895־טן? אין 1910־טן?

16. וויפיל פון זיי זיינען געווען ספרדישע?

17. וויפיל אידן זיינען געווען אין סערביע: אין 1895־טן? אין 1900־טן?

18. וואסער א פראצענט סערבישע אידן וואוינט אין שטעט?

19. וואסער א פראצענט סערבישע אידן האט גערעדט שפאניאליש אין 1895־טן?

קאפּיטל 16.

די אידן אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן פארן 19־טן יארהונדערט, בפרט אין לעצטן פערטל זיינעם, איז געווען אזא קאלאסאלער, אז זיינגלייכן האבן מיר ניט אין דער געשיכטע. דער דאזיגער וואוקס איז ארויסגערופן געווארן דורך דער עמיגראציע, וואס האט אריבער־געווארפן פון די אלטע אידישע ישובים הונדערטער טויזנטער אידישע נפשות אויף יענער זייט ים. די עמיגראציע קיין אמעריקע אין 19־טן יארהונדערט ווערט גע־טיילט אין דריי פעריאדן. אין די ערשטע דרייסיג יאר פון 19־טן יארהונדערט פאָרן קיין אמעריקע דער־עיקר ספרדישע אידן פון האלאנד און ענגלאנד אין דעמאלט פארן הונדערטער; פון די דרייסיגער ביז די זיבעציגער יארן עמיגרירן קיין אמעריקע — דייטשע אידן, און די עמיגראציע פארכאפּט שוין טויזנטער און צענדליגער טויזנטער אידישע נפשות; פון די 70־ער יארן הויבן אן עמיגרירן קיין אמעריקע די אידישע מאסן פון רוסלאנד און עסטרייך (גאליציע), און די עמי־גראציע דערגרייכט אין די הונדערטער טויזנט. די פאלגנדיגע טאבעלע ווייזט אונז דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן.

טאבעלע LI

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די פאראייניגטע שטאטן

יאר	די צאל אידן	1818=100
1818	3 000	100
1824	6 000	200
1840	15 000	500
1848	50 000	1 666
1880	230 000	7 666
1888	400 000	13 333
1897	937 000	31 233
1907	1 777 185	59 240
1910	2 044 762	68 156
1917	3 012 141	100 404

פון דריי טויזנט אין 1818־טן יאר איז די אידישע באפעלקערונג אויס־געוואקסן ביז מער פון דריי מיליאן אין 1917־טן יאר — זי האט זיך אלזא פארגרעסערט מער פון טויזנט מאל. מיר מוזן צוגעבן, אז די דאַטן פון 1917־טן יאר, וועלכע ס'ווייזט אן דאס אמעריקאנער „נייע אידישע יאר־בוך", זיינען, לויט אונזער מיינונג, אביסל איבערטריבן. פאר זיבן יאר — פון 1910 ביז 1917־טן — האט ניט געקאנט צוקומען כמעט א מיליאן אידן. נאר רעכענען מיר אפילו, אז איז דער אמתן איז אין די פאראייניגטע שטאטן געווען אין 1917־טן בערך ביי 2 600 000 אידן, וועלן מיר אויך קומען צום אויספיר, אז פאר הונדערט יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט כמעט נ יי ן הונדערט מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער זעלבער צייט פארגרעסערט ניט מער פון צוואנציג מאל, פון פינף מיליאן אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט ביז 100 מיליאן אין 1915־טן יאר.

נעמען מיר באזונדערע פעריאדן פון 19־טן יארהונדערט, זעהען מיר, אז פון די אכטציגער יארן ווערט די פארגרעסערונג באזונדער קאלאסאל. פאר די ערשטע 20 יאר — פון 1818 ביז 1840־טן יאר — קומט צו יערליך סך־הכל 545 אידן; פון 1840 ביז 1880 — קומט צו יערליך 5 375; פון 1880 ביז 1897 קומט שוין צו יערליך — 41 588; און פון 1897 ביז 1910 קומט שוין צו דורכשניטליך יעדער יאר — 85 312.

פארגלייכן מיר דעם וואוקס ביי דער אידישער באפעלקערונג מיט דעם וואוקס ביי דער גאנצער באפעלקערונג פאר דרייסיג יאר — פון 1880 ביז 1910.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג		אידן	
	אבסאלוטע צאל	צוואקס אין %	אבסאלוטע צאל	צוואקס אין %
1880	50 156 000	—	230 000	—
1910	92 175 000	83,8	2 044 762	789,0

ביי דער גאנצער באפעלקערונג איז געווען דער צוואקס פאר דרייסיג יאר 83,8 פראצענט און ביי די אידן 789 פראצענט, כמעט צ ע ן מ א ל מער.

לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט:

אין 1818־טן יאר 0,06 %

אין 1880־טן יאר 0,45 %
" 1910 " " " 2,19

פאר דער גאנצער צייט האט זיך דער פראצענט פון די אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג פארגרעסערט 36 מאל; פאר די לעצטע דרייסיג יאר — פון 1880 ביז 1910 — האט זיך דער דאזיגער פראצענט פארגרעסערט פינף מאל.

אין אמעריקע חזרט זיך איבער, נאר נאך אין אן אויסגעשפראכענער פארם דאס, וואס מיר האבן געזעהן אין רוסלאנד און אין עסטרייך. די אידן זיינען טאקי בנמצא אין אלע ווינקעלאך פון די פאראייניגטע שטאטן, ניטא קיין איין שטאַט פון אלע פופציג, ווי פארווארפן און ווייט פון די צענטערן ער זאל ניט ליגן, וואוהין אידן זאלן ניט אנשפארן. דער רוב מנין אבער פון די אמעריקאנער אידן איז קאנצענטרירט אין עטליכע שטאטן, און די טענדענץ צו צונויפנעמען זיך אין געדיכטע מאסן אין איינינע באשטימטע שטאטן ווערט וואס ווייטער שטארקער און אינטענסיווער.

טאבעלע LII

די אידן אין באזונדערע שטאטן פון אמעריקע (1907).

שטאַט	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג	פראצענט פון די אידן	פראצענט פון אלע אידן פון די שטאטן
ניו־יארק	7 268 894	905 000	12,3	50,9
פענסילוואניע	6 302 000	150 000	2,4	8,4
אילינויס	4 821 550	110 000	2,3	6,2
מאַסאַשוזעטס	2 805 346	90 000	3,2	5,1
אָגאַיאָ	4 157 545	85 000	2,0	4,8
ניו־דזשערסע	1 883 669	70 000	3,7	3,9
מיסורי	3 106 665	52 000	1,7	2,9
קאַליפאָרניע	1 285 053	42 000	3,3	2,4
מערילאנד	1 188 044	41 000	3,5	2,3
קאָנעקטיקוט	908 420	22 000	2,4	1,2
סך־הכל	**33 727 186**	**1567 000**	**4,6**	**88,2**

אט די דאזיגע טאבעלע ווייזט אונז, אז אין צען שטאטן געפינען זיך 88,2

פּראָצענט פון אלע אידן פון די שטאַטן, און אין אלע איבעריגע פעריצינג שטאַטן זיינען געבליבן ווייניגער פון 12 פּראָצענט, נאר איין אכטל. און דאס איז געווען אין 1907־טן יאר; פאר דער צייט, וואס איז פון דעמאלט אוועק, האט די קאָנ־צענטראַציע דערגרייכט נאך אן העכערע מדרגה. אין צען שטאַטן האבן געלעבט 88,2 פּראָצענט פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאַטן; קוקן מיר זיך אבער ווייטער צו צו דער נאר וואס געבראַכטער טאַבעלע, באמערקן מיר באלד, אז אין איין שטאַט ניו־יארק האט זיך געפונען אין 1907־טן יאר מ ע ר פ ו ן א ה ע ל פ ט (50,9 %) פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאַטן. ביי היינטיגן מאמענט איז קאנצענטרירט אינם דאזיגן שטאַט געוויס ביי צ ו ו י י ד ר י ט ל פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאַטן. נעמען מיר נאר די ערשטע דריי שטאַטן פון דער טאַבעלע — ניו־יארק, פּענסילוואַניע און אילינויס, — וואס יעדער פון זיי פארמאגט מער פון הונדערט טויזנט אידן, זעהען מיר, אז שוין אין 1907־טן יאר איז געווען אין די דאזיגע דריי שטאַטן קאנצענטרירט ביי צוויי דריטל פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאַטן, ווען פון דער גאנצער באפעלקערונג איז געווען אין די דאזיגע דריי שטאַטן קוים איין פינפטל. אין אלע צען שטאַטן האט געלעבט פון דער גאנצער באפעלקערונג 37 פּראָצענט, צוויי מיט א האלבן מאל ווייניגער, ווי ביי דער אידישער באפעלקערונג.

און לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאַכט אין די צען שטאַטן 4,6 פּראָצענט, צוויי מאל אזוי פיל, ווי אין דער גאנצער מלוכה. אין שטאַט ניו־יארק באזונדער האבן די אידן שוין דעמאלט — אין 1907־טן יאר — אויסגעמאַכט מער פון 12 פּראָצענט.

מיר גייען איבער צו דער פראגע וועגן קאנצענטראַציע אין גרויסע שטעט. די פאראייניגטע שטאַטן זיינען ב. ל' א לאנד מיט אן אנטוויקלטער אינדוסטריע, און די שטאָטישע באפעלקערונג מאכט דארטן אויס א גאנץ גרויסן פּראָצענט. אין 1910־טן יאר האט באטראָפן די שטאָטישע באפעלקערונג פון די פאר־אייניגטע שטאַטן 41,5 פּראָצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. נאר אין שטעט מיט העכער פון הונדערט טויזנט איינוואוינער האבן געוואוינט אין 1910־טן יאר 21,7 פּראָצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. נעמען מיר די אידישע באפעלקערונג, באקומען מיר גאר אן אנדער בילד. די שטאָטישע בא־פעלקערונג ביי די אידן פון די פאראייניגטע שטאַטן האט דערגרייכט אין 1910־טן יאר ביז 95 פּראָצענט פון אלע אידן, צוויי מאל מער ווי ביי דער גאנצער באפעלקערונג. אין שטעט מיט מער פון הונדערט טויזנט איינוואוינער האבן

געלעבט ביי אידן 88 פראצענט, פיר מאל מער ווי ביי דער גאנצער באַ-פעלקערונג.

א סך אינטערעסאנטער פאר אונז איז די קאנצענטראציע פון די אמעריי-קאנער אידן אין געדיכט-באזעצטע גרויסע קהלות. די אלגעמיינע טענדענץ פונם מאדערנעם אידנטום צו קאנצענטראציע האט דא געפונען איר פולסטן און שטארקסטן אויסדרוק. די טאבעלע LIII גיט אונז וועגן דער דאזיגער פראגע זעהר אינטערעסאנטן מאטעריאל.

טאבעלע LIII

די אידן פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע אין פארשיידענע טיפן קהלות (1907).

קהלות	די צאל קהלות	די אבסאלוטע צאל אידן	דער פראצענט פון אלע אידן אין די פאראיינ. שטאטן
מיט מער פון 50 טויזנט אידן	4	1 110 000	62,5
פון 25 ביז 50 " "	7	230 000	12,9
פון 10 ביז 25 " "	6	60 000	3,3
סך־הכל אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן	**17**	**1 400 000**	**78,7**
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	13	79 500	4,5
פון 1 טויזנט ביז 5 טויזנט אידן	36	72 300	4,1
סך־הכל אין קהלות מיט מער פון איין טויזנט אידן	**66**	**1 551 800**	**87,3**

אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידן האבן געלעבט אין 1907־טן יאר 78,7 פראצענט, כמעט פיר פינפטל פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאטן. נעמען מיר נאר די גרויסע קהלות (מיט מער פון פופציג טויזנט אידן) האבן מיר געהאט אין 1907־טן יאר סך־הכל פיר אזעלכע קהלות; זיי האבן אבער צונויפגענומען אין זיך כמעט צוויי דריטל (62,5) פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאטן. קהלות מיט מער פון טויזנט אידן זיינען געווען 66, און אין זיי האט געלעבט 87,3 פראצענט פון אלע אידן פון די פאראייניגטע

שטאטן. אין קהלות מיט ווייניגער פון טויזנט אידישע נפשות האט געלעבט דעמאלט סך־הכל א י י ן א כ ט ל פון אלע אידן.

די אלע געבראכטע דאטן געהערן צום 1907־טן יאר. פאר דער לעצטער צייט זיינען די גאר גרויסע קהלות גוואלדיג אויסגעוואקסן און אין 1917־טן יאר האבן שוין געלעבט אין פינף שטעט מער פון צוויי מיליאן אידן. ס׳האבן געוואוינט אידן אין 1917־טן:

1) ניו־יארק	1 350 000
2) טשיקאַגאָ	350 000
3) פילאַדעלפיע	175 000
4) באָסטאָן	75 000
5) באַלטימאָרע	65 000
סך־הכל	**2 015 000**

אין די דאזיגע פינף קהלות האט געלעבט אין 1917־טן יאר דריי פערטל פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאטן. אין דער איינער שטאָט ניו־יארק האט געלעבט מער פון א העלפט פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאטן.

פאלגנדיגע ציפער וועלן אונז געבן א פארשטעלונג וועגן דער אנטוויקלונג פון דער גרעסטער אידישער קהלה אין דער וועלט — ניו־יארקער.

אין ניו־יארק זיינען געווען אידן:

אין 1812־טן יאר	400
„ „ 1848 „	12 000
„ „ 1880 „	60 000
„ „ 1891 „	200 000
„ „ 1910 „	900 000
„ „ 1917 „	1 350 000

דער וואוקס איז מער ווי קאלאסאל. אין הונדערט יאר האט זיך די דאזיגע קהלה פארגרעסערט מער ווי ד ר י י ט ו י ז נ ט מ א ל. פון א קליינטשקע ניט־אנגעזעהענע קהלה מיט אזוינע 400 אידן איז זי אויסגעוואקסן צום גרעסטן אידישן צענטר, וואס פארמאגט אליין אזוי פיל אידן, וויפיל גאנץ עסטרייך און צוויי מאל אזוי פיל, וויפיל גאנץ דייטשלאנד.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן די אידן אויסגעמאכט אין ניו־

יארק אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט סך־הכל א האלבן פראצענט און אין 1908־טן יאר 23,5 פראצענט. ביי איצטיגן טאג שטעלן די אידן נעווים פאר א פערטל פון אלע איינוואוינער פון ניו־יארק.

פראגעס.

1. וואסערע אידן האבן עמיגרירט קיין אמעריקע: אין ערשטן פערטל פון 19־טן יארהונדערט? פון די דרייסיגער ביז די זיבעציגער יארן? אין די לעצטע צענדליגער יארן?

2. וויפיל זיינען געווען אידן אין די פאראייניגטע שטאטן: אין 1818־טן יאר? אין 1840־טן? אין 1880־טן? אין 1897־טן? אין 1910־טן? אין 1917־טן?

3. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט פאר הונדערט יאר: די גאנצע באַפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטן? די אידישע באפעלקערונג?

4. וואסער א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט: אין 1818־טן יאר? אין 1910־טן?

5. וואסער א חלק אידן האט געוואוינט אין 1907־טן יאר אין צען שטאטן? אין שטאָט ניו־יארק?

6. וואסער א פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס: אין צען שטאטן? אין שטאָט ניו־יארק?

7. וואסער א פראצענט פון דער באפעלקערונג האט געוואוינט אין שטעט אין 1910־טן יאר: ביי דער גאנצער באפעלקערונג? ביי אידן?

8. וואסער א פראצענט וואוינט אין שטעט מיט מער פון הונדערט טויזנט איינוואוינער: ביי דער גאנצער באפעלקערונג? ביי אידן?

9. וואסער א חלק פון אלע אידן פון די פאראייניגטע שטאטן לעבט: אין קהלות מיט מער פון 50 טויזנט אידן? אין קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידן? אין קהלות מיט מער פון טויזנט אידן? מיט ווייניגער פון טויזנט אידן?

10. וויפיל אידן האבן געלעבט אין 1917־טן אין די פינף גרעסטע אידישע קהלות פון די פאראייניגטע שטאטן?

11. וויפיל זיינען געווען אידן אין ניו־יארק: אין 1812־טן יאר? אין 1848־טן? אין 1880־טן? אין 1910־טן? אין 1917־טן?

12. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די ניו־יארקער אידישע קהלה פאר הונדערט יאר?

13. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט לגבי דער גאנצער באַ־פעלקערונג אין ניו־יארק: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין 1908־טן אר?

די אידן אין ארגענטינע און קאנאדע.

אין ארגענטינע איז געווען אין 1910־טן יאר 75 000 אידן. פון זיי האבן געלעבט אין די אידישע קאלאניעס ביז 25 000, אומגעפער א דריטל. די איבע־ריגע פופציג טויזנט אידן האבן געלעבט כמעט אויסשליסליך אין די שטעט פון ארגענטינע. אין בוענאָס־איירעס אליין האט געוואוינט ביז 25 טויזנט אידן.

די עמיגראציע קיין ארגענטינע האט זיך אנגעהויבן ערשט צום סוף פון די אכטציגער יארן פון 19־טן יארהונדערט, און לכתחילה האט זי געטראגן נאר א קאלאניזאציע־כאראקטער, און דעריבער איז זי געגאנגען אזוי פאמעליך. ערשט אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט הויבן אן וואקסן די אידישע קהלות אין די שטעט פון ארגענטינע — די עמיגראציע באקומט ברייטערע מעגליכקייטן און הויבט זיך אן פארגרעסערן.

אין קאנאדע האבן אידן געוואוינט נאר פון לאנג. און ווי אין די פאר־איינינטע שטאטן, אזוי איז אויך אין קאנאדע די ערשטע עמיגראציע באשטאנען כמעט נאר פון ספרדישע אידן. ערשט אין די אכטציגער יארן פון פאריגן יאר־הונדערט הויבן אן פארן קיין קאנאדע אידישע עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך, און די צאל פון די אידן דארטן הויבט זיך אן פארגרעסערן. דאך נייט דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין קאנאדע זעהר לאנגזאם און ערשט אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט ווערט ער אביסל אינטענסיווער.

ס'זיינען געווען אידן אין קאנאדע:

אין 1871־טן יאר	1 115	0,03 %
„ 1881 „ „	2 393	0,05 „
„ 1891 „ „	6 414	0,13 „
„ 1901 „ „	16 401	0,30 „
„ 1911 „ „	74 564	1,03 „

פאר פערציג יאר — פון 1871 ביז 1911־טן יאר — האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון קאנאדע פארגרעסערט כמעט ז י ב ע צ י ג מ א ל. דער־עיקר צוּוואקס איז געווען פאר די ערשטע צען יאר פון 20־טן יארהונדערט.

לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין 1871־טן יאר נאר א נישטיגן פראצענט — סך־הכל 0,03; אין 1911־טן יאר האט דער פראצענט פון די אידן שוין באטראפן 1,03 — פיר און דרייסיג מאל מער,

דאס הייסט, אז די אידישע באפעלקערונג פון קאנאדע וואקסט א סך אינטענ־סיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג. און אין דער אמתן: די אלגעמיינע באַ־פעלקערונג פון קאנאדע האט באטראפן:

אין 1871־טן יאר	3 635 024
„ „ 1911 „	7 206 643

הייסט עס, אז זי האט זיך פאר אלע פערציג יאר נאר פארדאפעלט, ווען די אידישע באפעלקערונג פאר דער איינענער צייט האט זיך פארגרעסערט כמעט זיבעציג מאל.

פון די כמעט 75 טויזנט קאנאדער אידן לעבן ביז דריי טויזנט אין אידישע קאלאניעס און די איבעריגע זיינען קאנצענטרירט כמעט אויסשליסליך אין די שטעט. פון זעכציג טויזנט קאנאדער אידן אין 1909־טן יאר האבן געלעבט אין:

מאָנרעאַל	30 000	50,00 %
טאָראָנטאָ	10 000	16,66 „
וויניפעג	8 000	13,34 „
סך־הכל	**48 000**	**80,00 „**

אין דריי שטעט האבן געוואוינט א כ ט צ י ג פראצענט פון אלע אידן פון קאנאדע.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין ארגענטינע אין 1910־טן יאר?
2. וויפיל פון זיי האבן געלעבט אין קאלאניעס?
3. ווען הויבט אן וואקסן די אידישע עמיגראציע קיין ארגענטינע?
4. פון וואסערע אידן זיינען באשטאנען די ערשטע אידישע עמיגראנטן אין קאנאדע?
5. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאנאדע: אין 1871־טן? אין 1911־טן?
6. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט פאר פערציג יאר: די גאנצע באַ־פעלקערונג? די אידישע באפעלקערונג?
7. ווי גרויס איז די באפעלקערונג אין די אידישע קאלאניעס פון קאנאדע?
8. וויפיל אידן וואוינען אין די דריי גרעסטע קהלות פון קאנאדע?

קאפיטל 18.

די אידן אין טערקיי.

קיין גענויע ידיעות וועגן דער צאל אידן אין דער טערקישער מלוכה זיינען ניט פאראן, און אלע ידיעות, וואס מיר ברייננען דא, האבן נאר א בערך׳דיגן ווערט.

ווי מיר האבן געבראכט אין דער טאבעלע I איז געווען אין טערקיי אין 1904־טן יאָר:

1. אייראפייאישער טייל	188,896 —	2,73 %
2. אזיאטישער טייל	256 895 —	1,16 %

די טערקישע אידן האבן פארמאגט א סך גרויסע קהלות, פון וועלכע די גרעסטע זיינען געווען פאלגנדיגע:

סאַלאָניקי	75 000
קאָנסטאַנטינאָפּאָל	65 000
ירושלים	50 000
באַגדאַד	40 000
אַדריאַנאָפּאָל	17 000
סמירנאַ	25 000
צְפַת	10 000
אלעפּאָ (ארם צובה)	10 000
סך־הכל	**292 000**

אין די אויסגערעכנטע אכט קהלות האט געלעבט 292 טויזנט אידן, ד. ה. 65,5 פראצענט פון אלע טערקישע אידן. קומט אויס, אז אפילו אין טערקיי האבן געלעבט צוויי דריטל פון אלע אידן אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות.

אין ארץ־ישראל זיינען געווען אידן:

אין 1880־טן יאר	35 000	7,0 %
„ 1910 „	86 000 „	14,3

די אידישע באפעלקערונג פון ארץ־ישראל איז אויסגעוואקסן פאר דרייסיג יאר אביסל מער פון צוויי מאל; דער פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט צוויי מאל, וואס ס׳באַ־ וויזט, אז דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג איז געווען צוויי מאל

שטארקער פונם וואוקס פון דער גאנצער באפעלקערונג. מיר מוזן אבער צוגעבן, אז דער אנגעוויזענער פראצענט פון די אידן אין פאלעסטינע, וואס נעמט זיך פון דער השערה, אז די גאנצע באפעלקערונג פון פאלעסטינע באטרעפט סך־הכל 600 000, רופט ארויס גרויסע ספקות. ס׳זיינען פאראן אפיציעלע ידיעות פון 1915־טן יאר, וועלכע בארעכענען די גאנצע באפעלקערונג פון פאלעסטינע מער פון א מיליאן. די אידישע באפעלקערונג האט באטראפן צו יענער צייט מאקסימום הונדערט טויזנט, אזוי אז מען מוז קומען צום אויספיר, אז די אידן מאכן אויס אין ארץ־ישראל ניט מער פון צען פראצענט. מיר נעמען ניט אין אכט, וואס די מלחמה האט געוויס פארקלענערט באדייטנד די צאל אידן אין פאלעסטינע, ווי מיר האבן דעם דאזיגן מאמענט איגנארירט בנוגע צו אלע לענדער און מלוכות.

די אידישע באפעלקערונג פון ארץ־ישראל האט געוואוינט אין 1910־טן יאר אין פאלגנדיגע ערטער:

1. ירושלים	50 000	
2. צפת	10 000	
3. יפו	8 000	
4. טבריה	6 000	
5. חיפה	3 000	
6. חדרון	1 000	
סך־הכל אין שטעט	**78 000**	**90,6 %**
7. אין די קאלאניעס	8 000	9,4 %

אין די קאלאניעס לעבט, הייסט עס, סך־הכל איין אכטל פון אלע אידן פון פאלעסטינע.

אין די אלע אויסגערעכנטע שטעט מאכן די אידן אויס א גאנץ גרויסן פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג. די אידן האבן אויסגעמאכט:

אין ירושלים	60 %
" צפת	30 "
" יפו	20 "
" טבריה	80 "
" חיפה	12 "

די אידישע קהלה אין ירושלים איז געוואקסן אין 19־טן יארהונדערט גאנץ אינטענסיוו. אין ירושלים זיינען געווען אידן:

אין	1856־טן	יאר	5 700
„	1864	„ „	10 000
„	1891	„ „	25 000
„	1900	„ „	40 000
„	1910	„ „	50 000

פאר 54 יאר האט זיך די דאזיגע קהלה פארגרעסערט כמעט ניין מאל. די גאנצע באפעלקערונג פון ירושלים האט זיך פאר דער איינעגער צייט פארגרעסערט נאר זעקס מאל.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן: אין דער אייראפייאישער טערקיי? אין דער אזיאטישער טערקיי?

2. וויפיל זיינען געווען אידן אין די אכט גרעסטע אידישע קהלות פון טערקיי?

3. וויפיל זיינען געווען אידן אין ארץ־ישראל: אין 1880־טן יאר? אין 1910־טן?

4. וואסער א פראצענט האבן אידן אויסגעמאכט אין ארץ ישראל לגבי דער גאנצער באפעלקערונג?

5. וואסער א פראצענט פון די אידן אין ארץ־ישראל וואוינט אין די קאלאניעס?

6. וואסער א פראצענט מאכן אידן אוים: אין ירושלים? אין צפת? אין טבריה?

7. וויפיל זיינען געווען אידן אין ירושלים: אין 1856־טן יאר? אין 1910־טן?

קאפיטל 19.

די אידן אין אפריקע.

די צאל אידן אין אַלזשיר האט באטראפן:

אין 1861־טן יאר	21 048	0,71 %	
„ „ 1881	35 663	1,07 „	
„ „ 1901	57 132	1,20 „	
„ „ 1911	70 271	1,26 „	

פאר פופציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון אלזשיר פאר־גרעסערט מער ווי דריי מאל — פון 21 048 אין 1861־טן יאר איז זי אויס־געוואקסן ביז 70 271 אין 1911־טן יאר.

אין דער הויפט־שטאט אלזשיר איז געווען אין 1900־טן יאר צען טויזנט אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט קרוב צו צען פראצענט פון דער גאנצער בא־פעלקערונג.

אין טוניס זיינען געווען אין 1911־טן יאר 50 383 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 2,61 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. פון זיי האט גע־לעבט אין דער הויפט־שטאט טוניס אליין ביז 40 טויזנט, ד. ה. כמעט גאנצע אכטציג פראצענט.

אין מצרים זיינען געווען אידן:

אין 1897־טן יאר	25 200	0,26 %
„ „ 1907	38 635	0,34 „

אין צוויי שטעט האט געלעבט מער פון א העלפט פון אלע אידן פון מצרים. אזוי איז געווען אידן:

אין קאַאירא	11 489
„ אלעקסאַנדריע	9 946

אין די דריי אפריקאנישע לענדער, וועגן וועלכע מיר האבן נאר וואס גערעדט, וואוינען מערסטנטיילס כמעט אויסשליסליך ארטיגע אידן, וואס זיינען זעהר ווייט אין אלע פרטים — הן לויט דער שפראך, הן לויט דעם אלגעמיינעם קולטורעלן מצב, הן לויט דער עקאנאמישער לאגע פון די אייראפייאישע אידן. אין אפריקע זיינען אבער פאראן ערטער, וואו ס'האבן זיך באזעצט עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך — דאס זיינען די קאלאניעס פון ענגלאנד. וועגן די דאזיגע קאלאניעס וועלן מיר איצט ברייננגען איינינע ידיעות.

ראשית ווענן קאַפּלאַנד. אין 1904־טן יאר איז דארט געווען 19 537 אידן. פון זיי האט געלעבט אין דער איינער שטאט קאַפּשטאַדט ניין טויזנט. די עמיגראציע קיין קאַפּלאַנד האט זיך אנגעהויבן נאך אין די צוואנציגער יארן פון 19־טן יארהונדערט; נאר ביז די אכטציגער יארן זיינען אהין געפארן אייגצעלנע אדער מאקסימום צענדליגער אידן. ערשט נאך די אכטציגער יארן האט זיך די עמיגראציע קיין קאַפּלאַנד פארגרעסערט. אין דער הויפּט־שטאט — קאַפּ־שטאַדט — איז געווען אין די פופציגער יארן ניט מער פון 15 אידישע משפחות.

אין טראַנסוואַל חזרט זיך איבער כמעט דאס זעלבע, וואס מיר האבן נאר וואס געזאגט ווענן קאַפּלאַנד. נאר אין טראַנסוואַל האט זיך די אידישע עמי־גראציע אנגעהויבן נאך שפּעטער. סך־הכל איז געווען אין טראַנסוואַל אין 1904־טן יאר 15 478 אידן, פון וועלכע ס'האבן געלעבט נאר אין דער הויפּט־שטאט יאָהאנעסבורג צען טויזנט.

ווענן אייניגע מלוכות פון אפריקע איז דא אזוי ווייניג ידיעות, אז מיר קאנען זיך באגענוגענען מיט דעם, וואס זיי זיינען אריין אין דער טאבעלע I; אין די איבעריגע איז דא אזוי ווייניג אידן, אז ס'לוינט ניט זיך לאנג פארהאלטן אויף זיי.

פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין אלזשיר: אין 1861־טן יאר? אין 1911־טן?
2. וויפיל זיינען געווען אידן אין דער הויפּט־שטאט אלזשיר?
3. וויפיל זיינען געווען אידן אין טוניס אין 1911־טן יאר? אין דער הויפּט־שטאט פון טוניס?
4. וויפיל זיינען געווען אידן אין מצרים: אין 1897־טן? אין 1907־טן?
5. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאַאירא? אין אלעקסאנדריע?
6. וויפיל זיינען געווען א״ן אין קאפלאנד? אין קאפשטאדט?
7. וויפיל זיינען געווען אידן אין טראנסוואל? אין יאהאנעסבורג?

קאפיטל 20.

די אידן אין אויסטראליע.

די אידישע קאלאניע אין אויסטראליע איז זעהר א קליינע. אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט האט זיך דארטן באזעצט א קליינע צאל ענגלישע אידן. צו די פופציגער יארן זיינען שוין אבער אין אויסטראליע געווען אויך עטליכע פוילישע אידן. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאר־הונדערט איז קיין אויסטראליע פארווארפן געווארן א קליין ריטשקעלע פונם גרויסן עמיגראציע־שטראם. דאס ריטשקעלע איז אבער געבליבן א קליינס און א שמאָליקס — און די צאל אידן אין אויסטראליע וואקסט זעהר לאנגזאם.

אזוי זיינען געווען אידן אין אויסטראליע:

אין 1891־טן יאר	15 268
„ „ 1901 „	16 850
„ „ 1911 „	19 415

די גרעסטע אידישע קהלה אין אויסטראליע איז געווען אין סידניי, וואו אין 1901־טן יאר איז געווען 5137 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 1,0 פרא־צענט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

פראגעס.

1. ווען האבן זיך אנגעהויבן אידן באזעצן אין אויסטראליע?
2. וויפיל זיינען געווען אידן אין אויסטראליע: אין 1891־טן יאר? אין 1911־טן?
3. וויפיל זיינען געווען אידן אין סידניי אין 1911־טן יאר?

שלוס-ווארט.

דער בוך, וואס ווערט ערשט איצט סוף פון 1921־טן יאר ארויסגעלאזט פון דרוק, איז געווען פארענדיגט זומער 1919 און האט זיך אפילו שוין אנגעהויבן זעצן אין קיעוו אין הארבסט 1919. צוליב איניגע סבות אבער האט די ארבעט געמוזט איבערגעריסן ווערן, און נאָך א סך גלגולים דורך פארשיידענע לענדער און מלוכות ערשיינט דער בוך ענדליך אין בערלין. מיר געפינען פאר נויטיג צוצוגעבן איניגע נייע מאטעריאלן, וועלכע האבן אין בוך ניט געקאנט אריין, און אויך דערקלערן איניגע פּרטים.

פון לעצטן וועלן מיר אנהויבן.

ביי אונז איז געגעבן דער מאַטעריאַל נאר פון פאר דער מלחמה. נאך דער מלחמה זיינען אבער פארגעקומען וויכטיגע שנוים — איינגע גרויסע מלוכות זיינען שטארק ארומגעשניטן און ארומגעהאקט געווארן, און אנדערע זיינען אויף זייער חשבון אויסגעוואקסן. א סך נייע מלוכות און מלוכהלאך זיינען פון ס'נייע געבוירן געווארן אדער תּחית המתים אויפגעשטאנען. ס'וואלט אלזוי נוט געווען, ווען מיר וואלטן געקאנט דעם גאנצן מאטעריאל איבערארבעטן אין הסכם מיט דער לאגע, וואס האט זיך געשאפן נאך דער מלחמה.

דאס איז אבער אוממעגליך.

ראשית, מחמת דער פראצעס פון איבערשניידן די אייראפייאישע קאַרטע, פון פארפילן דעם אייראפייאישן שטח מיט א סך קליינינקע מלוכה'לאך איז נאך ניט אינגאנצן פארענדיגט. און אפילו אויף וויפיל די דאזיגע ארבעט איז שוין פארענדיגט און פאַרמעל פארפיקסירט, קאן מען דאך האבן גאר גרויסע ספקות, אויף וויפיל דאס אלץ האט אונטער זיך א זיכערן און פעסטן באדן. ווארום פאר יעדן איז קלאר, אז וויפיל מען זאל זיך ניט סטארן צו באלקאניזירן אייראפע, די היסטאריש־עקאנאמישע טענדענצן פון די גרויסע מלוכות פון מיטל־אייראָפּע וועלן סוף כל סוף מוזן נובר זיין. און ס'איז זעהר מעגליך, אז אין איין שיינעם אדער, פארקערט, כמורנעם פריהמארגן וועלן מיר פלוצלינג געוואר ווערן, אז א סך „מלוכות" זיינען נפטר געווארן.

די איצטיגע מלוכה־קארטע פון אייראפע מוז באטראכט ווערן, ווי א צייט־ווייליגע, ווי א איבערגייענדיגע. ווייל די מלחמה איז אין אמתן אריין נאך ניט פארענדיגט, ניט קוקנדיג אויף די פיל אונטערגעשריבענע שלום־אָפּמאַכן. מען קאן נאך גאר ניט וויסן, ווי די אייראפּייאישע מלוכה־קארטע וועט אין איינעגע יאר ארום אויסזעהן.

נאר ס'איז דא נאך א וויכטיגערע סבה, וואס מאכט אוממעגליך צו געבן א סטאטיסטיש בילד פון דער לאגע, וואס האט זיך נאך דער מלחמה אפּגעשטעלט.

אין איינעגע לענדער, וואו ס'וואוינען גרויסע אידישע מאסן, זיינען נאך דער מלחמה קיין ציילונגען ניט פארגעקומען; וואס איז שייך צו די לענדער, וואו ס'זיינען שוין נאך דער מלחמה פארגעקומען פאלקס־ציילונגען, וועלן די נויטיגע פאר אונז מאטעריאלן פארעפנטליכט ווערן ערשט אין איינעגע יאר ארום. ווארום פאר אונז האבן דער־עיקר א אינטערעס ניט די אלגעמיינע דאטן וועגן דער צאל איינוואוינער אין דער אדער יענער מלוכה, נאר דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון יעדער מלוכה, דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון באזונדערע קאַנטן און ראיאנען, פון באזונדערע וואוין־ערטער (שטעט, שטעטלאך און דערפער). אזעלכע דעטאליזירטע ציפערן וועלן געווים פארעפנטליכט ווערן הלואי אין א פאר יאר ארום.

מיר מוזן אבער נאך אנווייזן אט אויף וואס. אונזערע מאטעריאלן זיינען אזוי צוזאמענגעשטעלט, אז זיי נעמען תמיד ארום באזונדערע נאציאנאלע קאנטן אדער ראיאנען. אזוי ווי דאס רוב נייגעבילדעטע מלוכות זיינען מערסטנטיילס אויסגעשניטן פון נאציאנאלע קאנטן, איז ניט שווער אויפן גרונט פון אונזערע מאטעריאלן צונויפצושטעלן די אדער יענע פון די דאזיגע מלוכות.

נעמען מיר, למשל, פוילן. נעמען מיר די צען רוסיש־פוילישע גובערניעס, גראָדנער און ווילנער גובערניע, גאליציע פון עסטרייך און פויזן פון דייטשלאנד — און מיר באקומען מער פון 95 פּראצענט פון אלע איצטיגע פוילישע אידן. מיר באקומען כמעט די גאנצע אידישע באפעלקערונג פון דער נייער פוילישער מלוכה. דאס זעלבע איז בנוגע צו אוקראינע, צו רומעניע, טשעכא־סלאָוואַקיי און אזוי ווייטער.

בנוגע צו דער געשיכטליכער אנטוויקלונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער אדער יענער נייגעבילדעטער מלוכה, קאן מען אויך זאגן דאס זעלבע. נעמען מיר נאך א מאל פאר א משל פוילן. מיר ווילן וויסן דעם וואוקס פון

דער אידישער באפעלקערונג פאר א געוויסן פעריאד צייט אין מאדערנעם פוילן, אין דער פוילישער מלוכה אין אירע איצטיגע געאגראפישע גרעניצן. לויט אונזערע מאטעריאלן איז דאס ניט שווער צו געפינען. אין אונזער בוך זיינען פאראן ידיעות וועגן וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין די צען רוסיש-פוילישע גובערניעס, אין גאליציע און פויזן פאר מער פון הונדערט יאר; וועגן ווילנער און גראָדנער גובערניעס פאר מער פון 70 יאר.

און נאך איין זאך. דער הויפט-אינטערעס פון דער אידישער סטאַטיסטיק ליגט ניט אזוי אין דער אלגעמיינער צאל אידן אין דער אדער יענער מלוכה, ווי אין דער געאָגראַפישער איינטיילונג פון דער אידישער באפעלקערונג אין די ראַמען פון יעדער באשטימטער מלוכה, אין דער איינטיילונג פון די אידן צווישן פארשיידענע וואוין-ערטער, אין די נאציאָנאלע כחות-פארהעלטענישן אין פאר-שיידענע קאַנטן און וואוין-ערטער, אין דער אבסאלוטער און רעלאטיווער קאָנ-צענטראַציע פון די אידישע מאַסן. אַט די דאזיגע אלע פראַגן ווערן אין בוך אזוי דעטאַל באהאנדלט און דער עיקר בנוגע צו אזעלכע קליינע געאָגראַפישע שטחים און נאציאָנאַלע קאַנטן, אז ס'וועט גאנץ גרינג זיין צו פארגלייכן די פארגאנגענהייט (אויפן גרונט פון די דאַטן פון אונזער בוך) מיט דער געגנ-ווארט (אויפן גרונט פון די ציילונגען, וואס זייער רעזולטאַט וועט ערשט פאר-עפנטליכט ווערן).

און דאס איז אייגנטליך דער עיקר — יעדע סטאַטיסטישע דאַטע באקומט ערשט דעמאלט איר אמתן ווערט און באטייט, ווען זי קאן פארגלייכט ווערן, ווען זי קאן ארויסווייזן די לעבנס-טענדענצן, וואס זיינען פארבאָרגן אין איר, ווען זי באלייכט ניט נאר דעם געגעבענעם צושטאנד, נאר אויך דעם פארקומענדיגן פראָצעס.

כדי צו מאכן באקאנט דעם לעזער מיט די נייע מאטעריאַלן, וואס וועלן אין משך פון די נאָהענטע יארן פארעפנטליכט ווערן, וועלן מיר זיך באמיהען פון צייט צו צייט ארויסגעבן העפטן — הוספות צום בוך — וועלכע וועלן אנטהאלטן די רעזולטאַטן פון די פאָרגעקומענע פאלקס-ציילונגען.

מיר גייען איבער צו די נייע מאַטעריאַלן, וועלכע מיר האבן א מעגליכ-קייט שוין איצט צוצוגעבן.

מיר ברייגען די טאבעלע LIV, וועלכע מיר נעמען פון אַמעריקאַניש-אידישן סטאַטיסטישן יארבוך. די דאזיגע טאבעלע פרובט זיך געבן א סטאַ-טיסטיש בילד פון דער לאגע, וואס האט זיך געשאַפן נאך דער מלחמה. די

די צאל אידן אין פארשיידענע לענדער און מלוכות.

יאר	% פון אלע אידן	% פון אידן לגבי דער אלגעמ. באפעלקערונג	פון דעם — אידן	די אלגעמיינע באפעלקערונג	מלוכות
					אייראָפּע:
1919	25,98	13,22	4 100 000	31 000 000	פוילן
1919	20,91	11,00	3 300 000	30 000 000	אוקראינע
1919	6,34	5,77	1 000 000	17 300 000	רומעניע
1919	3,18	0,88	500 000	58 122 273	דייטשלאַנד
1919	2,85	2,90	450 000	15 500 000	אונגאַרן
1910	2,21	2,48	349 000	14 000 000	טשעכאָ־סלאָוואַקיי
1918	1,74	0,59	275 000	46 407 037	ענגלאַנד
1919	1,58	12,50	250 000	2 000 000	ליטע
1919	1,26	0,21	200 000	95 000 000	גרויס־רוסלאנד (איירא־פּייאיש סאָוועט־רוסלאנד)
1920	1,26	3,29	200 000	6 071 978	דייטש־עסטרייך
1919	0,96	0,36	150 000	41 476 272	פראַנקרייך
1919	0,96	5,90	150 000	2 522 000	לעטלאַנד
1919	0,76	1,80	120 000	6 336 000	גריכנלאַנד
1910	0,67	1,79	106 309	5 945 155	האָלאַנד
1919	0,63	0,85	100 000	11 600 000	דרום־סלאַוויע (סערביע קראָאַציע און סלאַוואָניע)
1919	0,48	6,00	75 000	1 250 000	אייראפּייאיש טערקיי
1919	0,29	1,00	45 000	4 500 000	בולגאַריע
1919	0,27	0,11	43 000	36 548 542	איטאַליע
1910	0,13	0,51	19 023	3 741 971	שווייץ
1910	0.10	0,20	15 000	7 423 784	בעלגיע
1919	0,05	1,46	7 500	512 500	עסטלאַנד
—	0,03	0,02	4 000	19 503 068	שפּאַניע
1911	0,03	0,20	5 164	2 775 076	דענעמאַרק

72.68% din toti Evreii 2.41% din neevrei Total evrei Europa Intre 1910-1919

מלוכות	די אלגעמיינע באפעלקערונג	פון דעם — אידן	% פון אידן צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג	% פון אלע אידן	יאר
Europa					
שוועדן	5 136 441	3 912	0,07	0,02	1910
פינלאַנד	3 300 000	2 000	0,06	0,01	1919
קיפר, גיבראַלטאַר, מאַלטאַ	528 000	1 445	0,27	0,01	1911
לוקסעמבורג	259 891	1 270	0,45	0,007	1910
נאָרוועגיע	2 391 782	1 045	0,04	0,007	1910
פאָרטוגאַל	5 482 132	1 000	0,02	0,006	—
ס"ה אין איראָפּע	476 633 902	11 474 668	2,41	72,68	
אַזיע: Azia					
אזיאַטיש טערקיי	20 650 000	177 500	0,86	1,12	—
ארץ־ישראל	700 000	85 000	12,0	0,54	1916
אַזיאַטיש רוסלאַנד	10 295 900	76 262	0,74	0,49	1913
פּערסיע	9 500 000	40 000	0,42	0,25	—
אינדיע	315 156 396	20 980	0,006	0,13	1911
אַפגאַניסטאַן און טורקעסטאַן	6 000 000	18 316	0,31	0,12	1916
איבעריגע אַזיאַטישע מלוכות	48 412 310	15 274	0,03	0,10	1911/12
ס"ה אין אַזיע	410 714 606	433 332	0,11	2,75	
אַפריקע: Africa					
מאַראָקאָ	5 000 000	103 712	2,11	0,66	—
אַלזשיר	5 563 828	70 271	1,20	0,45	1914
טוניס	1 878 620	54 664	2,90	0,35	1914
די שטאַטן פון דרום־אַפריקע	5 973 394	47 000	0,78	0,30	1911
מצרים	11 287 359	38 635	0,34	0,24	1907
אַביסיניע	—	25 000	—	0,16	—
טריפּאָלי	523 176	18 860	3,60	0,12	1911

יאר	% פון אלע אידן	% פון אידן לגבי דער אלג. באפעלקערונג	פון דעם — אידן	די אלגעמיינע באפעלקערונג	מלוכות
1914/16	0,01	0,03	1 580	5 684 000	איבעריגע אַפריקאַנישע מלוכות
	2,29	1,00	359 722	35 874 377	ס"ה אין אַפריקע
					אַמעריקע:
1918	20,91	3,20	3 300 000	103 000 000	פאַראיינ. שטאַטן
1911	0,48	1,05	75 681	7 204 838	קאַנאַדע
1916	0,01	0,07	2 000	2 627 536	קובאַ
1917	0,01	0,17	1 487	850 000	יאַמאַיקע
1912	0,003	0,003	500	15 501 684	מעקסיקע
	21,41	2,62	3 379 668	129 184 058	ס"ה א. צפון־אַמער.
1917	0,70	1,22	110 000	9 000 000	אַרגענטיניע
1917	0,03	0,02	4 000	20 000 000	בראַזיליע
1917	0,02	0,06	2 557	3 974 435	איבעריגע מלוכות פון דרום־אַמעריקע*)
	0,75	0,35	116 557	32 974 435	ס"ה א. דרום־אַמער.
	22,16	2,16	3 496 225	162 158 493	ס"ה אין גאַנץ אַמעריקע
					אויסטראַליע:
1911	0,11	0,39	17 287	4 455 005	אויסטראַל. שטאַטן
1916	0,01	0,21	2 128	1 099 295	ניי־זעלאַנד
	0,12	0,35	19 415	5 554 300	ס"ה א. אויסטראַליע
	100,00	1,44	15 783 362	**)1 090 935 678	ס"ה אין דער גאַנצער וועלט

*) אחוץ פּערו.

**) אין דער דאָזיגער צאָל נייען נים אריין כינע (320 מיליאָן), יאפּאן (53 מיליאָן) און אנדערע מלוכות (קארעא, סיאם און אנד.), אין וועלכע ס'וואוינען כמעט קיין אידן נים. די אלגעמיינע צאָל מענשן אין דער גאַנצער וועלט באטרעפט מער פון אנדערטהאלבן מיליארד.

Africa
America - N.
America - S.
Australia
Total lumea
1910-1917
minus China, Jap
idem
1897-1911
(pare exact)
180
Total= 12/44, 23i Evrei
vezi pag. 19
1920 14 500 000
(pag 181)

טאבעלע נוימינט זיך אבער אין איינינע אויסבעסערונגען, ווייל די צוזאמ־נע שטעלער פון דער טאבעלע האבן געמאכט א פאר פעלערן.

